STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05771

GEZAMELTE DRAMEN

Leonid Andreyev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָניד אנדרעיעוו

געזאַמעלטע דראַמען

דאָס לעבען פונ׳ם מענשען
יודיש פון ווארשע און לאפין
קעניג הונגער
יודיש פון אָלגין
די טעג פון אונזער לעבען
יודיש פון מ. קאַטץ

פערלאַג: מייזעל עט קאָ.
424 Grand Street, New York
1911

פרייז 60 סענט נעט; אויסערהאַלב ניו יאָרק 75 סענט.

Copyright, 1910, by
Maisel & Co., New York.

דאס לעבען פונ׳ם מענש׳ן.

דעם הייליגען אַנדענקען פון מיין פריינד,
מיין פרוי, ווידמע איך די זאַך, די לעצטע,
אויף וועלכער מיר האָבען געאַרבייט צוזאמען.

לעאָניד אַנדרעיעוו.

פּראָלאָג.

„עמיץ אין גרויען“, וועלכען מען רופט ער, רעדט וועגען מ ע נ ש ע נ ׳ ס לעבען. דער אָנבליק פון א גרויסען, רעגעלמעסיג־פּיערקאנטיגען, איינגאנצען לעדיגען צימער, אָהן א טיר און אָהן פענסטער. אלץ איז אין איהם גרוי, רויכיג, איינפארביג; גרויע וועגד, א גרויער סופיט, א גרויע פּאָדלאָגע. פון אן אונזיכטבארען קוואַל גיסט זיך א גלייכעס, שוואכעס ליכט — איז עס אויך גרוי, איינאַרטיג, איינפארביג, געשפּענסטערהאפט, און עס גיט ניט קיין שאָטענס, ניט קיין ליכט־פלעקען. אָהן א רויש רוקט זיך אָב פון דער וואנד „ע מ י ץ א י ן ג ר ו י ע ן“, וואָס איז געווען צו איהר צוגעטוליעט. ער טראָגט א ברייטען, פאָרמלאָזען גרויען קיטעל, וואָס מאכט ניט־קלאָר בולט די קאנטורען פון זיין גרויסען קערפּער. אויף זיין קאָפּ איז אן עהנליכער צודעק, וואָס פערהילט מיט א געדיכטען שאָטען דאָס אויבערשטע טייל פון זיין געזיכט. זיינע אויגען זעהט מען ניט. דאָס, וואָס זעהט זיך ארויס: די באקענביינער, די נאָז, די שארפע גאמבע איז מאסיוו און שווער, גלייך ווי אויסגעהאקט פון גרויען שטיין. זיינע ליפּען זייענען פעסט צוזאמענגעדריקט. לייכט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, הויבט ע ר אָן צו ריידען מיט א הארטער, קאלטער שטימע, אין וועלכער ס׳איז ניטאָ קיין אויפרעגונג און ליידענשאפט — אזוי ווי א געדונגענער פארלעזער, וואָס לעזט מיט א גרויזאמער גלייכגילטיגקייט דעם ס פ ר ה ג ו ר ל ו ת.

„קוקט און הערט, איהר וועלכע זיינט געקומען אהער פאר

פערגעניגען און געלעכטער. אַט וועט פאַר אייך דורכגעהן דאָס גאַנצע לעבען פון דעם מ ע נ ש ע ן מיט זיין פינסטערן אָנהויב און פינסטערער ענדע. ביז איצט אַ ניט־געוועזענער, אַ געהיימ־ניספול־פערבאָרגענער אין דער אונענדליכקייט פון די צייטען, אַ ניט געטראַכטער, ניט געפיהלטער, פאַר אַלעמען אַן אונבעוואוס־טער, — וועט ער געהיימניספול צושטערען די טויערען פון ניט־זיין און מיט אַ געשריי אָנזאָגען וועגען דעם אָנהויב פון זיין קורצען לעבען. אין דער נאַכט פון ניט־זיין וועט אויפפלאַמען אַ לייכטער, אָנגעצונדען פון אַן אונבעקאַנטער האַנד — דאָס איז דעם מ ע נ ש ע נ'ס לעבען. קוקט זיך איין אויף זיין פלאַם — דאָס איז דעם מ ע נ ש ע נ'ס ל ע ב ע ן.

געבוירען ווערענדיג, וועט ער אננעהמען די געשטאַלט און דעם נאָמען פון אַ מענשען, און אין אַלצדינג וועט ער ווערען עהנליך צו די מענשען, וואָס לעבען אויף דער ערד. און זייער גרויזאַמער גורל, וועט ווערען זיין גורל, און זיין גרויזאַמער גורל וועט ווערען דער גורל פון אַלע מענשען. אָהן אַן אויפהער געצויגען פון דער צייט, וועט ער אונפערמיידליך דורכגעהן אַלע שטאַפּלען פונ'ם מענשליכען לעבען פון דער נידער אין דער הויך, פון דער הויך אין דער נידער. בעגרענצט אין זיין קוק, וועט ער קיינמאָל ניט דערזעהן דעם נאָהענטסטען שטאַפּעל אויף וועלכען עס הויבט זיך שוין זיין וואַקעלדיגער פוס. בעגרענצט אין זיין וויסען, וועט פאַר איהם פערבאָרגען זיין, וואָס עס ברייננט איהם דער קומענדיגער טאָג, די קומענדיגע שעה און מינוט. און אין זיין בלינדען ניט־וויסען, געמאַטערט פון פאָרגעפיהלען, אויפגערעגט פון האָפונגען, וועט ער אונטערטעניג דורכגעהן דעם אייזערנעם בעשערטען קרייז.

אַט איז ער — אַ גליקליכער יונגלינג. קוקט זיך איין, ווי העל עס פלאַקערט דאָס ליכט. אַן אייז־קאַלטער ווינד פון אונענדליכע רוימען יאָגט און דרעהט זיך מאַכטלאָז, וויעגענדיג דעם פלאַם —

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

העל און ליכטעג ברענט דאָס ליכט. אָבער ס׳קומט אָב דער וואַקס — פונ׳ם פייער פערצעהרט, — אבער ס׳קומט אָב דער וואַקס.

אָט איז ער — א גליקליכער מאַן און פאַטער. אבער גיט א קוק, ווי טונקעל און מאָדנע עס שווינדעלט דאָס ליכט: גלייך ווי ער רונצעלט זיך דער געלבליכער פלאַם, גלייך ווי ער ציטערט פון קעלט און בעהאַלט זיך. דען עס צוגעהט דער וואַקס — פונ׳ם פייער פערצעהרט — דען ס׳צוגעהט דער וואַקס.

אָט איז ער — אן אַלטער, א קראַנקער און שוואכער. שוין געענדיגט די שטאַפּלען פון לעבען, און א שווארצער גראָבען אי׳ז אויף זייער אָרט. נאָר עס ציהט זיך נאָך אַלץ פאָראויס דער ציטער־רענדער פוס. זיך בויגענדיג צו דער ערד, נייגט מאכטלאָז זיך דער בלויליכער פלאַם און פאַלט — און לעשט זיך שטיל אויס.

אזוי וועט שטאַרבען דער מ ע נ ש. קומענדיג פון דער נאכט, וועט ער זיך צוריקקעהרען צו דער נאכט, און וועט אָהן א שפור פערגעהן אין דער אונענדליכקייט פון די צייטען, — א ניט־געטראכטער, א ניט־געפיהלטער, פאַר אַלעמען אַן אונבעוואוס־טער. און א י ך, דער, וועמען אַלע רופען ע ר, וועל בלייבען אַן אייביגער בעגלייטער פון דעם מ ע נ ש ע ן אין אַלע טעג פון זיין לעבען, אויף אַלע זיינע וועגען. אונגעזעהן פונ׳ם מענשען און זיינע נאהנטע, וועל איך אָהן אויפהער זיין דאָ נעבען, ווען ער וואכט און שלאָפט, ווען ער בעט און ווען ער שילט. אין שעה׳ן פון פרייד, ווען עס פליהט הויך זיין פרייער און מוטיגער גייסט; אין שעה׳ן פון טרויער און אומעט, ווען מיט א טויט־מיעדער בענקשאפט ווערט די נשמה פערכמארעט, און אין הארצען פריהרט דאָס בלוט; אין שעה׳ן פון נצחונות און מפּלות, אין שעה׳ן פון גרויסען ראנגלען זיך מיט דאָס, וואָס איז בעשערט — א י ך וועל זיין מיט איהם, א י ך וועל זיין מיט איהם.

און איהר, וועלכע זיינט געקומען אהער פאר פערגעניגען, איהר צום טויט פער׳משפּט׳ע, קוקט זיך איין און הערט זיך צו: אָט וועט פאר אייך דורכגעהן ווי א ווייטער און געשפּענסטערהאפ־

טער אָבקלאנג מיט זיינע פריידען און פּיינען דאָס גיך־פּערגע־
הענדע לעבען פון דעם מ ע נ ש ע ן".

„עמיץ אין גרויען" ווערט ענטשוויגען. אין שטיל שוויי־
גען לעשט זיך אוים דאָס ליכט, און פינסטערניש הילט איהם איין
אין דעם גרויען, לעדיגען צימער.

פאָרהאנג פאלט.

דאָס ערשטע בילד.

דעם מענשענ'ס געבורט און דער מוטער'ס וועהען.

א טיעפער חשך, אין וועלכען אלצדינג איז אונבעוועגליך. זוי א קופּע גרויע פּערנורעטע מייז טרעטען אונקלאָר ארוים די גרויע סילועטען פון די ז ק נ ו ת אין מאָדנע שלייערס און די ליניען פון א גרויסען, הויכען צימער. איינע צו דער אנדערער לאַכענדיג, פיהרען זיי א שטילען געשפּרעך.

דער געשפּרעך פון די ז ק נ ו ת.

— כ'וואָלט געוואָלט וויסען, וואָס וועט געבוירען ווערען ביי אונזער בעקאנטער: א זוהן צי א טאָכטער?

— איז איך דען ניט אלץ איינס?

— איך האָב ליעב יונגלעך.

— און איך האָב ליעב מיידלעך. זיי זיצען תמיד אין דער היים און וואַרטען, ווען מען קומט צו זיי.

— און איהר האָט ליעב צו געהן צו גאסט?

ד י ז ק נ ו ת ל א כ ע ן ש ט י ל.

— ע ר ווייס.

— ע ר ווייס.

ש ט י ל - ש ו ו י י ג ע ן.

— אונזער בעקאנטע וויל ליעבערשט האָבען א מיידעל. זי זאָגט, אז יונגלעך זיינען ווילד, און וואגען צו־פיעל, און קריכען אין געפאהר. נאָך קליינערהייד האָבען זיי ליעב צו קריכען אויף הויכע בוימער און באָדען זיך אין טיעפען וואסער. און אָפט פאַר־

✤✤✤

לען זיי אראָב, און אָפּט טרינקען זיי זיך. און ווען זיי ווערען דער־וואקסענע, פיהרען זיי מלחמות, און הרג׳ענען איינער דעם אנדערן.

— זי מיינט, אז מיידלעך טרינקען זיך ניט. און איך האָב טאקע ניט איינמאָל געזעהן דערטרונקענע מיידלעך. און געווען זיי־נען זיי, ווי אלע דערטרונקענע: נאסע און גרינע.

— זי מיינט, אז שטיינער טויטען ניט קיין מיידלעך!

— איהר איז אזוי שווער צו געבעהרען, נעבעך. אָט איז שוין זעכצעהן שעה ווי מיר זיצען דאָ, און זי שרייט אלץ. צוערשט האָט זי געשריען אזוי הילכיג, אז די אויערן האָבען אנגעהויבען וועה צו טאָהן פון איהר שרייען, דערנאָך שטילער, און איצט כריפּעט זי נאָר און קרעכצט.

— דער דאָקטאָר זאָגט, אז זי וועט שטארבען.

— ניין, דער דאקטאָר זאגט, אז דאָס קינד וועט זיין א טויטס, און זי אליין וועט בלייבען לעבען.

ד י ז ק נ ו ת ל א כ ע ן ש ט י ל.

— יא, זיי געבעהרען און שטארבען.

— און געבעהרען ווידער.

ז י י ל א כ ע ן. ע ס ה ע ר ט ז י ך א ש ט י ל ג ע־ש ר י י פ ו ן ד ע ר ל י י ד ע נ ד ע ר פ ר ו י.

— ס׳האָט זיך ווידער אנגעהויבען.

— זי האָט ווידער דעם קול געקריגען. דאָס איז גוט.

— דאס איז גוט.

— דער מאן נעבעך: ער איז אזוי צוטומעלט געוואָרען, א קוק טהאָן אויף איהם איז צו לאכען. פריהער האָט ער זיך גע־פרעהט, וואס זיין פרוי איז שוואנגער, און האָט געזאגט, אז ער וויל א יונגעל. ער מיינט, אז זיין זוהן וועט זיין א מיניסטער אָדער א גענעראל. איצט וויל ער גארניט, ניט קיין יונגעל, ניט קיין מיי־דעל, נאָר ער ווארפט זיך, און ער וויינט.

— ווען ביי איהר הויבען זיך אָן די וועהען, דרענגט ער זיך

אליין און ווערט רויט. מען האט איהם געשיקט אין אפטייק נאך א רפואה, האט ער צוויי שעה זיך ארומגעדרעהט ארום אפטייק, און האט זיך ניט געקענט דערמאנען, וואס ער דארף. אזוי איז ער צוריקגעקומען.

די זקנות לאכען שטיל. דער געשריי ווערט שטארקער און שטארבט אב. שטיל־שווייגען.

— וואס איז מיט איהר. אפשר איז זי שוין געשטארבען.

— ניין. דאמאלס וואלטען מיר א געוויין דערהערט. דאמאלס וואלט דער דאקטאר אריינגעלאפען אהער און גערעדט פוסטע רייד. דאמאלס וואלט מען אריינגעטראגען דעם מאן א געחלש'טען, און מיר וואלטען שוין געהאט וואס צו טהאן. ניין, זי איז ניט געשטארבען.

— אויב אזוי, צו וואס זיצען מיר דא?

— פרעגט ביי א י ה ם. וואס ווייסען מיר?

— ע ר וועט ניט זאגען.

— ע ר וועט ניט זאגען. ע ר רעדט קיין ווארט ניט.

— ע ר טרייבט אונז ארום. ע ר הויבט אונז אויף פון די בעטען און צווינגט אונז צו וואכען. דערנאך לאזט זיך אויס, אז מען האט גארניט געדארפט קומען.

— מיר זיינען אליין געקומען. צי דען זיינען מיר ניט אליין געקומען? מען מוז זאגען די ריכטיגקייט. אט שרייט זי שוין ווידער. נאך ווייניג פאר אייך?

— און איהר זיינט צופריעדען?

— איך שווייג, איך שווייג און ווארט.

— ס'ארא גוטע איהר זייט?

זיי לאכען. די געשרייען ווערען שטארקער.

— ווי זי שרייט! ווי עס טהוט איהר וועה! ווייסט איהר

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

פון דעם וועהטהאָג? עס איז פונקט ווי די גערערים וואָלטען זיך צורייסען.

— מיר האָבען אלע געבוירען.

— עפּעס ווי זי איז ניט זי. איך דערקען ניט אונזער בעַ־קאַנטער'ס קול. איהר קול איז דאָך אזא ווייכער און צארטער.

— עס איז גיכער עהנליך צו דעם וואָיען פון א חיה. ס'פיהלט זיך נאכט אין דעם געשריי.

— עס פיהלט זיך אַן אונענדליך פינסטערער וואַלד, און א יאוש, און א שרעק.

— ס'פיהלט זיך איינזאמקייט און טרויער. איז דען נעבען איהר קיינער ניטאָ? פארוואָס הערען זיך ניט אנדערע קולות, אויסער דעם ווילדען יאָמער?

— זיי ריידען, נאָר מען הערט זיי ניט. האָט איהר בעמערקט, ווי איינזאם איז תמיד דעם מענשענ'ס געשריי: אלע ריידען, און מען הערט ניט, שרייט אָבער איינער, דוכט זיך, אז אלעס שווייגט און הערט.

— איך האָב איינמאָל געהערט ווי א מענש, וועמען א וואָגען האָט איבערגעפאהרען דעם פוס, האָט געשריען. די גאס איז געוועזן פול מיט מענשען, און געדוכט האָט זיך, אז ער איז איינער אליין.

— דאָס איז אבער שרעקליכער.

— זאגט: היליכיגער.

— צוציוגענער, אפשר.

— ניין, שרעקליכער. דאָ פיהלט זיך דער טויט.

— אויך דאָרט האָט זיך געפיהלט דער טויט. ער איז טאקע געשטארבען.

— קריעגט אייך ניט! איז אייך דען ניט אלץ איינס?

ש ט י ל - ש ו ו י י ג ע ן. ג ע ש ר י י.

— ווי מאָדנע עס שרייט א מענש! פיהלט מען אליין א

✤✤✤

וועהטהאָג און מען שרייט, בעמערקט מען ניט, ווי מאָדנע עס איז, ווי מאָדנע.

— איך קען זיך ניט פאָרשטעלען דאָס מויל, וואָס גיט ארויס אזעלכע קולות. זאָל דאָס זיין א מויל פון א פרוי? איך קען זיך ניט פאָרשטעלען.

— עס פיהלט זיך, אז עס איז צוקרימט.

— ערגעץ אין א טיעפעניש ווערט געבוירען דער קול. איצט איז עס א געשריי פון איינעם, וואָס טרינקט זיך. הערט, זי פער־בלינעט זיך!

— עמיץ א שווערער האָט זיך געזעצט איהר אויפ'ן ברוסט!

— עמיץ ווערגט איהר!

ד י ג ע ש ר י י ע ן ו ו ע ר ע ן א נ ט ש ו ו י ג ע ן.

— ענדליך איז זי אנטשוויגען געוואָרען. דאָס דערעסט. דער געשריי איז אזוי איינארטיג און ניט־שעהן.

— און אייך ווילט זיך אויך דאָ שעהנקייט, ניט וואָהר?

ד י ז ק נ ו ת ל א כ ע ן ש ט י ל.

— שטילער! ע ר איז דאָ?

— איך ווייס ניט.

— דוכט זיך, יאָ.

— ע ר האָט ניט ליעב קיין געלעכטער.

— מען זאגט, אז ע ר לאכט אליין.

— ווער האָט עס געזעהן? דאָס זיינען בלויז קלאנגען: ווע־גען איהם דערצעהלט מען אזוי פיעל ליגענס.

— ער הערט, וואס מיר ריידען. לאָמיר זיין ערנסט!

ל א כ ע ן ש ט י ל.

— און נאָך אלעמען וואָלט איך זעהר געוואָלט וויסען, צי וועט עס זיין א יונגעל, צי א מיידעל.

— יא, ס'איז אינטערעסאנט צו וויסען מיט וועמען מען וועט האָבען צו טהאָן.

— איך וואָלט געוואָלט, עס זאָל שטאַרבען, נאָך איידער ס'איז געבוירען.

— ס'אַרא גוטע איהר זייט!

— ניט בעסער פאַר אייך.

— און איך וואָלט געוואָלט, עס זאָל זיין אַ גענעראַל.

ל א כ ע ן.

— איהר זייט שוין צו־לאַכעדיג! מיר געפעלט עס ניט.

— און מיר געפעלט ניט, וואָס איהר זייט אַזוי מרה־שחורה'דיג.

— קריעגט אייך ניט! קריעגט אייך ניט! מיר זיינען אַלע אי לאַכעדיגע, אי מרה־שחורה'דיגע. זאָל יעדע זיין, ווי זי וויל.

ש ט י ל ־ ש ו ו י י ג ע ן.

— ווען זיי ווערען געבוירען, זיינען זיי זעהר לעכערליך. לע־בערליבע קינדערלעך.

— און זעלבסטצופריעדענע.

— און מאַנען אַזוי פיעל! איך האָב זיי ניט ליעב. באַלד הויבען זיי אָן שרייען און מאַנען, גלייך ווי פאַר זיי מוז שוין אַלץ גרייט זיין. זיי זעהען נאָך ניט, און שוין ווייסען זיי, אַז ס'איז פאַרהאַן אַ ברוסט מיט מילך, און מאַנען עס. דערנאָך מאַנען זיי, מען זאָל זיי שלאָפען לעגען. דערנאָך מאַנען זיי, מען זאָל זיי וויע־גען און שטיל פאַטשען איבער'ן רויטען רוקענדעל. איך האָב זיי מעהר ליעב, ווען זיי שטאַרבען: דאַמאָלס מאַנען זיי ווייניגער. עס ציהט זיך אוים אליין און בעט ניט מעהר מען זאָל עס וויעגען.

— ניין, זיי זיינען זעהר לעכערליך, איך האָב זיי ליעב אַרומ־צואוואַשען, ווען זיי ווערען געבוירען.

— און איך האָב זיי ליעב אַרומוואַשען, ווען זיי זיינען טויט.

— קריעגט אייך ניט! קריעגט אייך ניט! יעדע וועט האָבען דאָס איהריגע: איינע וועט אַרומוואַשען, ווען עס וועט געבוירען ווערען, די אַנדערע — ווען עס וועט שטאַרבען.

— אבער פּאַרוואָס מיינען זיי, אז זיי האָבען א רעכט צו מאָ־
נען, ווי נאָר זיי ווערען געבוירען? מיר געפעלט עס ניט.

— זיי מאָנען ניט. דאָס מאָנט דער מאָגען.

— זיי מאָנען שטענדיג!

— אבער מען גיט זיי דאָך קיינמאָל ניט.

די זקנות לאכען שטיל. די געשרייען הינטער'ן וואנד הערען זיך אויפ'ס־ניי.

— זי שרייט ווידער!

— חיות געבעהרען גרינגער.

— און שטארבען גרינגער. און לעבען גרינגער. איך האָב א קאַץ. וואָלט איהר נאָר זעהן, ס'אַרא דיקע און גליקליכע זי איז.

— און איך האָב א הונד. איך זאָג איהם יעדען טאָג: דו וועסט שטארבען! — און ער שטשירעט אויס די ציין און דרעהט פרעהליך מיט'ן ווידעל.

— זיי זיינען דאָך אבער — חיות.

— און דאָס — זיינען מענשען.

זיי לאכען.

— אדער זי געבעהרט, אדער זי שטארבט. עס פיהלען זיך די לעצטע כחות אין דעם יאָמער.

— אויסגעשטאַרטשעטע אויגען...

— קאלטער שוויים אויפ'ן שטערען...

הערען זיך איין.

— זי געבעהרט.

— ניין, זי שטארבט.

די געשרייען רייסען זיך אָב.

— איך זאָג אייך...

„עמיץ אין גרויען" רעדט הילכיג און געביטעריש.

— שטילער! דער מענש איז געבוירען געווארען.

כמעט אין דער רגע, ווען ער רעדט אוים די ווערטער, דער־הערט זיך א געשריי פון א קינד, און א ליכט פלאמט אויף אין זיין האנד. א הויכעס, ברענט עס אונזיכער און שוואך, נאר ביסלעכווייז ווערט דער פייער שטארקער. דער ווינקעל, וואו עס שטעהט אונבעוועגליך „עמיץ אין גרויען", איז אלעמאל טונקעלער פון אלע איבעריגע, און דער געלער פלאם פון ליכט בעלייכט זיין שארפע גאמבע, די פעסט־צוזאמענגעדריקטע ליפען און די מאסיווע ביינערדיגע באקען. דאס אויבערשטע טייל פון פנים איז פערהילט פון א צודעק. זיין וואוקס איז אביסעל העכער פון א געוועהנליכען מענשען.

א ליכט, א לאנגע, א דיקע איז אריינגעשטעלט אין אן אלט־פרענקישען לייכטער. אויפ'ן גרינעם פאן פון דער בראנזע זעהט זיך קלאר זיין האנד, א גרויע, א הארטע, מיט דינע לאנגע פינגער.

ס'ווערט ביסלעכווייז ליכטיג, און פון דער פינסטערניש טרעטען ארוים די פיגורען פון פינף איינגעהויקערטע זקנות אין מאדנע שלייערס, און א צימער. דער צימער איז הויך, רעגעלמעסיג־פיערקאנטיג, מיט גלאטע איינפארביגע ווענד. פון פארענט און רעכטס־צו צוויי הויכע אכט־שויביגע פענסטער, אהן פארהענגלעך; אין די פענסטער קוקט די נאכט. ביי די ווענד שטעהען שטולען מיט הויכע גלייכע אנלענען.

די זקנות — איילענדיג.

— איהר הערט ווי זיי לויפען! דאס געהט מען אהער.
— ווי ליכטיג! מיר געהען אוועק.
— קוקט, דאס ליכט איז הויך און העל.
מיר געהען אוועק! מיר געהען אוועק! גיכער!

— מיר וועלען אבער קומען! — מיר וועלען אבער קומען!

זיי לאכען שטיל, און אינ׳ם האלב-טונקעל, מיט מאָדנע זיג-זאגען-בעוועגונגען, שלייכען זיי זיך ארוים, איינע צו דער אנדע-דער לאכענדיג. ווען זיי געהען אוועק, ווערט דאָס ליכט שטארקער, אבער דאָך מאַט, קאַלט, אָהן לעבען; דער ווינקעל, וואו עס שטעהט אונבעוועגליך „ע מ י ץ א י ן ג ר ו י ע ן" איז טונ-קעלער פון אלע איבעריגע.

ס׳געהט אריין דער ד א ק ט א ר אין א ווייסען שפּיטאָל-חאַלאַט און דער פ א ט ע ר פון דעם מ ע נ ש. אויף דעם פאַ-טער׳ס געזיכט איז אן אויסדרוק פון טיעפער מיעדקייט און פרייד. אונטער די אויגען בלויע רעדער, די באקען איינגעפאלען, די האָר צושויבערט. אנגעטהאָן זעהר אבגעלאָזען. דער ד א ק ט א ר האָט זעהר א געלעהרטען אויסזעהן.

ד ע ר ד א ק ט א ר.

ביז דער לעצטער מינוט האָב איך ניט געוואוסט, צי וועט אייער פרוי בלייבען לעבען, צי ניט. איך האָב אָנגעווענדט מיין גאנצע קונסט און וויסען, נאָר אונזער קונסט בעטייט אזוי ווייניג, אויב די נאטור אליין קומט אונז ניט צו הילף. און איך בין געוועזן זעהר אויפגערעגט, נאָך איצט שלאָגט דער פולס ביי מיר אזוי שטארק. שוין אזוי פיעל קינדער האָב איך געהאָלפען אויף דער וועלט קומען, און יעדעס מאָל בין איך אן אויפגערעגטער. אבער איהר הערט זיך דאָך ניט צו, מיין הערר!

ד ע ם מ ע נ ש ע נ׳ס פ א ט ע ר.

איך הער זיך צו, אבער איך הער גארניט. נאָך ביז איצט קלינגט אין מיינע אויערן איהר געשריי, און איך פערשטעה ניט גוט. ווי פיעל האָט זי געליטען, נעבעך! משוגע און נאריש, האָב איך אזוי געוואָלט האָבען קינדער, נאָר איצט זאָג איך זיך אָב פון דעם פערברעכערישען בעגעהר.

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

ד ע ר ד א ק ט א ר.

איהר וועט מיך נאָך רופען, ווען ס'וועט געבוירען ווערען ביי איידְ דאָס צווייטע קינד.

ד ע ר פ א ט ע ר.

ניין, קיינמאָל ניט. איך שעהם זיך צו זאגען, נאָר איך האָס איצט דאָס קינד, צוליעב וועלכען זי האָט אזוי פיעל געליטען. איך האָב איהם אפילו ניט געזעהן: ווי זעהט ער אויס?

ד ע ר ד א ק ט א ר.

ער איז א פעטינקער, געזונדער יונגעל. אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז ער עהנליך צו אייך.

ד ע ר פ א ט ע ר.

עהנליך צו מיר? ווי גליקליך איך בין! איצט הויב איך איהם אָן ליעב צו האָבען. מיר האָט זיך אלע מאָל געוואָלט האָבען א יונגעל און ער זאָל זיין עהנליך צו מיר. איהר האָט געזעהן: ער האָט א נאָז, ווי מיינע, ניט אמת?

ד ע ר ד א ק ט א ר.

יא. די נאָז און די אויגען.

ד ע ר פ א ט ע ר.

די אויגען אויך? דאָס איז אזוי גוט! איך וועל אייך בעצאהלען מעהר ווי איך האָב אבגעמאכט.

ד ע ר ד א ק ט א ר.

איהר וועט מיר דארפען בעצאהלען עקסטרא פאר די צוואנגען וואס איך האָב געברויכט.

דער פאטער ווענדט זיך צום ווינקעל, וואו אונבעוועגליך

✤✤

שטעהט ע ר: — געלויבט ביסט דו גאָט, וואָס דו האָסט דער־פיעלט מיין פערלאַנג און געגעבען מיר א זוהן, וואָס איז עהנליך צו מיר. געלויבט ביסט דו דערפאר, וואס מיין פרוי איז ניט גע־שטארבען, און מיין קינד לעבט. און איך בעט דיך: מאַך ער זאָל אויסוואקסען א גרויסער, א געזונדער און שטארקער; ער זאל זיין א קלוגער און עהרליכער, און ער זאל אונז קיינמאָל ניט מצער זיין: ניט מיך, ניט זיין מוטער. אויב דו וועסט טהאָן אזוי, וועל איך שטענדיג גלויבען אין דיר און געהן אין קירך. איצט האָב איך מיין זוהן זעהר ליעב.

ס'קומען אריין די ק ר ו ב י ם. זעקס אין צאָהל. אן אונ־געוועהנליך־דיקע, עלטערע דאמע מיט א'ן אראָבהענגענדיגע גאמבע און קליינע גאוה'דיגע אויגלעך, זעהר א גדלות'דיגע און א שטאָל־צע. אן עלטערער הערר, איהר מאַן, זעהר א לאַנגער און אן אונ־געוועהנליך־מאָגערער, אזוי אז די קליידער הענגען אויף איהם. א שארף ציעגען בערדעל, לאַנגע ביז צו דער פלייצע, גלאטע ווי איינ־גענעצטע האָר, און ברילען; קוקט דערשראָקען און אין דערזעל־בער צייט בעלעהרענד; אין האנד האלט ער א הוט, א נידריגען, שווארצען צילינדער. זייער טאָכטער, א יונגינקע מיידעל, מיט א נאיוו פערריסען נעזעל, פינטעלדיגע אויגען און אן אפענעם מויל. א מאָגערע דאמע, מיט א זעהר דערשלאָגענעם און זויערן אויסזעהן; האלט אין דער האנד א נאָז־טיכעל און ווישט אָפט דאָס מויל. צוויי יונגע מענשען, איינגאנצען עהנליך איינער צום אנדערן. אוננגע־וועהנליך הויכע קעלנערלעך, וואָס ציהען אויס דעם האלז, גלאט־צוגעקאמטע האָר, אן אויסדרוק פון ערשטוינונג און צוטומעלקייט.

אלע אנגעוויזענע אייגענשאפטען פון יעדען פון זיי דערגריי־כען די העכסטע ענטוויקלונג.

די עלטערע דאמע.

ערלויב מיר, טייערער ברודער, דיר א מזל־טוב אבגעבען צו דיין זוהן'ס געבורט.

✤✤✤

קושט איהם.

ד ע ר ע ל ט ע ר ע ר ה ע ר ר.

ערלויב מיר, טייערער קרוב, דיר א הארציגען מזל־טוב אבגע־בען צום געבורט פון דיין לאנג ערוואַרטעטען זוהן.

קושט איהם.

ד י א י ב ע ר י ג ע.

ערלויבט אונז, טייערער קרוב, אייך א מזל־טוב אבגעבען, צו אייער זוהן'ס געבורט.

קושען איהם. דער דאקטאר געהט אוועק.

ד ע ר פ א ט ע ר. זעהר גערירט.

א דאנק אייך! א דאנק אייך! איהר זייט אלע זעהר גוטע, זעהר פיינע און ליעבע מענשען, און איך האָב אייך זעהר ליעב. פריהער בין איך געווען אין ספק, און האָב געמיינט, אז דו, טייערע שוועסטער, ביזט אביסעל צופיעל פערנומען מיט זיך און מיט דיינע מעלות, און איהר, טייערער שוואָגער, זיינט אביסעל צו פעדאנטיש. און די איבעריגע, האָב איך געמיינט, זיינען קאלט צו מיר און קו־מען נאָר א מיטאָג אָבעסען. איצט אָבער זעה איך איין, אז איך האָב געהאט א טעות. איך בין זעהר גליקליך: ביי מיר איז גע־בוירען געוואָרען א זוהן, עהנליך צו מיר, און דערצו האָב איך פלוצלינג דערזעהן אזוי פיעל מענשען, וואס האָבען מיך ליעב.

קושען זיך.

א י ו נ ג ע מ י י ד ע ל.

ווי וועט איהר א נאָמען געבען אייער זוהן, טייערער פעטער. עס ווילט זיך מיר זעהר, עס זאל זיין א שעהנער, פאָעטישער נאָ־מען. עס וואונדערט זיך אזוי פיעל אָן א מענשענ'ס נאָמען.

✤✤

ד י ע ל ט ע ר ע ד א מ ע.

מיר ווילט זיך, עס זאל זיין אן איינפאכער און סאָלידער נאָ־מען. מענשען מיט שעהנע נעמען זיינען זעהר לייכטזיננינגע און האָבען זעלטען ערפאָלג אין לעבען.

ד ע ר ע ל ט ע ר ע ר ה ע ר ר.

מיר דוכט, טייערער שוואגער, איהר וואלט בעדארפט אייער זוהן א נאָמען געבען נאָך עמיצען פון די עלטערע קרובים. דאָס פיהרט צום קיום און פערשטארקונג פון דער משפחה.

ד ע ר פ א ט ע ר.

יאָ. איך און מיין פרוי האָבען שוין געטראכט וועגען דעם, נאָר מיר האָבען ניט געקענט בעשליסען. איבערהויפט, ווען א קינד ווערט געבוירען, קומען אזוי פיעל נייע געדאנקען און זאָרגען.

ד י ע ל ט ע ר ע ד א מ ע.

דאס פילט אָן דאס לעבען.

ד ע ר ע ל ט ע ר ע ר ה ע ר ר.

דאָס שטעלט א הויכען ציעל פאר'ן לעבען. ערציהענדיג א קינד, אבראמענדיג פון זיין וועג די אלע פעהלערן, פון וועלכע מיר זיינען די אפּפער געווען, פערשטארקענדיג זיין פערשטאנד מיט אונזער אייגענער רייכער ערפאהרונג, בעשאפען מיר אויף אזא אופן א בעסערן מענשען, און בעוועגען זיך פאמעלעך אבער זיכער, צום ענדציעל פון לעבען — צו פאָלקאמענהייט.

ד ע ר פ א ט ע ר.

איהר זייט גאָר גערעכט, געעהרטער שוואגער. ווען איך בין געווען א קליינער, האָב איך זעהר ליעב געהאט צו פייניגען חיות, און דאס האָט ענטוויקעלט אין מיר אכזריות. מיין זוהן וועל איך

ניט לאָזען פייניגען חיות. שוין אלס דערוואקסענער מענש, האָב איך אָפט זיך געאירט אין פריינדשאפט און אין ליעבע: פלעג זיך אויסקלייבען אומווירדיגע פריינד און אונטרייע פרויען. מיין זוהן וועל איך ערקלערען...

ד ע ר ד א ק ט א ר קומט אריין און רעדט הויך.

מיין העררָ, אייער פרוי פיהלט זיך זעהר שלעכט, זי וויל אייך זעהן.

ד ע ר פ א ט ע ר.

אָה, מיין גאָט!

געהט אוועק צוזאמען מיט'ן דאקטאר.

די קרובים זעצען זיך אין א האלבען קרייז און א שטיקעל צייט שווייגען זיי. אין ווינקעל, מיט'ן שטיינערנעם פנים צו זיי גע־וועגדט, שטעהט אונבעוועגליך „ע מ י ץ א י ן ג ר ו י ע ן".

דער געשפרעך פון די קרובים.

— מיינסט ניט, מיין ליעבע פרוי, אז אונזער קרובה קען שטארבען?

— ניין, איך מיין עס ניט. זי איז זעהר אן אונגעדולדיגע פרוי און מאכט פון איהרע ליידען א גרויסען ווע׳זען. אלע ווייבער גע־בעהרען, און קיינע שטארבט ניט. איך האָב אליין געבוירען זעקס מאָל.

— אבער זי האָט אזוי געשריען, מאמע!

— יא, ביי איהר איז דער פנים געשוואלען פון שרייען. איך האָב זיי אויפמערקזאם געמאכט דערויף.

— דאָס איז ניט פון שרייען. דאָס איז דערפאר, וואס מען דארף זיך אנשטרענגען. דו פערשטעהסט עס ניט. ביי מיר איז אויך דער פנים געוועזען געשוואָלען, און איך האָב ניט געשריען.

— מיינע א בעקאנטע, אן אינזשיניער'ס פרוי, האָט ניט לאנג געבוירען און האָט אויך כמעט ניט געשריען.

— איך וויים. אומזיסט איז דער ברודער אזוי אונרוהיג: מען דארף זיין הארטער און קוקען אויף זאכען רוהיגער. איך האָב מורא, אז אויך אין דעם קינד'ס ערציהונג וועט ער אריינטראָגען א סך פאנטאזיעס און צולאזענקייט.

— ער איז א מענש גאָר אָהן א ווילען. ער האָט אליין אזוי ווענינ געלד, און ער לייהט מענשען, וואס פערדינען ניט קיין צו־טרוי.

— איהר ווייסט, ווי פיעל ס'האָט געקאסט די וועש פאר'ן קינד?

— רעדט שוין גאר ניט, מיך ערגערט אזוי דעם ברודער'ס לייכטזיניגקייט. מיר קריעגען זיך אָפט צוליעב דעם.

— מען זאגט, אז א בושעל ברענגט די עופה'לעך. הײנט וואָס איז עס פאר א בושעל!

די יונגע מענשען קייכען פאר געלעכטער צוזאמען.

— רעד ניט קיין נארישקייטען. פאר דיינע אויגען האָב איך גאנצע פינף געבוירען, און איך בין גאָט צו דאנק, ניט קיין בושעל.

די יונגע מענשען קייכען ווידער, און די עלטערע דאמע קוקט אויף זיי לאנג און שטרענג.

— דו מוזט געדענקען, אז דאָס איז א פאָראורטייל. קינדער ווערען געבוירען אויף א נאטירליכען, פון דער וויסענשאפט שטרענג בעשטימטען וועג.

— איצט זענען זיי אין א נייער דירה.

— ווער?

— דער אינזשיניער און זיין פרוי. די אלטע דירה איז געווען זעהר א פייכטע און א קאלטע. זיי האָבען זיך א פאָר מאָל גע־קלאָגט פאר'ן בעל־בית פון הויז אבער ער האָט זיי ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאמקייט.

— לויט מיין מיינונג איז א קליינע דירה אבער א ווארעמע, בעסער איידער א גרויסע און א פייכטע. אין א פייכטער דירה קען מען שטארבען פון קאטארען און רעמאטיזם.

— איך האָב בעקאַנטע, וואָס וואוינען אויך אין אַ פייכטער דירה.

— מיינע בעקאַנטע אויך. זעהר אַ פייכטע!

— פאַראַן איצט אַזוי פיעל פייכטע דירות!

— זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, איך האָב אייך שוין לאַנג געוואָלט פרעגען: ווי אַזוי נעהמט מען אַרוים פעטע פלעקען פון העלען שטאָף?

— פון וואָלענעם?

— ניין, פון זיידענעם.

די געשרייען פון קינד הערען זיך הינטער׳ן וואַנד.

— נעהמט אַ קליין שטיקעל ריינעם אייז און רייבט אָן דעם אָרט, וואו די פלעקען זענען. און ווען איהר וועט גוט דורכרייבען, נעהמט אַ הייסען אייזען און פרעסט עס אויס.

— זעהט נאָר, ווי איינפאַך! און איך האָב געהערט, אַז ס׳איז בעסער מיט באָרנעם וואַסער.

— ניין, באָר וואַסער איז גוט נור פאַר טונקעלע שטאָפען. פאַר העלע איז דאָס בעסטע — אייז.

— זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, מען קען דאָ רויכערן? כ׳האָב עפּעס קיינמאָל ניט געטראַכט, צי מען מעג רויכערן, ווען אַ קינד איז נור־וואָס געבוירען געוואָרען.

— מיר איז עס אויך קיינמאָל ניט אויסגעקומען, מאָדנע! אויף אַ לויה, ווייס איך, איז ניט אנשטענדיג צו רויכערן, דאָ אָבער...

— נאַרישקייטען! געוויס, מעג מען.

— נאָר רויכערן טאַבאַק איז איבערהויפּט זעהר אַ שלעכטע געוואוינהייט! איהר זיינט נאָך גאָר אַ יונגער מענש, און איהר וואָלט בעדאַרפט היטען אייער געזונד. אין לעבען טרעפט אַזוי אָפט, ווען דאָס געזונד איז נויטיג.

— אבער טאַבאַק רעגט אויף.

— גלויבט מיר, עס איז זעהר אַן אונגעזונדע ערר͏עגונג. איך

האָב אליין אין די יונגע יאָהרען, ווען איך בין געוועזן לייכטזיניג, מיסברויכט דאָס טאַבאַק רויכערן...

— מאַמע, ווי ער שרייט! ווי ער שרייט, מאַמע! ער וויל אביסעל מילך?

די יונגע מענשען קייכען. די עלטערע דאַמע קוקט אויף זיי שטרענג.

פאָרהאַנג פאַלט.

דאָס צווייטע ביל.

ליעבע און אָרימקייט.

אַלץ איז בעגאָסען מיט אַ העלען וואַרעמען ליכט.

אַ גרויסער, זעהר הויכער און זעהר אָרימער צימער. גאַנץ גלאַטע, העל־ראָזע ווענד, ערטערווייז בעדעקט מיט אַ פאַנטאַסטי־שען שעהנעם געמיש פון פייכטע פלעקען. אין דער רעכטער וואַנד צוויי הויכע אַכט־שויביגע פענסטער אָהן פאַרהאַנגלעך; אין זיי קוקט אַריין די נאַכט. צוויי אָרימע בעטען, צוויי שטולען און אַן אונבעדעקטער טיש. אויפ'ן טיש שטעהט אַ האַלב צובראָכענער קריגעל מיט וואַסער און אַ שעהנער בוקעט מיט פעלד בלומען.

אין ווינקעל, וואָס איז טונקעלער פון אַלע איבעריגע, שטעהט „ע מ י ץ א י ן ג ר ו י ע ן". דאָס ליכט אין זיין האַנד איז קלענער געוואָרען אויף אַ דריטעל, נאָר דער פלאַם איז נאָך זעהר העל, הויך און ווייס, און וואַרפט שטאַרקע ליכט־פלעקען אויף זיין שטיינערנעם פּנים און גאַמבע. עס קומען אַריין די ש כ נ י ם, אָנגעטהאָן אין פרעהליכע העלע קליידער. זייערע הענד זיינען פול מיט בלומען, גראָז, גרינע, פרישע צווייגען פון דעמבע און בערעזע. זיי צולויפען זיך איבער'ן צימער. אַלע האָבען איינ־פאַכע, פרעהליכע און גוטע געזיכטער.

דער געשפּרעך פון די שכנים.

— ווי אָרים זיי זיינען! זעהט, זיי האָבען ניט קיין איין אי־בריגען שטוהל...

— ניט קיין פאָרהאַנגלעך אויף די פענסטער...

—ניט בילדער אויף די ווענד...

✤✤

— ווי אָרים זיי זיינען! זעהט, זיי עסען בלויז טרוקען ברויט...

— און טרינקען בלויז וואסער; קאלט וואסער פונ'ם קוואל.

— זיי האָבען אפילו ניט קיין איבריגע קליידער. זי געהט תמיד ארום אין איהר העל־ראָזען קליידעל, מיט'ן הוילען העלדזעל, און דאָס מאכט איהר עהנליך צו א מיידעל.

— און ער אין זיין בלוזע און ווילדען שליפּס איז עהנליך צו אן ארטיסט, ניט קיין וואונדער וואָס אלע הינד בילען אויף איהם בייז...

— און וואָס ער רופט ארויס אן אונצופריעדענהייט ביי אלע לייטישע מענשען!

— הינד האָבען פיינט אָרימע לייט. איך האָב נעכטען גע־זעהן, ווי דריי הינד זיינען איהם בעפאלען, און ער האָט זיך גע־וועהרט מיט א שטעקען און האָט געשריען: איהר זאָלט זיך ניט דערוועגען אָנצוריהרען מיינע הויזען! דאָס זיינען מיינע איינ־ציגע הויזען! און ער האָט געלאכט, און די הינד האָבען זיך גע־וואָרפען אויף איהם מיט אויסגעשטשירעטע ציין און האָבען געוואָ־יעט פאר כעס.

— און איך האָב היינט געזעהן, ווי צוויי אנשטענדיגע מענ־שען, א הערר און א דאמע, האָבען זיך דערשראָקען פאר איהם און זיינען אריבערגעגאנגען אויף דער אנדער זייט. באלד וועט ער א נדבה בעטען — האָט געזאָגט דער הערר. ער וועט אונז הרג'־ענען — האָט זיך צוקוויטשעט די דאמע, און זיי זיינען אריבער אויף דער אנדער זייט, ארום געקוקט זיך און געהאלטען זיך ביי די קעשענעס. און ער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געלאכט.

— ער איז אזא פרעהליכער!

— זיי לאכען תמיד.

— און זינגען!

— דאָס זינגט ער. זי טאנצט.

—אין איהר ראָזען־קליידעל מיט'ן הוילען העלדזעל.

✤✤

— א פערגעניגען אַ קוק צו טהאָן אויף זיי: אזעלכע יונגע און ליעבליכע.

— און איך האָב רחמנות אויף זיי: זיי זיינען דאָך הונגעריג. איהר פערשטעהט, הונגעריג.

— יא, דאָס איז אמת. זיי האָבען געהאט מעהר מעבעל און קליידער, נאָר זיי האָבען אלצדינג פארקויפט. איצט האָבען זיי שוין ניט וואָס צו פארקויפען.

— איך געדענק, זי האָט געהאט אזעלכע שעהנע אויריננגלעך, און זי האָט זיי פארקויפט אויף ברויט.

— און ער האָט געהאט א שעהנעם, שווארצען חתונה־ראָק, האָט ער איהם אויך פארקויפט.

— בלויז די תנאים־רינגען האָבען זיי נאָך. ווי אָרים זיי זיינען!

— דאָס איז גאָרניט. דאָס איז גאָרניט. איך בין אליין יונג געוועזן און איך ווייס עס.

— וואָס רעדסטו, זיידעניו?

— דאָס איז גאָרניט. דאָס איז גאָרניט.

— קוקט זיך איין, דעם זיידען האָט זיך פערגלוסט צו זינגען, דערמאָנענדיג זיך אָן זיי.

— און טאנצען.

זיי לאכען.

— — ער איז אזא גוטער: ער האָט געמאכט מיין יונגעל א פייל און בויגען.

— און זי האָט געוויינט מיט מיר, ווען מיין טאָכטער איז קראנק געוועזן.

— ער האָט מיר געהאָלפען אויפשטעלען דעם איינגעפאַלענעם פארקאַן. א געזונדער יונג!

— אַ פערגעניגען צו האָבען אזעלכע גוטע שכנים. זייער יוגענד דערוואָרעמט אונזער קאַלטען עלטער, זייער זאָרגלאָזיגקייט פערטרייבט אונזערע זאָרגען.

— זייער צימער איז אָבער עהנליך צו אַ תפיסה: ער איז אזוי לעדיג.

— ניין, ער איז עהנליך צו אַ טעמפּעל. אין איהם איז אזוי ליכטיג.

— קוקט זיך איין, ביי זיי אויפ'ן טיש זיינען בלומען. דאָס האָט זי צונויפגעקליבען, שפּאצירענדיג אויפ'ן פעלד אין איהר ראָזען־קליידעל מיט'ן הוילען העלדזעל. זעהט נאָר, מאַי־גלעקלעך! דער טוי איז נאָך אויף זיי.

— אָט איז אַ פרישע רויטע פעך־נעלקע.

— אָט זיינען פיילכען.

— אָט איז אַן איינפאך גרין גרעזעל!

— ריהרט ניט אָן, מיידלעך, ריהרט ניט אָן די בלומען. איהרע קושען זיינען אויף זיי — לאָזט זיי ניט פאלען אויף דער ערד; איהר אָטהעם איז אויף זיי — בלאָזט איהם מיט אייער אָטהעם ניט אוועק. ריהרט ניט מיידלעך, ריהרט ניט די בלומען!

— ער וועט קומען און דערזעהן די בלומען!

— ער וועט נעהמען דעם קוש.

— ער וועט אויסטרינקען איהר אָטהעם...

— ווי אָרעם זיי זיינען! ווי גליקליך זיי זיינען!

— לאָמיר אוועקגעהן! לאָמיר אוועקגעהן פון דאנען!

— אָבער ניט שוין זשע האָבען מיר גאָרנישט ניט געבראכט אונזערע ליעבע שכנים! דאָס וואָלט געוועזן אזוי שלעכט!

— איך האָב געבראכט אַ פלאש מילך און אַ שטיקעל ווייסען, שמעקעדיגען ברויט.

שטעלט אוועק אויפ'ן פענסטער.

— און איך— ווייבע, צארטע גראָז: שיט מען עס איים אויף דער פּאָדלאָגע, ווערט די שטוב ווי אַ בליהענדע לאָנקע, און עס שמעקט מיט פריהלינג.

צושיט.

— און איך בלומען!

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

צואוואָרפּט זיי.

— און מיר צווייגלעך פון דעמבע און בערעזע מיט גרינע בלעטער: בעפּוצט מען מיט זיי די ווענד, פיהלט זיך אַ גרינער, פרעהליכער וואַלד.

פערפּוצען דעם צימער, פערשטעלענדיג די טונקעלע פענ־סטער און פאַרדעקענדיג מיט בלעטער די ראָזע הוילקייט פון די ווענד.

— און איך — אַ גוטען ציגאַר. ער איז זעהר אַ ביליגער, אָבער אַ שטאַרקער און אַ שמעקעדיגער, און ער מאַכט דעם שלאָף אננגענעהם.

לעגט אוועק אויפ׳ן פענסטער.

— און איך — אַ ראָזע סטענגע. פערבינדט מען מיט איהר די האָאָר, ווערט מען אַזאַ פערפּוצטע און שעהנע. מיר האָט עס געשאָנקען מיין געליעבטער, נאָר איך האָב אַ סך סטענגעס, און זי האָט ניט קיין איינע.

לעגט עס אויך אוועק אויפ׳ן פענסטער.

— און דו, זיידעניו? האָסטו דען גאָרנישט געבראַכט?

— איך האָב גאָרנישט. גאָרנישט. איך האָב געבראַכט נאָר מיין הוסט. דאָס אָבער דאַרפען זיי ניט. איאָ, שכן?

— ווי מיינע קוליעס... העי, מיידלעך, ווער דאַרף האָבען מיינע קוליעס?

— געדענקסט, שכן?

— און דו, שכן, געדענקסט?

— קום שלאָפען, שכן. ס׳איז שוין שפּעט.

קרעכצען און געהען אוועק, איינער הוסטענדיג, דער אנדע־רער קלאַפּענדיג מיט די קוליעס.

— לאָמיר געהן! לאָמיר געהן!

— זאָל זיי גאָט געבען גליק: אזעלכע גוטע שכנים!

— זאָל גאָט געבען, זיי זאָלען תמיד געזונד און פרעהליך

זיין, און ליעב האָבען איינער דעם אנדערן. און זאָל צווישען זיי ניט דורכלויפען די מיאוסע שווארצע קאץ!

— און זאָל דער בחור געפינען זיך אן ארבייט. שלעכט ווען א מענש האָט ניט קיין ארבייט.

זיי געהען אוועק. גלייך קומט אריין דעם מ ע נ ש ע ן ' ס פ ר ו י זעהר א שעהנע, גראציעזע, צארטע, מיט בלומען אין די הערליכע האלב־צולאָזענע האָאר. זעהט אויס זעהר אומעטיג. זעצט זיך אויף א שטול, לעגט צונויף די הענטלעך אויף די קניה, און רעדט אומעטיג, זיך ווענדענדיג צו די צושויער.

דעם מענשען'ס פרוי.

איך בין נאָר וואָס געגאנגען אין שטאָדט און געזוכט — איך וויים ניט, וואָס איך האָב געזוכט. מיר זיינען אזוי אָרים, מיר האָבען גאָרניט, און אונז איז זעהר שווער צו לעבען. מ'דארף האָבען געלד, און וואו קריגט מען עס — וויים איך ניט. בעטען ביי מענשען — גיעבען זיי ניט; אָבנעהמען האָב איך ניט קיין כח. כ'האָב געזוכט ארבייט, גיט מען מיר ארבייט אויך ניט. זיי זאָגען, אז מענשען איז פאראן א סך און ארבייט אזוי ווייניג. איך האָב אויפ'ן וועג געקוקט: אפשר האָט עמיץ פון די רייכע לייט א בייטעל מיט געלד פערלוירען, נאר אָדער זיי האָבען ניט פער־לוירען, אָדער עמיץ אנדערש, א גליקליכערער פאר מיר, האָט עס שוין אויפגעהויבען. און מיר איז אזוי אומעטיג. באלד קומט מיין מאן פון זיין ארבייט־זוכעניש א פערמאטערטער און הונגע־ריגער, און וואָס וועל איך איהם געבען אויסער מיינע קושען. פון קושען קען מען אָבער זאט ניט ווערען. מיר איז אזוי אומע־טיג, אז עס ווילט זיך וויינען.

איך קען זעהר א לאנגע צייט ניט עסען, און מיר אהרט ניט, אָבער ער קען ניט. ער האָט א גרויסען קערפער וואָס מאָנט עסען, און ווען ער עסט א לאנגע צייט ניט, ווערט ער אזא עלענדער, בלאַ־סער, קראנקער און אויפגערעגטער. שימפּפט מיך, דערנאָך קושט

ער און בעט, איך זאָל ניט אין כעס זיין. נאָר איך בין קיינמאָל ניט אין כעס, ווייל איך האָב איהם זעהר ליעב. מיר איז נאָר אור־מעטיג.

מיין מאַן איז זעהר א טאַלענטפולער ארכיטעקט. איך מיין אפילו, אז ער איז געניאל. זיינע עלטערן זיינען געשטאָרבען זעהר פריה, און ער איז געבליבען א יתום. א שטיקעל צייט נאָך דעם טויט פון זיינע עלטערן האָבען איהם געשטיצט די קרובים; נאָר ער איז געווען א מענש מיט א זעלבסטשטענדיגען כאראקטער, פלעגט אָפט זאָגען אונאנגענעהמע זאכען, ניט ארויסווייזען קיין דאנקבארקייט, געווען שארף — האָט מען זיך אָבגעקעהרט פון איהם. נאָר ער האָט זיך ווייטער געלערנט, לעבענדיג פון שטונ־דען־געבען און אָפט הונגערענדיג. אזוי האָט ער געענדיגט די העכערע שולע. ער פלעגט אָפט הונגערן, מיין אָרימער מאַן! איצט איז ער אן ארכיטעקט, צייכענט פלענער פון פראכטפולע געביידעס, נאָר קיינער נעהמט זיי ניט אין האנד, און א סך נארישע מענשען לאַבען פון איהם אפילו. ווער עס וויל זיך דורכשלאָגען זיין וועג, מוז האָבען פראָטעקציע אָדער מזל — ער אָבער האָט ניט קיין פראָטעקציע, ניט קיין מזל. נו, געהט ער ארום און האלט אין איין זוכען א צופאל — עפּעס א מין צופאל — און אפשר זוכט ער אויף דער ערד געלד, ווי איך. ער איז נאָך זעהר יונג און נאאיוו.

געוויס, אמאָל וועט אויך צו אונז דאָס גליק זיך אומדרעהען, נאָר ווען וועט עס זיין? דערווייל איז אונז זעהר שווער צו לע־בען.

ווען מיר האָבען חתונה געהאט, איז געווען ביי אונז א ביסעל נדן־געלד, נאָר מיר האָבען עס גיך פערלעבט. מיר זיינען אלץ אין טעאטער געגאנגען און געגעסען קאָנפעקטען. ער האָפט נאָך, אָבער איך פערליר אָפט די האָפנונג און וויין אין דער שטיל. דאָס הארץ ווערט מיר פערקלעמט, ווען איך טהו א טראכט, אז אָט קומט ער צוריק, און ווידער גאָרנישט — אויסער מיינע עלענדע קושען.

„ליעבער גאָט אין הימעל! זיי אונז א בארמהערציגער

און גוטער פאָטער. דו האָסט דאָך אזוי פיעל פון אלעם: אי ברויט, אי ארבייט, אי געלד. דיין ערד איז אזוי רייך: זי גע־בעהרט פרות און זאנגען אויפ'ן פעלד. זי בעדעקט מיט בלומען די לאָנקעס, פון איהר טונקעלער טיעפעניש שיקט זי די מענשען גאָלד און טייערע שעהנע שטיינער. און דיין זון איז פול מיט ווארעמ־קייט, און דיינע פערטראַכטע שטערן מיט שטילער פרייד. שענק אונז א ביסעל פון דיין שפע, גאָר א קליין ביסעל, וויפיעל דו שענקסט דיינע פויגעל. א שטיקעל ברויט, עס זאָל ניט הונגעריג זיין מיין ליעבער, גוטער מאַן. א ביסעל ווארעמקייט, עס זאָל איהם ניט קאלט זיין, און עפעס ארבייט, כדי ער זאָל שטאָלץ קע־נען אויפהויבען זיין שעהנעם קאָפּ. און איך בעט דיך, זיי ניט אין כעס אויף מיין מאַן, וואָס ער שימפּפט זיך אזוי, און לאַכט און זינגט אפילו און צווינגט מיך טאנצען: ער איז אזוי יונג און גאָרניט ערנסט".

איצט נאָך דער תפילה איז מיר לייכטער געוואָרען, און איך האָף ווייעדער. און טאקע, פאר וואָס זאָל גאָט ניט געבען, ווען מען בעט דיך אזוי? איך וועל געהן א זוך טהאָן, האָט ניט עמיץ פער־לוירען א בייטעל מיט געלד אָדער א פינקעלדיגען דימענט.

געהט אוועק.

„עמיץ אין גרויען".

זי ווייס ניט, אז איהר בעגעהר איז שוין ערפילט. זי ווייס ניט, אז שוין היינט אין־דער־פריה אין א רייכער הויז, האָבען צוויי מענשען איינגעבויגענע, זשעדנע, בעטראַכט דעם מ ע נ ש ע ן 'ס צייכנונג און זיינען געוואָרען ענטציקט פון איהר. דעם גאנצען טאָג האָבען זיי אומזיסט ארומגעזוכט דעם מ ע נ ש ע ן, — רייכטהום האָט איהם געזוכט, גלייך ווי ער זוכט רייכטהום. און מאָרגען אין־דער־פריה, ווען די שכנים וועלען אוועק צו דער ארבייט, וועט צו זייער הויז צופאָהרען אן אויטאָמאָביל, און צוויי העררען, זיך פער־בייגענדיג מיט דרך ארץ, וועלען אריין אין אָרימען צימער און

וועלען ברייננגען מיט זיך רייכטהום. נאָר זיי ווייסען ניט דערפון, ניט ער, ניט זי. אזוי קומט צום מענשען דאָס גליק, — און אזוי אויך געהט עס אוועק.

ס'קומען אריין דער מ ע נ ש און זיין פ ר ו י. דער מענש האָט א שעהנעם שטאָלצען קאָפּ מיט בלישטשענדיגע אויגען, א הויכען שטערן און שווארצע ברעמען, וואָס זיינען צושפּרייט ווי צוויי מוטיגע פליגעל איבער'ן נאָז. די געקרויזטע שווארצע האָאָר זיינען פריי פּארוואָרפען אויף צוריק; א נידריגער, ווייסער קאָל־נער לאָזט זעהען א שלאנקען האלדז און א טייל ברוסט. די בעווע־גונגען פון דעם מ ע נ ש זיינען לייכטע און שנעלע, ווי ביי א יונגער חיה, — זיין האלטען זיך אָבער איז אזוי, ווי עס איז אייגענטימ־ליך נאָר פאר דעם מ ע נ ש: טהעטיג־פריי און שטאָלץ.

ד ע ר מ ע נ ש.

ווידער גאָרניט. באלד לעג איך זיך אין בעט און וועל מיר ליעגען אזוי א גאנצען טאָג, — זאָל נאָך מיר קומען ווער עס דארף מיך, איך אליין וועל ניט געהן. מאָרגען לעג איך זיך.

ד י פ ר ו י.

ביזט פערמאטערט?

ד ע ר מ ע נ ש.

יא, איך בין פערמאטערט און הונגעריג. איך וואָלט געקענט, ווי האָמער'ס העלד, אויפעסען א גאנצען אָקס, און מיר וועט אויס־קומען צו בעניגען זיך מיט א שטיקעל הארטען ברויט. צי ווייסטו, אז א מענש קען ניט עסען תמיד בלויז ברויט — מיר ווילט זיך גריזשען, רייסען, בייסען!

ד י פ ר ו י.

איך האָב רחמנות אויף דיר, מיין ליעבער.

ד ע ר   מ ע נ ש.

יא, איך האָב אליין רחמנות אויף זיך, נאָר דערפון בין איך ניט זאט. היינט בין איך געשטאנען א גאנצען טאָג נעבען דעם גאסטראָנאָמישען מאגאזין, און, אזוי ווי מענשען בעקוקען קונסט־ווערק, האָב איך בעקוקט די אלע פוליארדקעס, די פאשטעטען און די וואורשטען. און די שילדען! זיי מאָלען אזוי פיין אוים די שינקען, אז מען קען עס אויפעסען צוזאמען מיט'ן אייזען.

ד י   פ ר ו י.

שינקען האָבע איך אויך ליעב.

ד ע ר   מ ע נ ש.

ווער האָט עס ניט ליעב שינקען? און אָמארען האסטו ליעב?

ד י   פ ר ו י.

יא, כ'האָב ליעב.

ד ע ר   מ ע נ ש.

האָב איך געזעהן אן אָמאר! א געמאָהלענער, נאָר ער איז געוועזן שעהנער פאר א לעבעדיגען. רויט, ווי א קארדינאל, מאיע־סטעטיש, שטרענג, איז ער ווערטה געוועזן, מען זאָל ביי איהם בע־טען א ברכה. איך רעבען, כ'וואָלט געקענט אויפעסען צוויי אזעלכע קארדינאלען און דעם פאבסט — דעם קארפ אלם צוגאָב.

ד י   פ ר ו י, אומעטיג.

דו בעמערקסט ניט מיינע בלומען?

ד ע ר   מ ע נ ש.

בלומען? מען קען זיי עסען?

✤✤✤

ד י   פ ר ו י.

האָסט מיך ניט ליעב.

ד ע ר   מ ע נ ש, קושט איהר.

פערגיב מיר! אָבער, איך בין דאָך אזוי הונגעריג. טהו א קוק, ביי מיר טרייסלען זיך די הענד, כ׳האָב אפילו ניט קיין כח צו דערלאנגען א הונד מיט א שטיין.

ד י   פ ר ו י, קושט זיין האנד.

אָרימער!

ד ע ר   מ ע נ ש.

און ווי קומען די בלעטער אויף דער פּאָדלאָגע? זיי שמעקען אזוי פיין. דאָס האָסטו אויך געבראכט?

ד י   פ ר ו י.

ניין. די שכנים, מסתמא.

ד ע ר   מ ע נ ש.

ליעבע מענשען — אונזערע שכנים. זאָנדערבאר: אזוי פיעל גוטע מענשען פאראן אויף דער וועלט, און א מענש קען פאר הונגער אויסגעהן. פארוואָס איז עס?

ד י   פ ר ו י.

ביזט געוואָרען אזוי מרה־שחורה׳דיג. ביזט פעראומערט! זעהסט עפּעס?

ד ע ר   מ ע נ ש.

יא, פאר מיר, אין מיטען מיין שפּאסען האָט דורכגעשוועבט די שרעקליכע געשטאלט פון אָרימקייט און האָט זיך געשטעלט

דאָרט אין ווינקעל. זעהסט איהר? יאמערליך אויסגעשטרעקטע הענד, א פערלאָזען קינד אין וואלד, א שטימע, וואָס בעט זיך אין די שטילקייט פון א מענשליכער וויסטעניש: העלפט! — קיינער הערט נים. — העלפט, איך שטארב! — קיינער הערט נים. קוק זיך איין, מיין ווייב, קוק זיך איין! ציטערענדיג שווימען ארום שווארצע מוטנע שאָטענס, ווי פאסען שווארצער רויך פון א לאנגען שרעקליכען קוימען, וואָס פיהרט אין גיהנם. קוק זיך איין: איך בין אויך צווישען זיי!

ד י פ ר ו י.

מיר איז געוואָרען שרעקליך, און איך קען נים קוקען אין יע־נעם ווינקעל. האָסט עס אליץ געזעהן אויף דער גאס?

ד ע ר מ ע נ ש.

יא, איך האָב דאָס אליץ געזעהן אויף דער גאס, און באלד וועט עס מיט אונז געשעהן.

ד י פ ר ו י.

ניין. גאָט וועט עס נים דערלאָזען.

ד ע ר מ ע נ ש.

פארוואָס דערלאָזט ער עס זאָל געשעהן מיט אנדערע?

ד י פ ר ו י.

מיר זיינען בעסער פאר אנדערע, מיר זיינען גוטע מענשען. מיר זיינען איהם מיט קיין זאך נים מצער.

ד ע ר מ ע נ ש.

דו מיינסט? איך שילט דאָך אזוי אָפט.

ד י פ ר ו י.

דו ביסט נים קיין שלעכטער.

— ניין, איך בין א שלעכטער, א שלעכטער! ווען איך גיה אין גאס און זעה די אלע זאכען, וואס געהערען ניט צו אונז, וואק־סען ביי מיר אוים ציין ווי ביי א קאבאן. א, וויפיעל געלד איך האב ניט! הער זיך איין, מיין קליין ווייבעל: היינט אבענד האב איך שפאצירט אין פארק, אין דעם שעהנעם פארק, וואו די ווענען זיינען גלייך ווי פיילען, און די שעהנע בוכען־בוימער זע־הען אוים ווי מלכים אין קרוינען....

— און איך בין געגאנגען איבער די גאסען פון שטאדט, און בעגעגענט האב איך אלץ קלייטען, קלייטען, — אזעלכע שעהנע קלייטען...

— פערביי מיר זיינען דורכגעגאנגען מענשען מיט שטעקע־לעך, אנגעטהאן אזוי שעהן און איך האב געטראכט: און איך האב עס ניט!

— אויסגעפוצטע פרויען אין פיינע שיכלעך, וואס מאכען שעהן דעם פוס, און גרויסארטיגע היט, פון וועלכע די אויגען בלישטשען אזוי געהיימניספול ארוים, און זיידענע קליידער וואס שארכען אזוי רעטזעלהאפט — זיינען פערביי געגאנגען פערביי מיר, און איך האב געטראכט: און איך האב ניט קיין רעכטען הוט, ניט קיין זיידענע קלייד!

— איינער אן עזות פנים האט מיך א שטויס געטהאן מיט'ן פלייצע; נאר איך האב איהם מיינע ציין געוויזען, האט ער זיך שענדליך בעהאלטען הינטער די אנדערע.

— מיך האט א שטויס געטהאן אן אויסגעפוצטע דאמע, האב איך אפילו ניט א קוק געטהאן אויף איהר: אזוי אונהיימליך האב איך זיך געפיהלט!

— רייטערס האבען זיך געיאגט אויף שטאלצע היציגע פערד — און איך האב עס ניט!

— זי האט אין די אויערען געהאט אזעלכע בריליאנטען, אז איך האב זיי געוואלט קושען!

— אהן א רויש, ווי געשפענסטער, האבען זיך געטראגען רוי־

טע און גרינע אויטאָמאָבילען, און מענשען זיינען אינעווענינ גע־זעסען און האָבען געלאכט און פויל געקוקט אין אלע זייטען — און איך האָב עס ניט!

— און איך האָב נישט ניט קיין בריליאנטען, ניט קיין סמאַ־ראגדען, ניט קיין ווייסע, קלאָרע פערעל!

— איבער'ן וואסער האָט א רייכער רעסטאָראן געבלישטשעט מיט פייערן, ווי א גן־עדן, און מען האָט דאָרט געגעסען. מיניסטאָ־רען אין פראקען, עפּעס מלאכים מיט ווייסע פליגלען האָבען ארומ־געטראָגען פוטערברויט און ביער, און מען האָט דאָרט געגעסען, מען האָט דאָרט געטרונקען! איך וויל עסען! מיין קליין ווייבעל, איך וויל עסען!

— ליעבינקער, דו לויפסט ארום און דערפון ווילט זיך נאָך מעהר עסען. זעץ זיך בעסער אנידער, און איך וועל זיך זעצען צו דיר אויף די קניה, און נעהם א פאפּיער און צייכען א שעהנע, שעה־נע געביידע.

— מיין מוזע איז אויך א הונגעריגע, זי מאָלט נאָר עסענ־ווארג־פייזאזשען! שוין לאנג זעהען מיינע פּאלאצען אוים, ווי דיקע פיראָגען, פעט אָנגעפילטע, און מיינע קירכען ווי דיקע קאָלבאַ־סען. אָבער טרערען זעה איך אויף דיינע אויגען: וואָס איז מיט דיר, מיין קליין ווייבעל?

— מיר איז אזוי אומעטיג, וואָס איך קען דיר ניט העלפען!

— האָסט מיך פערשעהמט. איך א שטארקער מאנספערשוין, א קלוגער, טאלאנטפולער, געזונדער, קען גאָר ניט טהאָן, און מיין קליין ווייבעל, מיין צוויבער־פּעע, וויינט, וואָס זי איז ניט בכח מיר צו העלפען! די טרערען פון א פרוי זיינען אימער א שאנדע פאר א מאן. איך שעהם זיך.

— ביסט דאָך ניט שולדיג, וואָס די מענשען ווייסען ניט דיין ווערטה.

— מיר זיינען די אויערן אפילו רויט געוואָרען. גלייך ווי מען וואָלט מיר פאר די אויערן אָנגעריסען, ווי אמאָל קינדווייז! דו

ביסט דאָך אויף הונגעריג, און איך זעה עס ניט, ווי אַן אמת'ער עגאָאיסט. דאָס איז נידערטרעכטיג!

— מיין ליעבער, איך פיהל ניט קיין הונגער.

— עס איז געמיין! עס איז קליינמוטהיג! דער קערל, וואָס האָט מיך א שטויס געטהאָן, איז געוועזן גערעכט: ער האָט געזעהן, אז דאָס געהט אַן אמת'ער פעטער חזיר! א קאבאַן מיט שארפע ציין און א נארישער קאָפּ!

— אויב דו וועסט זיך אזוי מיאוס שימפּפען, וועל איך וויעדער אָנהויבען וויינען.

— ניין, ניין, מען דארף ניט קיין טרערען! זעה איך טרערען אויף דיינע אויגען, בעפאלט מיך א שרעק. איך האָב מורא פאר די קריסטאלענע ליכטיגע טראָפּענדלעך: פונקט ווי עמיץ אַן אנדערער, א שרעקליכער וואָלט די טרערען פערגיסען. איך וועל דיר ניט ערלויבען צו וויינען. מיר האָבען גאָרניט, מיר זיינען אָרים — וועל איך דיר דערצעהלען וועגען דעם, וואָס וועט קומען. פער'כושפ'ען וועל איך דיך מיט א שעהנער מעשה'לע, מיט זון־בעשטראַלטע חלומות וועל איך דיך, ווי מיט רויזען, פערהילען, מיין קעניגין!

— מען דארף ניט מורא האָבען! דו ביסט שטארק, דו ביסט געניאל, וועסט בייקומען דאָס לעבען. די מינוט פון אומעט וועט אריבער, און היילגע בעגייסטערונג וועט וויעדער רוהען אויף דיין שטאָלצען קאָפּ.

דער מ ע נ ש שטעלט זיך אין א שטאָלצער, מוטיגער, ארויס־רופענדער פּאָזע, ווארפט אין ווינקעל, וואו עס שטעהט דער „אונ־בעקאנטער" א דעמבע־בלעטעל און זאָגט:

— העי, דו, ווי מען רופט דיך דאָרט: פ א ט ו ם, ט י י ־ װ ע ל אָ ד ע ר ל ע ב ע ן, איך ווארף דיר מיין האנדשוה, און רוף דיך ארויס צום קאמפּף! פייגלינגע פאלען אויף די קניה פאר דיין רעטזעלהאפטער מאכט, דיין שטיינערנע געזיכט מאכט זיי צו שוידערן, זיי פערנעמען אין דיין שווייגען, ווי עס ווערען זומ־

גליקען געבוירען און פאלען אימה'דיג זיי אויף די קעפ. אין זיין מוטיג און שטארק, און רוף דיך צום קאמפף! מיט די שווערדען לאמיר בליצען, מיט די שילדען — הילכען. פליהען זאלען קלעפ וואס מאכען ציטערן די ערד! העי, קום ארוים צום קאמפף!

דעם מענשען'ס פרוי, צוטולענדיג זיך פון הינטען צו זיין לינקער פליצע, רעדט ליידענשאפטליך:

— מוטיגער, מיין ליעבער, נאך מוטיגער!

— דיין בייזער אונבעוועגליכקייט וועל איך אנקעגען שטעלען מיין מונטערע און לעבעדיגע קראפט; דיין פינסטערקייט — מיין העלען, הילכיגען געלעכטער. העי, וועהר זיך קעגען מיינע קלעפ! דיין שטערן איז פון שטיין אהן שכל — איך וואַרף אין איהם אריין די היים-צוגליהטע קוילען פון מיין בלישטשענדען געדאנק; דיין הארץ איז פון שטיין אהן רחמנות — היט זיך, איך גיס אין איהם אריין דעם קאכיגען גיפט פון מרידה-געשרייען! און וועט די שווארצע כמארע פון דיין ווילדען צארן די ליכטיגקייט פון דער זון פערדעקען — מיט אונזערע שווערדען וועלען מיר די פינסטערניש בעלייכטען! העי, וועהר זיך פון מיינע קלעפ!

— מוטיגער, נאך מוטיגער! הינטער דיר שטעהט דיין וואפען-טרעגער, מיין שטאלצער ריטער!

— זיעגענדיג וועל איך ליעדער זינגען, און אברופען וועט זיך אויף זיי די גאנצע ערד; שטיל פאלענדיג אונטער דיינע קלעפ, וועל איך נאר איינס אין זינען האבען: וויעדער אויפצושטעהן און ווארפען זיך אין קאמפף! אין מיין פאנצער זיינען פארהאן שוואכע ערטער, איך וויים עס. נאר בעדעקט מיט וואונדען, זיך בעגיסענדיג מיט רויטען בלוט, וועל איך די לעצטע כחות זאמלען און א געשריי טהאן: האסט נאך ניט געזיעגט, דו, בייזער שונא פון דעם מענש!

— מוטיגער, מיין ריטער! מיט טרערען וועל איך דיינע

וואונדען אָבוואשען, מיט קושען וועל איך איינהאלטען דעם שטראָם פון רויטען בלוט!

— און אויפ'ן קאמפפס־פעלד שטארבענדיג, ווי עם שטארבען העלדיש־מוטיגע, וועל איך דיין בלינדע פרייד צושטערען מיט איין געשריי: איך האָב געזיעגט! איך האָב געזיעגט, בייזער שונא מיינער; דען ביז'ן לעצטען אָטהעם האָב איך זיך פאר דיין מאכט ניט געבויגען!

— מוטיגער, מיין ריטער, מוטיגער! איך וועל שטארבען מיט דיר.

— העי, העי, קום ארויס צום קאמפף! מיט די שווערדען לאָמיר בליצען, מיט די שילדען — הילכען, פליהען זאָלען קלעפּ, וואָס מאכען ציטערן די ערד. העי, קום ארויס!

א שטיקעל צייט בלייבט דער מענש און זיין פרוי אין די זעלבע פּאָזען, דערנאָך דרעהען זיי זיך אום און קושען זיך.

— אזוי וועלען מיר בייקומען דאָס לעבען, מיין קליינע יוויי־בעל, א יאָ? זאָל דאָס לעבען זיך כמורען, ווי א בלינדע סאווע פאר דעם שיין פון דער זון, — מיר וועלען עם נויטען א שמייכעל צו טהאָן!

— און ארויס אין טאַנץ צום טאקט פון אונזערע ליעדער. מיר זיינען צוויי!

— מיר זיינען צוויי. דו ביסט א גוט ווייב, דו ביסט מיין טרייער חבר, דו ביסט א מוטיגע, קלייניקע פרוי, און ווי לאנג מיר זיינען צוזאמען, האָבען מיר פאר קיינעם קיין מורא ניט. וואָס איז מיר אָרימקייט! היינט אָרים, מאָרגען רייך.

— און וואָס איז הונגער? היינט ווילט זיך עסען, מאָרגען — זאט.

— מיינסטו? ס'קען זיין. איך וועל אָבער זעהר פיעל עסען — אזוי פיעל דארף איך כדי צו דערפיהלען זיך זאט. ווי מיינסטו, דאָס וועט זיין גענוג: אין דער פריה טהעע אָדער קאווע, אָדער שאָקאָלאד, ווי איינער וויל, פרייער אויסוואהל. דערנאָך

אנבייסען פון דריי געריכטען. דערנאָך מיטאָג. דערנאָך אבענד־
ברויט. דערנאָך...

— וואָס מעהר פרוכטען. כ'האָב זעהר ליעב פרוכטען.

— גוט. כ'וועל איינקויפען גאנצע קאָשיקעס אויף'ן מארק: דאָרט איז ביליגער און פרישער. איבריגענס, וועלען מיר דאָך האָבען אן אייגענעם גאָרטען.

— מיר האָבען אָבער ניט קיין ערד.

— איך וועל קויפען. מיר ווילט זיך שוין לאנג האָבען אן אייגען שטיקעל ערד. אגב, וועל איך דאָרט אויסבויען א הויז לויט מיין פּלאן. זאָלען די לומפּען זעהען, וואָס פאר אן ארכיטעקט איך בין!

— מיר וואָלט זיך געוואָלט אין איטאליען זיין, ביי'ן סאמע ים. א ווייסע מארמאָר־ווילע אין א וועלדעל פון ציטראָנען און קיפּאריסען. און ווייסע מארמאָר־טרעפּ זאָלען זיך אראָבלאָזען גלייך צו די בלויע כוואליעס.

— איך פערשטעה, דאָס איז גוט. איך רעכען אָבער, אויסער דעם, אויפצובויען א שלאָס אין נאָרוועגיען, אויף די בערג. אונטען
—א פיאָרד, און אין דער הויך אויפ'ן שפּיציגען בארג א שלאָס. מיר האָבען ניט קיין פּאפּיר? נו, קוק אויף דער וואנד, איך וועל דיר ווייזען. דאָס איז דער פיאָרד, זעהסט?

— יא. ווי שעהן!

— טיעפעס, גלאנצעדיגעס וואסער. דאָ שפּיגעלט עס אָב די צארט־גרינע גראָז, דאָ — דעם רויטען, שווארצען, ברוינעם שטיין. און דאָ — זעהסט דעם פּלעק — רייסט זיך דורך א שטיקעל בלויער הימעל און א ווייסער שטילער וואָלקענדעל...

— א ווייס שיפעל האָט זיך אָפּגעשפּיעגעלט אין וואסער, ווי צוויי שוואנען, צוגעטוליעט ברוסט צו ברוסט.

— און דאָ ציהט זיך ארויף צו א בארג. א גרינער, א פרעהליכער אונטען, איז ער וואָס העכער אלץ שטרענגער און אלץ מעהר פערכמורעט. שארפע פעלזען, שווארצע שאָטענס, שטיקלעך און פאסען פון וואָלקענס...

— אזוי ווי א חורבה פון א שלאָס.

— און דאָ, אויפ׳ן מיטעלען פלעק וועל איך אויסבויען א קעניגליכען שלאָס.

— דאָרט איז קאלט! דאָרט איז א ווינד!

— די ווענד וועלען זיין דיקע, שטיינערנע, און די פענסטער פון איין שטיק גלאָז. ביי דער נאכט, ווען ס׳וועט אויסברעכען א ווינטער־זאווערוכע און דאָרט אונטען וועט ראָוועז דער פיאָרד, וועלען מיר די פענסטער פארהענגען און איינהייצען דעם גרויסען־גרויסען קאמין. דאָס וועלען זיין אזעלכע גרויסע אויוועגס, אין וועלכע גאנצע קלעצער, גאנצע וועלדער פון פעכיגע סאָסנעס וועלען פערברענט ווערען!

— ווי ווארעם!

— און ווי שטיל. בעמערק נור. אומעדום טעפיכער, און פיעל, פיעל ביכער, פון וועלכע עס ווערט אזא ווארעמע און לעבעדיגע שטילקייט. און מיר זיינען זאלבענאנד. דאָרטען ראָוועט דער שטורם, און מיר זיינען זאלבענאנד, ביי׳ם קאמין אויף א פעל פון א ווייסען בער. אפשר א קוק טהאָן, וואָס דאָרטען טהוט זיך? — וועסטו זאָגען. גוט, וועל איך ענטפערן, און מיר וועלען צוגעהן צום גרעסטען פענסטער און אָברוקען דעם פאָרהאנג. גאָט מיינער, וואָס דאָרטען טהוט זיך!

— ס׳דרעהט זיך דער שניי.

— גלייך ווי עס יאָגען זיך ווייסע פערד, גלייך ווי מיריאדען דערשראָקענע קליינינקע גייסטער, בלייכע פון שרעק, זוכען רעטונג ביי דער נאכט. און א יאמערן און א וואָיען...

— אוי קאלט! איך ציטער!

— גיכער, צום פייער! העי, דערלאנג מיר דעם זיידען׳ס בעכער. ניט דעם, דעם גאָלדענעם, פון וועלכען עס האָבען געטרונקען די וויקינגען! גיסט איהם אָן מיט גאָלד־שוימיגען וויין, ניט אזוי — ביז צום ראנד זאָל זיך הויבען דער זודיגער געטראנק. אויפ׳ן שפיעז דאָרט בראָט זיך א סערנע — דערלאנגט זי נאָר אהער, איך

❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖

וועל איהר אויפעסען! אָבער גיכער, א ניט עס איך אייך אלעמען אויף, — איך בין הונגעריג, ווי א טײוועל!

— און אָט האָט מען דערלאַנגט... ווײטער.

— ווייטער... פערשטעהט זיך, כ'וועל איהר אויפעסען, וואָס קען דען זיין ווייטער? אָבער וואָס טהוסטו מיט מיין קאָפּ, מיין קליין ווייבעל?

— איך בין די געטין פון רוהם. פון די בלעטער פון דעמבע, וואָס די שכנים האָבען דאָ צוזאַמענגעוואָרפען, האָב איך דיר אויסגעפלאָכטען א קראַנץ און איך קרוין דיך. דאָס איז דער רוהם געקומען, דער הערליכער רוהם!

טהוט אָן דעם קראַנץ.

— יא, דער רוהם, דער רוהם דער רוישיגער, דער שטורמישער. קוק אויף דער וואנד! דאָס געה איך. און ווער איז נעבען מיר, זעהסט?

— דאָס בין איך.

— קוק זיך איין — מען בעגריסט אונז. וועגען אונז סוד'עט מען זיך. מען ווייזט אויף אונז מיט די פינגער. אָט האָט א בכבוד'יגער אלטיטשקער זיך צוזאַמענגעבויגן, זאָגענדיג: גליקליך איז דאָס לאנד, וואָס האָט אזעלכע קינדער. א יונגער מאַן קוקט אויף אונז און איז בלאַס געוואָרען; מיט א שמייכעל האָט אויף איהם א קוק געטהאָן מיין רוהם. אין יענער צייט האָב איך שוין אויפגעבויט א פאָלקס-הויז, מיט וועלכען אונזער גאנצעס לאַנד איז שטאָלץ...

— דו מיין ליעבער! דיר פּאַסט אזוי דער דעמבע-קראַנץ, און נאָך מעהר וואָלט דיר געפּאַסט א לאָרבער-קראַנץ.

— קוק זיך איין. קוק זיך איין. אָט געהען צו מיר די פאָרשטעהער פון מיין געבורטס-שטאָדט. זיי פערנייגען זיך און זאָגען: אונזער שטאָדט איז שטאָלץ מיט דער עהרע...

— אח!

— וואָס?

— כ'האָב געפונען א פלאש מילך!

— דאָס קען ניט זיין!

— און ברויט. וויכען, שמעקעדיגען ברויט, און א סיגאר.

— דאָס קען ניט זיין! האָסט א טעות געהאט: דאָס איז די פייכקייט פון דער פערפלוכטער וואנד, און דיר האָט זיך אויס־געדוכט — מילך.

— אָבער ניין!

— א סיגאר! סיגארען וואקסען ניט אויף די פענסטער. פאר משוגע'נע פרייזען פערקויפט מען זיי אין די קלייטען. דאָס איז אודאי א שווארץ, אָבגעקראָכען צוויינעל!

— אָבער גיעב א קוק! איך שטוים זיך אָן: דאָס האָבען געבראכט אונזערע ליעבע שכנים.

— שכנים? גלויב מיר: דאָס זיינען מענשען, נאָר — פון געטליכער אבשטאמונג. אָבער אפילו ווען די שדים אליין וואָלטען עס געבראכט... גיכער אהער, מיין קליין ווייבעל!

דעם מענשען'ס פרוי זעצט זיך צו איהם אויף די קניה, און אזוי עסען זיי. זי ברעכט אָב שטיקלעך ברויט און לעגט איהם אין מויל אריין, און ער פאָיעט איהר מיט מילך פונ'ם פלעשעל.

דער מענש.

שמאנט, ווייזט אויס!

די פרוי.

ניין, מילך. צוקיי בעסער, קענסט זיך נאָך דערווערגען.

— גיעב אהער די סקארינקע, זי איז אזא צוגעברענטע!

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אז דו וועסט זיך דערווערגען.

— ניין, אראָבגעשלונגען.

— ביי מיר רינט מילך איבער'ן האלז און גאמבע. אוי, עס קיצעלט!

— לאָז, איך וועל עס אויסטרינקען. זאָל קיין טראָפּען ניט פאַרפאַלען גערן.

— ס'אַרא ביטערער דו ביזט!

— פאַרטיג. גיך. אַלע גוטע זאַכען ענדיגען זיך אַזוי גיך. אַפּנים, די פלאַש האָט א דאָפּעלטען דעק, פון דרויסען זעהט זי אויס טיעפער! ס'אַרא שווינדלער די גלאָז־פאַבריקאַנטען זיינען!

ער פערדרויכערט דעם סיגאַר, אָננעהמענדיג די פּאָזע פון א מענשען, וואָס רוהט זיך אָב גליקזעליג. זי פלעכט איין אין די האָר די ראָזע סטענגע, שפּיגלענדיג זיך אין דער שווארצער שויב פון פענסטער.

ד ע ר מ ע נ ש.

ווייזט אויס, א טייערער סיגאַר: זעהר א שמעקעדיגער און שטאַרקער. כ'וועל תמיד רויכערן אַזעלכע!

ד י פ ר ו י.

זעהסט ניט?

— איך זעה אַלצדינג. איך זעה די סטענגע און איך זעה, אַז דו ווילסט, כ'זאָל א קוש טהאָן דיין הוילען העלדזעל.

— דאָס וועל איך ניט ערלויבען. ביזט מיר עפּעס צולאָזען געוואָרען. רויכער דיר דיין סיגאַר, און מיין העלדזעל...

— וואָס? איז עס דען ניט מיינע? צום טייוועל, דאָס איז דאָך אַן אָנגריף אויף'ן אייגענטהומס־רעכט!

זי לויפט אוועק. דער מ ע נ ש דעריאָגט איהר און קושט זי.

— אָט אַזוי. איצט האָב איך מיר צוריקגענומען מיין רעכט. און איצט מיין קליין ווייבעל, טאַנצען! שטעל דיר פאָר, אַז דאָס איז א גרויסאַרטיגער, הערליכער, וואונדערבאַרער, איבערנאַטירליכער, שעהנער פּאַלאַץ.

— פאַרגעשטעלט זיך.

— שטעל דיר פאָר, אַז דו ביזט די קעניגין פון באַל.

— גוט.

—און צו דיר געהען צו מארקיזען, גראפען, לאָרדען. נאָר דו זאָגסט זיי אַלעמען אָב און קלייבסט זיך אויס, דעם, ווי הייסט ער דאָרטען, — אין טריקא. דעם פּרינץ! — וואָס שטעהסטו?

— כ׳האָב ניט ליעב קיין פּרינצען.

— אזוי גאָר. וועמען דען האָסטו ליעב?

— איך האָב ליעב טאלענטפולע קינסטלער.

— גוט. ער איז צוגעגאנגען צו דיר. אָבער, גאָט מיינער, דו קאָקעטירסט דאָך מיט דער פוסטקייט? פרוי!

— איך האָב מיר פאַרגעשטעלט.

— נו פיין. שטעל זיך פאָר א וואונדערבארען אָרקעסטער. אָט איז א טערקישער פויק: בום-בום בום!

קלאפּט מיט׳ן פויסט אויף׳ן טיש, ווי אויף א פּויק.

— מיין ליעבער! מיט פּויקען רופט מען צוזאמען דעם עולם אין א צירק, אָבער דאָ אין פּאלאץ...

— אח! דער טייוועל זאָל עס נעהמען! הער אויף זיך פאַר־צושטעלען. שטעל זיך וויעדער פאָר! זינגענדיגע פידלען פער־געהען אין געוויין. צארט זינגט דאָס פייפעל. אָט ברומט, ווי א זשוק, דער גראָבער קאָנטראבאס...

דער מ ע נ ש אין דעמבע־קראנץ זעצט זיך און צוקלאפּענדיג צום טאקט מיט דער האנד, זינגט ער צום טאנץ. דער מאָטיוו איז דער זעלבער, וואָס אין דריטען בילד, אויף׳ן באל ביי׳ם מ ע נ ש. די פרוי טאנצט, א גראציעזע און שלאנקע.

ד ע ר מ ע נ ש.

אח, דו ציעגעלע, דו מיינס!

ד י פ ר ו י.

איך בין די קעניגין פון באל.

דאָס זינגען און דאָס טאנצען ווערט אלץ לעבעדיגער. דער מ ע נ ש שטעהט פּעמעלעך אויף, דערנאָך הויבט ער אָן לייכט צו טאנצען אויף אן אָרט — דערנאָך כאפּט ער אָן די פרוי און טאנצט, מיט׳ן דעמבע־קראנץ אראָבגערוקט אויף א זייט.

און גלייכגילטיג קוקט „ע מ י ץ א י ן ג ר ו י ע ן“, האל־טענדיג אין דער פערשטיינערטער האנד א העל־פלאמענדיג ליכט.

פאָרהאנג פאלט.

דאָס דריטע ביל.

דער באַל ביים מענש.

דער באַל קומט פאָר אין בעסטען זאַל פון דעם מ ע נ ש ע ן'ס גרויסען הויז. דאָס איז זעהר א הויכער, גרויסער, רעגעלמעסיג־פיערקאנטיגער צימער מיט איינגאנצען גלאטע, ווייסע ווענד, א גלאטען, ווייסען סופיט און א העלער פאָדלאָגע. עס איז דאָ א געוויסע אונרעגעלמעסיגקייט אין די פּראָפּאָרציעס פון די טיילען, אין זייער גרוים; די טהירען זיינען פערהעלטניסמעסיג קליין אין פערגלייך מיט די פענסטער — און דעריבער מאכט דער זאַל א מאָדערנעם, עטוואָס צורייצענדען איינדרוק פון עפּעס וואָס איז דיסהאַרמאָניש, אונגעפונענעס, איבעריג; פון דרויסען געקומענעס. אלץ איז פול מיט א קאלטער ווייסקייט, און נאָר א רייהע פענסטער, וואָס געהען אין דער הינטערשטער וואנד, צושטערט די איינארטיגקייט. זעהר הויכע, כמעט ביז צום סופיט, שטעהען זיי נאָהענט איינער צום אנדערן און שווארצען זיך געדיכט אין דער פינסטערניש פון דער נאכט: קיין איין ליכטיג פלעקעל זעהט זיך ניט אין דעם לעדיגען שטח צווישען די ראהמען. אין אן איבערפלוס פון בעגילדונג דריקט זיך אוים דעם מענשען'ס רייכטהום. בעגילדעטע שטולען און זעהר ברייטע גאָלדענע ראהמען אויף די בילדער. דאָס איז די איינציגע מעבעל און די איינציגע בעפּוצונג פון דעם אונגעהויער־גרויסען, הויכען זאַל. בעלויכטען ווערט ער פון דריי הייננלייכטער אין געשטאלט פון רייפען מיט זעלטענע, איינע פון די אנדערע ווייט אָבשטעהענדיגע עלעקטרישע ליכט. אין דער הויך

צום סופיט צו איז זעהר ליכטיג; אונטען איז דאָס ליכט בעדריי־טענד קלענער, אזוי אז די וואנד זעהען אוים גרויליך.

דער באל ביי'ם מ ע נ ש איז אין פולען ברען. עס שפיעלט אן אָרקעסטער פון דריי מענשען, דערביי זיינען די מוזיקאנטען זעהר עהנליך צו זייערע אינסטרומענטען. דער וואָס מיט'ן פידעל, איז עהנליך צו א פידעל: א דינע האלז, א קליין קעפעל, מיט א קליינינקען טשוב, איינגעבויגען אָן א זייט, א ביסעל אן אויסגע־קרימטער גוף; אויף'ן אקסעל, אונטער'ן פידעל איז פינקטליך אויסגעלייגט א נאָז־טיכעל. דער וואָס מיט דער פלייט איז עהנ־ליך צו א פלייט: זעהר א לאנגער, זעהר א מאָגערער מיט אן אוסגעצויגענעם פנים און פעסט געבויטע מאָגערע פיס. און דער וואָס מיט'ן קאָנטראבאס איז עהנליך צו א קאָנטראבאס: ניט קיין הויכער, מיט משופע'דיגע פלייצעס, אראָבצו זעהר א דיקער, אין ברייטע הויזען. זיי שפיעלען מיט אן אונגעוועהנליכער זאָרג־פעלטיגקייט, וואָס ווארפט זיך אין די אויגען: קלאָפען אוים דעם טאקט, דרעהען מיט'ן קאָפ, שאָקלען זיך. דער מאָטיוו איז די גאנ־צע צייט פון באל דער זעלבער. דאָס איז א קורצינקע פּאָלקע אין צווי מוזיקאלישע פראזען מיט היפענדיגע, פרעהליכע און אויסער־געוועהנליך־פוסטע קלאנגען. אלע דריי אינסטרומענטען שפיעלען עטוואָס ניט אין טאָן איינער דעם אנדערן, און דעריבער איז צווי־שען זיי און צווישען בעזונדערע קלאנגען עפּעס א מאָדנע אָבגע־ריסענקייט, עפּעס פוסטע רוימען.

טרוימעריש טאנצען די מיידלעך און די יונגע מענשען, אלע זעהר שעהנע, אויסגעפוצטע, שלאנקע. להיפך צו די זעהר־שריי־ענדיגע קלאנגען פון דער מוזיק, איז זייער טאנץ שוועבענדיג, אונ־הערבאר און לייכט; ביי דער ערשטער מוזיקאלישער פראזע דרעהען זיי זיך, ביי דער צווייטער צוגעהן זיי זיך און געהען זיך צוריק צונויף גראציעז און א ביסעל מאניערליך.

אין דער לענג פון דער וואנד, אויף בעגילדטע שטולען זיצען די געסט, פערגליווערטע אין גאוה'דיגע פּאָזען. ריהרען זיך שווער, קוים דרעהענדיג מיט די קעפ, רעדען אויך שווער, ניט שעפּטשענ־

דיג, ניט לאכענדיג, כמעט ניט קוקענדיג איינער אויף'ן אנדערן און אויסריידענדיג אבגעריסען, כמעט ווי אָבגעהאקט, נאָר די ווערטער, וואָס זיינען איינגעשריבען אין טעקסט. ביי אַלעמען זיינען די הענד ווי איבערגעבראָכען אין די געלענקען און זיי הענגען טעמפּ און גדלות'דיג. ביי דער עקסטרעמסטער, שארף אויסגעדריקטער פערשיעדענארטיגקייט פון די פּנים'ער, האָבען אלע דאָך איין אויס־דרוק: פון זעלבסטצופריעדענהייט, גדלות און טעמפּען עהרפורכט פאַר דעם מ ע נ ש ע ן ' ס רייכטהום.

די מיידלעך, וואָס טאנצען, זיינען אלע אין ווייסע קליידער, די מענער אין שווארצע. צווישען די געסט זיינען פארהאן שוואר־צע, ווייסע און העל־געלע קאָלירען.

אין נעהנסטען ווינקעל, וואָס איז טונקעלער פון די איבערי־גע, שטעהט אונבעוועגליך „ע מ י ץ א י ן ג ר ו י ע ן", וועל־כען מען רופט ע ר. דאָס ליכט אין זיין האנד איז קלענער געוואָ־רען אויף צוויי דריטעל און ברענט מיט א שטארקען געלען פייער, ווארפענדיג געלע ליכט־פלעקען אויף זיין שטיינערנעם פּנים און גאמבע.

דער געשפּרעך פון די געסט.

— איך מוז בעמערקען, אז ס'איז זעהר א גרויסער כבוד צו זיין צו גאסט אויף'ן באל ביי'ן מ ע נ ש.

— איהר קענט נאָך זאָגען, אז ניט פיעלע זיינען זוכה צו דעם כבוד. די גאנצע שטאָדט האָט זיך בעמיהט צו קריגען איינלאַדוּנ־גען, און בעקומען האָבען ניט פיעלע. מיין מאַן, מיינע קינדער און איך, מיר זיינען זעהר שטאָלץ אויף'ן כבוד, וואָס דער זעהר געעהרטער מ ע נ ש האָט אונז אָנגעטהון.

— איך בעדויער די, וואָס האָבען ניט געקענט קומען אהער: א גאנצע נאכט וועלען זיי ניט שלאָפען פון קנאה און מאָרגען וועלען זיי אָנהויבען בלבולים אויסטראכטען אז ס'איז לאנגווייליג אויף די בעלער ביי'ן מ ע נ ש.

— אזא פּראכט האָבען זיי נאָך קיינמאָל ניט געזעהן.

— גיט צו: אזא וואונדערבארען רייכטום און לוקסוס.
— דאָס זאָג איך דאָך: אַט די כשופ'דיגע זאַרגלאַזע פרייד. אויב דאָס הייסט ניט פרעהליך, וואָלט איך געוואָלט זעהן, וואו איז פרעהליך!
— לאָזט אָב: איהר וועט ניט איבערשפּארען די מענשען, ווען עס מוטשעט זיי די קנאה. זיי ווילען אייך זאָגען, אז מיר זיינען געזעסען ניט אויף בעגילדטע שטולען. גאָר ניט אויף בעגילדטע.
— אז דאָס זיינען געווען די איינפאכסטע ביליגע שטולען, געקויפט ביי אן אלטווארג-הענדלער!
— אז ניט עלעקטריציטעט האָט אונז געלויכטען, נאָר פשוט'ע חלב-ליכט.
— זאָגט: שנויצען.
— צרה'דיגע לעמפלעך. אך, רכילות-טרייבעריי!
— מיט חוצפה ווילען זיי אָבלייקענען, אז די געזימסען ביי'ן מ ע נ ש זיינען בעגילדט.
— און אז די בילדער זיינען אין אזעלכע ברייטע גאָלדענע ראהמען. מיר דוכט, אז איך הער דאָס קלינגען פון גאָלד.
— איהר זעהט זיין גלאַנץ, דאָס איז גענוג, מיין איך.
— זעלטען האָב איך דאָס פערגעניגען צו הערען אזא מוזיק, ווי ביי די בעלער פון מ ע נ ש. דאָס איז א געטליכע הארמאָניע, וואָס טראָגט אוועק די נשמה אין העכערע ספערען.
— כ'האָף אז די מוזיק וועט שוין זיין גענוג גוט, אז מען צאָהלט פאר איהר אזעלכע געלד. איהר דארפט ניט פערגעסען, אז דאָס איז דער בעסטער אָרקעסטער אין שטאָדט און ער שפּיעלט אין די פייערליכסטע פעלען.
— די מוזיק הערט מען א לאנגע צייט דערנאָך, זי פערנעמט פשוט דעם אויער. מיינע קינדער זינגען-צו א לאנגע צייט דעם מאָטיוו, ווען זיי קומען פון די בעלער ביי'ן מ ע נ ש.
— אָפטמאָל דוכט זיך מיר, אז איך הער זי אויפ'ן גאַס. איך קוק זיך אום, און ס'איז ניטאָ, ניט קיין מוזיקאנטען, ניט קיין מוזיק.

— און איך הער זי אין חלום.

— איך מוז זאָגען, אז מיר געפעלט זעהר, וואָס די מוזיקאנ־טען שפּיעלען אזוי זאָרגפעלטיג. זיי פערשטעהן, וואָס פאר א געלדער מען צאָהלט זיי, און זיי ווילען ניט קיין געלד אומזיסט. דאָס איז זעהר אנשטענדיג!

— ס'דוכט זיך אפילו, ווי זיי וואָלטען אליין אין זייערע אינסטרומענטען אריין: אזוי סטארען זיי זיך.

— אָדער זאָגט, די אינסטרומענטען זיינען אריין אין זיי.

— ווי רייך!

— ווי פּרעכטיג!

— ווי ליכטיג!

— ווי רייך!

א שטיקעל צייט הערט מען אין אלע עקען פון זאל אָבגעריי־סענע קלאנגען, עהנליך צו א בילען פון א הונד: ווי רייך! ווי פּרעכטיג!

— אויסער דעם זאל האָט דער מ ע נ ש נאָך פופצעהן גרויס־ארטיגע צימערן, און איך האָב זיי אלע געזעהן. אן עס־צימער מיט אזא אונגעהויער־גרויסען קאמין, אז אין איהם קען מען פער־ברענען גאנצע בוימער. גרויסארטיגע גאסט־צימערן און א בודו־אר. א גרויסארטיגער שלאָף־צימער, און צוקאָפּענס פון די בעטען, שטעלט אייך פאָר — באלדאחינען!

— יא, דאָס איז וואונדערבאר. באלדאחינען!

— איהר האָט געהערט: באלדאחינען!

— ערלויבט מיר פאָרטצוזעצען. פאר'ן זוהן, דעם קליינעם יונגעל, האָבען זיי א פיינעם ליכטיגען צימער פון גאָלדיגען געלען האָלץ. ס'דוכט זיך, אז די זון שיינט דאָרט תמיד...

— ס'איז אזא שיינינקער יונגעלע. זיינע לאָקען זיינען ווי זון־שטראלען.

— דאָס איז אמת. טהוט מען א קוק אויף איהם, מוז מען טראַכטען: אח, איז די זון שוין אויפגעגאנגען?

✣✣

— און טהוט מען א קוק אין זיינע אויגען, טראכט מען: אח, שוין אריבער דער הערבסט, און ווידער שיינט דער בלויער הימעל.

— דער מענש האט אזוי משוגע־ווילד ליעב זיין זוהן. ער האט איהם געקויפט א פערדעל, א פיינעם, שניי־ווייסען פערדעל, צום רייטען. מיינע קינדער...

— ערלויבט מיר פארטצוזעצען, זייט אזוי גוט. איך האב שוין דערצעהלט פון דער וואנע?

— ניין! ניין!

— נו: א וואנע!

— אח, א וואנע!

— יא, היים וואסער צו יעדער צייט. דערנאך דעם מ ע נ ־ ש ע ן ׳ ם קאבינעט, פול מיט ביכער, ביכער. מען זאגט, אז ער איז זעהר א קלוגער, און דאס זעהט מען טאקע אן די ביכער.

— און איך האב געזעהן דעם גארטען!

— דעם גארטען האב איך ניט געזעהן.

— און איך האב געזעהן דעם גארטען, און ער האט מיך פער־ כשופ׳ט, מוז איך זיך מודה זיין. שטעלט זיך פאר: סמאראגדען גרינע גאזאנען, וואונדעבאר רעגעלמעסיג אונטערגעשוירען. אין מיטען ציהען זיך צוויי סטעזשקעס, אויסגעשאטען מיט דינעם רויטען זאמד. בלומען — פאלמען אפילו!

— פאלמען אפילו!

— יא, פאלמען אפילו! און אלע בוימער גלייך אונטערגע־ שוירען. טייל ווי פיראמידען, טייל ווי גרינע זיילען. א פאנטאן. שפיגעל־באלעמס. און אויפ׳ן גרינעם גראז שטעהען קליינע גיפ־ סענע גנאמען און סערנעס.

— ווי רייך!

— ווי הערליך!

— ווי ליכטיג!

א שטיקעל צייט ווידערהאלט זיך: ווי רייך! ווי הערליך!

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

— דער הערר מ ע נ ש האָט מיר אָנגעטהאָן דעם כבוד און האָט מיר געוויעזען זיינע שטאלען און שאָפּעס, און איך האָב געגעבען מיין פולע הסכמה אויף די פערד און די עקיפּאזשען, וואָס ער האלט דאָרט. א בעזונדערס טיעפען איינדרוק האָט אויף מיר געמאכט דער אויטאָמאָביל.

— טראכט זיך נאָר איין: בעדיענטע אליין האלט ער זיע־בען מענשען: א קאָך, א קעכין, צוויי שטוב־מיידלעך, גערטנער...

— איהר האָט ניט דערמאָנט דעם קוטשער.

— יא, געוויס, א קוטשער אויך.

— יא, אליין טהוען זיי גאָרניט. חשוב'ע לייט.

— מען דאַרף זיך מודה זיין, אז ס'איז א גרויסער כבוד — צו זיין צו גאסט ביי'ן מ ע נ ש.

— אייך דוכט זיך ניט, אז די מוזיק איז אביסעל איינארטיג?

— ניין, מיר דוכט עס ניט, און מיך וואונדערט ווי פאלט עס אייך איין. זעהט איהר דען ניט, ס'ארא מוזיקאנטען דאָס זיינען?

— און איך וועל זאָגען, אז כ'וואָלט געוואָלט מיין גאנצען לעבען הערען אזא מוזיק, זי האָט אין זיך עפּעס, וואָס ריהרט מיך.

— מיך אויך.

— מיך אויך.

— עס איז אזוי גוט אונטער די טענער פון דער מוזיק זיס חלומ'ען וועגען גליקזעליגקייט...

— פליהען מיט'ן געדאנק אין די הימלישע ספערען!

— ווי גוט!

— ווי רייך!

— ווי פּרעכטיג!

חזר'ן איבער.

— איך זעה ביי יענע טהירען א בעוועגונג. באלד וועט דורכ־געהן דעם זאל דער מ ע נ ש און זיין פ ר ו י.

— די מוזיקאנטען געהען גאָר פון די כחות אויס.

— אַט זיינען זיי!

— זיי גײען! קוקט זיך איין, זיי גײען.

אין די הויכע טהירען פון דער רעכטער זייט בעוויזט זיך דער מענש, זיין פרוי זיינע פריינד און פריינד און שניידען קווער דורך דעם זאַל, געהענדיג צו די טהירען אין דער לינקער זייט. די טענצער מאַכען אַ ווארע, ניט אָבשטעלענדיג דעם טאַנץ. די מוזיקאַנטען שפּיעלען שרעקליך הויך און ניט איינִיג.

דער מענש איז שטאַרק פערעלטערט געוואָרען: זיינע לאַנגע האָר און באָרד זיינען גרויליך. נאָר דער פּנים איז מעגליך און שעהן, און געהן געהט ער מיט אַ רוהיגער ווירדע און עפּעס אַ קאַלטקייט; ער קוקט גלייך פאַר זיך, גלייך ווי ער בעמערקט ניט די אַרומיגע. געעלטערט האָט זיך אויך זיין פרוי, וועלכע שפּאַרט זיך אָן אויף זיין אָרם, נאָר זי איז נאָך שעהן. אויך זי בעמערקט עפּעס ניט דאָס אַרומיגע און קוקט גלייך פאַר זיך מיט אַ מאָדנעם כמעט פערגליווערטען בליק. אָנגעטהאָן זיינען זיי רייך.

גלייך נאָכ'ן מענש געהען די פריינד. אַלע זיינען זיי זעהר עהנליך איינער צום אַנדערן: ערדעלע פּנים'ער, אָפענע הויכע שטערענס, עהרליכע אויגען. זיי געהען שטאָלץ, אַרויסשטעלענדיג די ברוסט, טרעטענדיג זיכער און פעסט, און קוקען אויף די זייטען פון אויבען אַראָפּ מיט אַ לייכטען אָבלאַכען. ביי אַלעמען אין די לאַצען ווייסע רויזען.

דערנאָך געהען די פיינד פון מענש, זעהר עהנליכע איינער צום אַנדערן. זיי האָבען אַלע ביטערע, נידערטרעכטיגע פּנים'ער, נידעריגע, איינגעדריקטע שטערנס, לאַנגע אַפּפען-הענד. זיי געהען אונרוהיג, איינגעבויגען, שטויסענדיג זיך, בעהאַלטענדיג זיך איינער הינטער דעם אַנדערן, און רונצלענדיג דעם שטערן, וואַרפען זיי אין אַלע זייטען שאַרפע, ביטערע קנאה-בליקען. אין די לאַצען — געלע רויזען.

אַזוי געהען זיי דורכ'ן זאַל פּאַמעלעך, ניט אויסריידענדיג

✤✤✤

קיין וואָרט. דאָס טופּען פון די פיס, די מוזיק, די אויסשרייען פון די געסט בעשאַפען זעהר א טומעלדיגען, שארף דיס־הארמאָנישען גערויש.

די געסט.

— אָט זיינען זיי! אָט זיינען זיי! ס'אַרא כבוד!
— ווי שעהן ער איז!
— ס'אַרא מענליך פּנים!
— קוקט זיך איין! קוקט זיך איין!
— ער קוקט ניט אויף אונז!
— מיר זיינען זיינע געסט!
— ס'אַרא כבוד! ס'אַרא כבוד!
— און זי? קוקט זיך איין! קוקט זיך איין!
— ווי שעהן זי איז!
— ווי שטאָלץ!
— ניין, ניין, איהר קוקט זיך איין אויף די בריליאנטען!
— בריליאנטען! בריליאנטען!
— פּערעל! פּערעל!
— רובינען!
— ווי רייך! ס'אַרא כבוד!
— א כבוד! א כבוד! א כבוד!

חזר'ן איבער.

— און אָט זיינען די פ ר י י נ ד פון דעם מ ע נ ש.
— קוקט זיך איין, קוקט זיך איין, אָט זיינען די פ ר י י נ ד פון דעם מ ע נ ש!
— ערדלע פּנים'ער!
— א שטאָלצער גאנג!
— אויף זיי איז אן אָבשיין פון זיין רוהם!
— ווי זיי ליעבען איהם!
— ווי זיי זיינען איהם טריי!

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

— ס'אַרא כבוד איז צו זיין אַ פריינד פון דעם מ ע נ ש!
— זיי קוקען אויף אַלצדינג ווי אויף זייער אייגענם!
— זיי זיינען דאָ ביי זיך אין דער היים!
— ס'אַרא כבוד!
— א כבוד! א כבוד! א כבוד!

חזר'ן איבער.

— און אָט זיינען די פ י י נ ד פון דעם מ ע נ ש!
— קוקט זיך איין, קוקט זיך איין, די פ י י נ ד פון דעם מ ע נ ש!
— זיי געהען ווי געשלאָגענע הינד.
— דער מענש האָט זיי אונטערטעניג געמאכט.
— ער האָט זיי אָנגעטהאָן מויל־שלעסער!
— זיי דרעהען מיט'ן עק.
— זיי גנב'ענען זיך אריין!
— זיי שטופען זיך!
— חא־חא! חא־חא!

חאחען.

— ס'אַרא נידערטרעכטיגע פנים'ער!
— זשעדנע בליקען!
— פחדנים!
— ניט פארגינערס!
— זיי האָבען מורא אויף אונז א קוק צו טהאָן.
— זיי פיהלען, אז מיר זיינען אין דער היים!
— מען דארף זיי נאָך אָנשרעקען!
— דער מ ע נ ש וועט דאנקבאר זיין!
— שרעקט זיי, שרעקט זיי!
— האָ — האָ!

זיי שרייען אויף די פ י י נ ד פון מ ע נ ש, צוזאמענמי־

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

שענדיג דעם געשריי האַ־האַ מיט א געלעכטער. די פ י י נ ד טוליען זיך איינער צום אנדערן שרעקעדיג און קוקען שאַרף אין אלע זייטען.

— זיי געהען אוועק! זיי געהען אוועק!
— ס׳ארא כבוד!
— זיי געהען אוועק!
— האַ־האַ! חא־חא!
— זיי זיינען אוועק! אוועק! אוועק!

די פּראָצעסיע פערשווינדט אין דער טיר פון דער לינקער זייט. ס׳ווערט א ווייליע שטיל. די מוזיק שפּיעלט ניט אזוי הויך, און די טענער פילען ביסלעכווייז אָן דעם זאַל.

— וואוהין זיינען זיי אוועק?

— איך רעכען, אז זיי זיינען אוועק אין עס־צימער, דאָרט איז גרייט אן אָוועגד־מאָלצייט.

— מסתמא וועט מען אויך אונז באלד בעטען. איהר האָט ניט געזעהן קיינעם וואָס זאָל אונז זוכען?

— יא, שוין צייט. אז מען זעצט זיך שפּעט צום אָוועגד־מאָלצייט שלאָפט מען שלעכט די נאכט.

— כ׳מוז בעמערקען, אז איך עס אויך אָוועגד־מאָלצייט זעהר פריה.

— א שפּעטער אָוועגד־מאָלצייט לעגט זיך שווער אויפ׳ן מאָגען.

— און די מוזיק שפּיעלט אלץ!

— און זיי טאנצען אלץ. איך וואונדער זיך, ווי זיי ווערען דאָס ניט מיעד.

— ווי רייך!

— ווי פּרעכטיג!

— איהר ווייסט ניט פאר וויפיעל מענשען איז גרייט אָוועגד־מאָלצייט.

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

— איך האָב ניט קיין צייט געהאַט צו צעהלען. ס'איז אריינגעקומען דער „מעטר ד' אָטעל", און איך האָב געמוזט ארויסגעהן.

— ס'קען ניט זיין, מען זאָל אַן אונז פערגעסען!

— נאָר דער מ ע נ ש איז דאָך אזוי שטאָלץ! און מיר זיינען אזוי נישטיג.

— לאָזט אָב! מיין מאַן זאָגט אז מיר טהוען איהם א כבוד אָן, ווען מיר קומען צו איהם. מיר זיינען אליין גענוג רייך.

— בערעכענט מען, ס'ארא רעפּוטאציע זיין פרוי האָט...

— איהר זעהט ניט קיינעם, וואָס זאָל אונז זוכען? ס'קען זיין, ער זוכט אונז אין די אנדערע צימערן.

— ווי רייך!

— אויב מען איז ניט צופיעל פאַרזיכטיג מיט פרעמדע געלד קען מען שוין ווערען רייך, רעכען איך.

— הערט אויף, דאָס זאָגען נאָר זיינע פיינד...

— אָבער צווישען זיי זיינען פאַרהאַן גאַנץ בכבוד'יגע מענשען. כ'מוז זיך מודה זיין, אז מיין מאַן...

— אָבער ווי שפּעט איז שוין!

—דאָ איז קענטיג פאָרגעקומען א מיספערשטענדניס. כ'קען עס דאָך ניט גלויבען. מען זאָל אונז פּשוט האָבען פערגעסען.

— אפּנים איהר קענט וועניג דאָס לעבען און מענשען, אויב איהר מיינט אזוי.

— כ'וואונדער זיך. מיר אליין זיינען גענוג רייך.

— דוכט זיך, עמיץ האָט אונז גערופען?

— דאָס האָט זיך אייך אויסגעדוכט! קיינער האָט אונז ניט גערופען. און איך פערשטעה ניט, כ'מוז עס אָפען זאָגען, וואָס זיינען מיר געקומען אין א הויז מיט אזא רעפּוטאציע. בעקאַנטשאַפטען דאַרף מען אויסקלייבען פאַרזיכטיג.

אין טהיר ווייזט זיך א ל א ק י י אין א ליוורעע.

✤✤

דער הערר מ ע נ ש און זיין פ ר ו י בעטען די געעהרטע העררען אזוי גוט זיין צום טיש.

די געסט הייבען זיך איילענדיג אויף.

— ס'ארא ליוורעע!

— ער האָט אונז גערופען!

— איך האָב געזאָגט, אז דאָס איז אַ מיספערשטענדניס.

— דער מ ע נ ש איז אזוי ליעבליך! זיי האָבען אודאי אליין נאָך ניט געזעצט זיך צום טיש.

— איך האָב געזאָגט, ס'איז ניטאָ עמיץ, וואָס זאָל אונז זו־כען.

— ס'ארא ליוורעע!

— מען זאָגט, אז דער אָוועגד־מאָלצייט איז גרויסארטיג.

— ביי'ן מ ע נ ש קען קיין זאך ניט שלעכט זיין.

— ס'ארא מוזיק. ס'ארא כבוד צו זיין אויפ'ן באל ביי'ן מ ע נ ש.

— זאָלען אונז מקנא זיין די...

— ווי רייך!

— ווי פרעכטיג!

— ס'ארא כבוד!

— ס'ארא כבוד!

חזר'ן דאָס איבער און געהן אוועק איינער נאָך'ן אנדערן. אין זאַל ווערט לעדיג. אַ פּאָרעל נאָך אַ פּאָרעל פערלאָזען די טענ־צער דעם טאנץ און שוויגענדיג געהען זיי אוועק נאָך די געסט. נאָר די מוזיקאנטען שפּיעלען נאָך אלץ מיט דערזעלבער שרעקלי־כער זאָרגפעלטיגקייט.

דער לאקיי לעשט אויס די היינגלייכטער, איבערלאָזענדיג בלויז איין ליכט אין אַ ווייטען היינגלייכטער, און געהט אוועק. אינ'ם האלב־דונקעל ציטערן מוטנע די פיגורען פון די מוזיקאנטען, וואָס שאָקלען זיך מיט זייערע אינסטרומענטען, און שארף זעהט זיך ארויס „ע מ י ץ א י ן ג ר ו י ע ן". דער פלאם פון ליכט

ציטערט און מיט א העלען, געלבליכען שיין בעלייכט ער זיין שטיי־
נערענם פנים און גאמבע.

ניט אויפהייבענדיג דעם קאָפּ קעהרט ע ר זיך אום און בע־
לויכטען פונ׳ם ליכט־פלאם געהט ער לאנגזאם, מיט רוהיגע און
שטילע טריט צו די טהירען, דורך וועלכע ס׳איז ערשט אוועק דער
מ ע נ ש, און פערשווינדט אין זיי.

פאָרהאנג פאלט.

דאָס פּערטע בילד.

דעם מענשען׳ס אומגליק.

א פיערקאנטיגער גרויסער צימער מיט אן אומעטיגען אויסזעהן. גלאטע טונקעלע ווענד, פּאָדלאָגע און סופיט. אין דער הינטערשטער וואנד צוויי הויכע אכט־שויביגע ניט פארהאנגענע פענסטער און א ניעדעריגע טהיר צווישען זיי; פּונקט אזעלכע צוויי פענסטער אין דער רעכטער וואנד. אין די פענסטער קוקט אריין די נאכט, און ווען מען עפענט אויף די טהיר, טהוט די זעלבע טיעפע פינסטערניש פון דער נאכט האסטיג א קוק אין צימער. בכלל, ווי עס זאָל ניט ליכטיג זיין אין דעם מענשען׳ס צימערן, שלינגען די אונגעהויער־גרויסע, פינסטערע פענסטער די ליכטיגקייט איין.

אין דער לינקער וואנד נאָר איין נידעריגע טהיר אינעווייניג אין הויז אריין; ביי דער זעלבער וואנד שטעהט א ברייטע סאָפע בעשלאָגען מיט א שווארצער סעראטע, ביי׳ם פענסטער רעכטס, דעם מענשען׳ס ארבייט׳ס טיש, זעהר אן איינפאכער, אן אָרימער; מאט ברענט אויף איהם א לאָמפּ אונטער א טונקעלען שייד, און עס זעהט זיך א געלער פלעק פון דער פאנאנדערגעוויקעלטער צייכנונג און קינדער־שפּיעלצייג: א קליינינקער קיווער, א הילצערן פערדעל אָהן אן עק און א רויטער לאנגנעזיגער פּאיאץ מיט גלעקלעך. ביי דער שטיקעל וואנד צווישען די פענסטער, אן אלטער ביכער־שראנק, אינגאנצען א לעדיגער, א צובראָכענער; עס זעהען זיך אָן פּאסען שטויב פון די ביכער — קענטיג, מען האָט זיי גאָר ניט לאנג אוועקגעטראָגען. איין שטול. אין ווינקעל, וואָס איז טונקעלער פון די

אנדערע, שטעהט „ע מ י ץ א י ן ג ר ו י ע ן" וואָס מען רופט איהם ע ר. די ליכט אין זיין האנד איז ניט גרעסער ווי א דיקער עטוואָס פערשמאָלצענער שנויץ, וואָס ברענט מיט א רויטליכען ציטערדיגען פייער. און רויט זיינען אויך די ליכט־פלעקען אויף זיין שטיינערנעם פנים און גאמבע.

די איינציגע בעדיענטע פון דעם מ ע נ ש, די ז ק נ ה זיצט אויפ'ן שטול און רעדט מיט א גלייכער שטימע, ווי עמיץ וואָלט איהר געהערט:

— אָט איז דער מ ע נ ש אויפ'ם ניי אָרים געוואָרען: גע־האט האָט ער א סך טייערע זאכען, פערד און עקיפאזשען, און אוי־טאָמאָביל אפילו, און איצט האָט ער גאָרניט, און פון אלע בעדיענ־טע בין איך איינע נאָר געבליבען. אין דעם צימער און אין אנדערע צוויי איז נאָך פארהאן גוטע זאכען — אָט איז א סאָפע, אָט איז א שראנק, — און אין די איבעריגע צוועלף איז ניטאָ גאָרניט, און זיי שטעהען לעדיגע און פינסטערע. טאָג און נאכט לויפען דאָרט ארום ראטען און זיי רייסען זיך און קוויטשען; די מענשען האָבען מורא פאר זיי, און איך ניט. מיר איז אלץ איינס.

שוין לאנג הענגט אויפ'ן טויער אן אייזערן ברעטעל מיט אן אויפשריפט, אז דאָס הויז פערקויפט זיך, נאָר קיינער קויפט עס ניט. פערזשאווערט איז שוין געוואָרען דאָס ברעטעל, און אָבגערי־בען האָבען זיך די בוכשטאבען פון רעגענס, און קיינער קומט ניט, און קיינער קויפט ניט — קיינער דאַרף ניט דאָס אלטע הויז. און אפשר וועט זיך געפינען א קונה — וועלען מיר זוכען אן אנדער וואוינונג, און זיין וועט עס גאָר א פרעמדע. די מאדאם וועט אָנ־הויבען וויינען, ס'וועט זיך צוזאווינען אויף דער אלטער הערר, און איך ניט. מיר איז אלץ איינס.

איהר וואונדערט זיך, וואו איז אהינגעקומען דאָס גאנצע רייכ־טום — איך ווייס ניט, אפשר איז עס טאקע א וואונדער, נאָר איך האָב מיין גאנצען לעבען ביי מענשען פערבראכט און געזעהן ניט איינמאָל, ווי געלד געהט אוועק, ווי ס'שווימט ארוים פאמעלעך

דורך עפּעס מאָדנע שפּאַלטען. געווען א סך, דערנאָך איז געוואָרען ווייניג, דערנאָך אינגאנצען גאָרניט; ס'פלעגען קומען קונדען און מאכען בעשטעלונגען — און דערנאָך האָבען זיי אויפגעהערט צו קומען. איינמאָל האָב איך געפרעגט די מאדאם פאר וואָס איז עס אזוי, האָט זי געענטפערט: עס הערט אויף צו געפעלען דאָס, וואָס איז געווען געפעלען, מען הערט אויף צו ליבען דאָס, וואָס מען האָט געליעבט. — ווי זשע קען עס זיין, עס זאָל אויפהערען געפעלען, אויב ס'איז שוין יא געפעלען געוואָרען? האָט זי ניט געענטפערט און צואוויינט זיך, און איך ניט. מיר איז אַלץ איינס. מיר איז אַלץ איינס.

ווי לאנג זיי צאָהלען מיר, וואוין איך ביי זיי; וועלען זיי אויפהערען צאָהלען, געה איך אוועק צו אנדערע און וועל וואוינען ביי יענע. איך האָב געקאָכט פאר זיי, דערנאָך וועל איך קאָכען פאר אנדערע, דערנאָך וועל איך אינגאנצען אויפהערען — אַלט בין איך געוואָרען, און איך זעה שלעכט. דאמאָלס וועט מען מיך ארויסטרייבען און מען וועט זאָגען: דו געה וואו דו ווילסט, און מיר וועלען נעהמען אן אנדערע. איז וואָס זשע? וועל איך געהן. מיר איז אַלץ איינס.

מענשען וואונדערען זיך אויף מיר. עס איז א שרעק, זאָגען זיי, צו וואוינען דאָ, עס איז א שרעק צו זיצען אָוועגד־צייט, ווען אין קוימען פייפט דער ווינד, און ראטען קוויטשען און בייסען זיך.

איך ווייס ניט, אפשר איז טאקע א שרעק, נאָר איך טראכט ניט דערפון. צו וואָס? זיי זיצען זאלבענאנד, און קוקען איינער אויף'ן אנדערן און הערען זיך צו צום ווינד, און איך זיץ מיר און קוק איינע אליין און הער זיך אויך צו צום ווינד. פייפט ניט איין ווינד אין אונזערע אויערן? עס פלעגט זיך טרעפען, יונגע לייט קומען אריין צו זייער זוהן, דאמאָלס לאכען אלע, זינגען, געהען אין די לעדיגע צימערן צוטרייבען די ראטען, נאָר צו מיר קומט קיי־נער ניט, און איך זיץ מיר אליין. אַלץ אליין. ניטאָ מיט וועמען

א וואָרט אויסצורײדן — רייד איך מיט זיך און — מיר איז אַלץ איינס.

אזוי איז זיי שוין אויך גענוג שלעכט, האָט זיך אייערנעכטען געטראָפען נאָך אן אומגליק: דער יונגער הערר איז געגאנגען שפּאַציערען; דער הוט אויף א זייט אָנגעטהאָן, די האָר פערקעמט גאָר מעשה העלד, האָט א בייזער מענש גענומען און פון הינטען געוואָרפען אויף איהם א שטיין און צובראָכען איהם דעם קאָפּ, ווי א נוס. מען האָט איהם געבראכט, אנידערגעלעגט, ליעגט ער איצט, האלט ביים שטארבען — און, ווער ווייס, אפשר וועט ער בלייבען לעבען. עס האָבען געוויינט די אלטע מאדאם און דער הערר, דערנאָך האָבען זיי גענומען אלע ביכער, ארויפגעלעגט אויף א וואָגען און פערקויפט. פאר די געלד האָבען זיי א ווארטס־פרוי געדונגען און רפואות גענומען. אפילו וויינטרויבען געקויפט. זיינען די ביכער צונוץ געקומען. אָבער ער נעהמט ניט אין מויל אריין די וויינטרויבען, קוקט אפילו ניט אויף זיי — אזוי ליעגען זיי נעבען איהם אויף'ן טעלערל. אזוי ליעגען זיי.

אין דער דרויסענדיגער טהיר געהט אריין דער ד אָ ק ט אָ ר, א פערכמורעטער און זעהר פערזאָרגטער.

ד ע ר ד אָ ק ט אָ ר.

ניט פערבלאָנדזשעט? איהר ווייסט ניט, אלטיטשקע? איך בין א דאָקטאָר, כ'האָב א סך וויזיטען, און אָפט האָב איך א טעות. מען רופט אהין, מען רופט אהער, און די הייזער זיינען אלע די זעלביגע, און די מענשען אין זיי לאנגווייליגע. ניט פערבלאָנדזשעט?

ד י א ל ט י ט ש ק ע.

איך ווייס ניט.

ד ע ר ד אָ ק ט אָ ר.

אָט וועל איך א קוק טהון אין מיין נאָטיץ־ביכעל. איז ניט ביי אייך אין הויז דאָס קינד, וואָס איז קראנק אויף'ן קעהל און ס'שטיקט זיך?

— ניין.

— איז ניט ביי אייך אין הויז דער הערר, וואָס האָט זיך גע־וואָרגען מיט א ביין?

— ניין.

— איז ניט ביי אייך דער מענש, וואָס איז פּלוצלונג משוגע געוואָרען פאר אָרימקייט און האָט גע'הרג'עט מיט א האק די ווייב און צוויי קינדער? אינגאנצען איז געווען דוכט זיך, פיער?

— ניין.

— איז ניט ביי אייך דאָס מיידעל, ביי וועלכער דאָס הארץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּען? זאָגט ניט קיין ליגען, אלטיטשקע, מיר דוכט, אז זי איז ביי אייך.

— ניין.

— ניין. איך גלויב אייך. איהר רעדט אויפריכטיג. איז ניט ביי אייך דער יונגער מענש, וואָס מען האָט איהם מיט א שטיין דעם קאָפּ צוברּאָכען, און ער האלט ביים שטארבען?

— ביי אונז. געהט אין יענע טהיר, לינקס. זעהט, געהט ניט ווייטער, דאָרט וועלען אייך די ראטען אויפעסען.

— גוט. מען קלינגט, מען האלט אין איין קלינגען, טאָג ווי נאכט. אָט איז איצט נאכט. אלע לאַמטערענס פערלאָשען, און איך געה אליין. אָפּט האָב איך א טעות, אלטיטשקע.

ער געהט אוועק דורך די טהיר, וואָס פיהרט אינעווייניג אין הויז אריין.

ד י א ל ט י ט ש ק ע.

איין דאָקטאָר האָט געהיילט און ניט אויסגעהיילט, איצט וועט אן אנדערער היילען, און, מן הסתם, אויך ניט אויסהיילען. איז וואָס זשע? וועט שטארבען זייער זוהן, און מיר וועלען בלייבען אליין. איך וועל מיר זיצען אין קיך און ריידען מיט זיך, און זיי וועלען דאָ זיצען, שווייגען און קלערען. און נאָך א צימער וועט לע־דיג ווערען, און ארומלויפען וועלען דאָרט און רייסען זיך ראטען.

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

זאָלען זיי ארומלויפען און רייסען זיך, מיר איז אלץ איינס. מיר איז אלץ איינס.

איהר פרעגט מיך, פאר וואָס האָט דער בייזער מענש געשלאָגען דעם יונגען הערר. איך וויים ניט — פון וואנען קען איך דען וויסען, פאר וואָס מענשען טויטען איינער דעם אנדערן? איינער האָט געוואָרפען א שטיין פון הינטען און איז אנטלאָפען, און דער אנדערער איז אומגעפאלען און איצט שטארבט ער — אָט דאָס וויים איך. מען זאָגט, אז א גוטער איז געווען אונזער יונגער הערר, און א מוטיגער און פאר אָרימע לייט האָט ער זיך אָנגענומען — איך וויים ניט, מיר איז אלץ איינס. א גוטער צי א שלעכטער, אן אלטער צי א יונגער, א לעבעדיגער צי א טויטער, מיר איז אלץ איינס. מיר איז אלץ איינס.

ווי לאנג מען צאָהלט, וואוין איך דאָ, און וועלען זיי אויפהערען צו צאָהלען, געה איך אוועק צו אנדערע; און כ'וועל קאָכען פאר אנדערע, דערנאָך וועל איך איינגאנצען אויפהערען — אלט בין איך געוואָרען, איך זעה שלעכט און דערקען ניט דעם אונטערשיעד צווישען זאלץ און צוקער. וועט מען מיך ארויסטרייבען און מען וועט זאָגען: געה, וואו דו ווילסט, און מיר וועלען נעהמען אן אנדערע. איז וואָס זשע? וועל איך געהן. מיר איז אלץ איינס. צי דאָ, צי דאָרט, צי ערגעץ ניט — מיר איז אלץ איינס... מיר איז אלץ איינס...

עס קומען אריין דער ד אָ ק ט אָ ר, דער מ ע נ ש און זיין פ ר ו י.ביידע האָבען זיך זעהר שטארק געעלטערט און זיינען אינגאנצען גרוי. די הויך שטעהענדיגע, לאנגע האָר פון דעם מ ע נ ש און די גרויע באָרד מאכען זיין קאָפּ עהנליך צו א לייבען־קאָפּ. ער געהט אביסעל איינגעהויקערט, דעם קאָפּ אָבער האלט ער גלייך און קוקט פון אונטער די גרויע ברעמען שטרענג און ענטשלאָסען. ווען ער בעקוקט עפּעס אין דער נאָהענט, טהוט ער אָן גרויסע ברילען אין א זילבערנער איינפאסונג.

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

ד ע ר ד אָ ק ט אָ ר.

אייער זוהן איז שטארק אנשלאָפען געוואָרען, זאָלט איהר איהם ניט וועקען. דער שלאָף איז אפשר צום גוטען. און איהר געהט אויך שלאָפען; ווען א מענש האָט צייט צו שלאָפען, דארף ער שלאָפען, און ניט ארומגעהן, און ניט ריידען.

ד י פ ר ו י.

כ'דאנק אייך. איהר האָט אונז אזוי בערוהיגט. און מאָרגען וועט איהר ניט קומען צו אונז?

ד ע ר ד אָ ק ט אָ ר.

איך וועל קומען אי מאָרגען אי איבערמאָרגען. און איהר, אל־טיטשקע, געהט אויך שלאָפען. ס'איז שוין שפעט, און צייט, אז אלע זאָלען געהן שלאָפען. דורך די טהיר דארף מען געהן? כ'האָב אָפט א טעות.

ער געהט אוועק. די א ל ט י ט ש ק ע געהט אויך אוועק און דער מ ע נ ש בלייבט זאלבענאנד מיט דער פ ר ו י.

ד ע ר מ ע נ ש.

קוק זיך איין, מיין פרוי; אָט דאָס האָב איך אָנגעהויבען צו צייכנען, ווען אונזער זוהן איז נאָך געזונד געוועזן. אָט אויף דער ליניע בין איך געבליבען שטעהן און געטראכט דערביי: כ'וועל אָברוהען און דערנאך וועל איך ווייטער ארבייטען. קוק זיך איין, ס'ארא איינפאכע און רוהיגע ליניע. און ס'איז א שרעק א קוק צו טהאָן אויף איהר: עס קען זיין, דאָס איז די לעצטע, וואָס איך האָב געצייכענט פאר מיין זוהן'ס לעבען. מיט וואָס פאר א בייזען ניט־וויסען עס אָטהעמט איהר איינפאכקייט, איהר רוהיגקייט!

— זיי ניט אונרוהיג, מיין ליעבער, פערטרייב פון זיך די שלעכטע געדאנקען. איך גלויב, אז דער דאָקטאָר האָט אמת געזאָגט, און אונזער זוהן וועט געזונד ווערען.

— און דו ביסט דען ניט אונרוהיג? גיעב נאָר א קוק אויף זיך אין שפּיעגעל: דו ביזט ווייס, ווי דיינע האָר, מיין אלטער פריינד.

— אודאי בין איך א ביסעל אונרוהיג, אָבער איך בין זיכער, אז קיין געפאהר איז ניטאָ.

— אויך היינט, ווי אלעמאָל, מונטערסטו מיך אויף און נארסט מיך אזוי אויפריכטיג און הייליג. אָרימער וואפּענטרעגער מיינער, טרייער וועכטער פון מיין פּערטעמפּטען שווערד — שלעכט איז מיט דיין ריטער, עס האלט שוין ניט קיין געוועהר זיין אלט־ציטעריגע האנד. וואָס זעה איך? דאָס זיינען דעם זוהן׳ס שפּיעלצייג! ווער האָט זיי געלעגט אהער?

— מיין ליעבער, דו האָסט פּערגעסען: האָסט עס אליין אהער אוועקגעלעגט א לאנגע צייט צוריק. האָסט געזאָגט, אז דיין ארבייט געהט לייכטער, ווען די קינדערשע אונשולדיגע שפּיעלצייג ליעגען פאר דיר.

— יא, איך האָב פּערגעסען. נאָר איצט שרעק איך זיך צו קוקען אויף זיי, ווי עס שרעקט זיך א פּער׳משפּט׳ער צום טויט צו קוקען אויף די מארטער־געצייג. ווען א קינד שטארבט, ווערען זיינע שפּיעלצייג א קללה פאר די לעבעדיגע. מיין פרוי! מיין פרוי! איך שרעק זיך צו קוקען אויף זיי.

— מיר האָבען זיי געקויפט ווען מיר זיינען נאָך געווען אָרים. ס׳טהוט דאָס הארץ מיר וועה צו קוקען אויף זיי: אזעלכע אָרימע, ליעבע שפּיעלצייג.

— איך קען ניט, איך מוז זיי נעהמען אין האנד. אָט איז א פּערדעל מיט אן אָבגעריסענעם עק. — האָפּ־האָפּ, פּערדעל, וואוהין שפּרינגסטו עס? — ווייט, פאפּא, ווייט, דאָרט, וואו עס זיינען די פעלדער און דער גרינער וואלד. — נעהם מיך, פּערדעל, מיט זיך. — האָפּ־האָפּ, זעץ זיך ליעבער פאפּעלע... און אָט איז א קיווער. א צרה׳דיגער קיווער פון קארטאָן, וואָס כ׳האָב איהם אליין לאכענדיג אָנגעמאָסטען, ווען כ׳האָב איהם געקויפט אין קלייט. — ווער ביזטו? — איך בין א ריטער, פאפּא. איך בין דער שטארקסטער,

⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜⚜

מוטהיגסטער ריטטער. — וואוהין געהסטו, מיין קליינינקער ריט־טער? — כ'געה טויטען דעם גיפטיגען דראקאן, ליעבער פאפא. איך געה בעפרייען די געפאנגענע, פאפא. — געה, געה, מיין קליי־נינקער ריטטער.

דעם מענשען'ס פרוי וויינט.

און אַט איז אונזער אלט־בעקאנטער פאיאץ מיט דעם נארישען און ליעבען פנים. נאָר ווי אָבגעריסען איז ער, — גלייך ווי ער איז פון הונדערטער שלאכטען ענטרונען, נאָר ער לאכט נאָך אלץ, און זיין נאָז איז נאָך אלץ רויט. קלינג זשע, חבר, ווי אין די אמאָליגע צייטען. קענסט ניט, ניין? איין גלעקעל איז נאָר געבליבען, זאָג־סטו. נו, וועל איך דיר אומוואַרפען צו דער ערד!

ווארפט איהם אום.

ד י פ ר ו י.

וואָס טהוסטו? דערמאָן זיך, ווי אָפט האָט אונזער אינגעל געקושט זיין לעבערליכען פנים.

ד ע ר מ ע נ ש.

יא. איך בין אומגערעכט. פערגיב מיר, מיין חבר, און דו אל־טיטשקער פערגיב מיר אויך.

הייבט איהם אויף, איינבויגענדיג זיך מיט מאטערניש.

— דו לאכסט אלץ? ניין, איך וועל דיך אוועקלייגען ערגעץ וויטער. זיי ניט אין כעס, נאָר איצט קען איך ניט קוקען אויף דיין שמייכעל, געה לאָך דיר אין אן אנדער אָרט.

— דיינע ווערטער צורייסען דאָס הארץ. גלויב מיר, אונזער זוהן וועט געזונד ווערען. וואָרים צי דען וואָלט עס זיין גערעכט, אז דאָס יונגע זאָל שטארבען פריהער פאר דאָס אלטע.

— און וואו האָסטו דען גערעכטיגקייט געזעהן, מיין פרוי?

— מיין ליעבער חבר, איך בעט דיך, לאָמיר ביידע פאלען אויף די קניה און אינאיינעם בעטען גאָט.

— שווער בויגען זיך אלטע קניה.

— בויג זיי איין, דו מוזט.

— עס וועט ניט פערנעהמען מיין תפלה דער, ווענמען איך האָב נאָך קיין איין מאָל ניט בעלעסטיגט ניט מיט לויבגעזאנגען, ניט מיט געבעט. בעט דו — דו ביזט א מוטער!

— בעט דו — דו ביזט א פאָטער! אויב א פאָטער קען זיך ניט אויסבעטען זיין זוהן, טאָ ווער קען עס? אויף ווענמען פערלאָזט דו זיך? קען איך דען איינע אליין זאָגען אזוי, ווי מיר וועלען עס זאָגען אין צווייען?

— זאָל זיין, ווי דו זאָגסט. אפשר וועט זיך אָברופען די אייביגע גערעכטיגקייט, ווען אלטע וועלען אויף די קניה פאלען.

ביידע שטעלען זיך אויף די קניה, זיך ווענדענדיג צו דעם ווינקעל, וואו עס שטעהט אונבעוועגליך דער „א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר“, און לעגען צונויף די הענד אויף׳ן ברוסט צום געבעט.

ד ע ר מ ו ט ע ר ס ׳ ס ג ע ב ע ט:

„איך טהו דיך בעטען, גאָט, לאָז לעבען מיין זוהן. נאָר איינס פערשטעה איך, נאָר איינס קען איך זאָגען, נאָר איינס: גאָט, לאָז לעבען מיין זוהן! איך האָב ניט קיין אנדערע ווערטער, אלץ איז פינסטער ארום מיר, אלץ פאלט, איך פערשטעה גאָר ניט, און מיין נשמה איז אזוי פול מיט שרעק, גאָט מיינער, אז נאָר דאָס איינס קען איך זאָגען. גאָט, לאָז לעבען מיין זוהן! לאָז לעבען מיין זוהן! לאָז! זיי מיר מוחל, וואָס איך טהו תפלה אזוי שלעכט, נאָר איך קען ניט. גאָט מיינער, דו פערשטעהסט, איך קען ניט. טהו א קוק אויף מיר. טהו נאָר א קוק אויף מיר — דו זעהסט? דו זעהסט, ווי עס טרייסעלט זיך דער קאָפּ, זעהסט, ווי עס טרייסלען זיך די הענד — אָבער וואָס זיינען מיינע הענד, גאָט! דערבאַרים זיך אויף איהם, ער איז דאָך אזא יונגינקער, ער האָט א מוטערפלעק אויף׳ן רעכטען הענדטעל. לאָז איהם לעבען, כאָטש א ביסעל, כאָטש א ביסעל. ער איז דאָך אזא יונגינקער, אזא נארישער —

ער האָט נאָך ליעב זיסע זאכען, און איך האָב איהם געקויפט וויינ־טרויבען. דערבארים זיך! דערבארים זיך!

וויינט שטיל, דעם פּנים פערדעקט מיט די הענד. ניט קוקענ־דיג אויף איהר, זאָגט דער מ ע נ ש.

ד ע ם פ אָ ט ע ר ׳ ס ג ע ב ע ט:

„אָט טהו איך תּפלה, דו זעהסט? איינגעבויגען די אַלטע קניה, ליעג אין שטויב פאר דיין אנגעזיכט, איך קוש די ערד — דו זעהסט? אפשר האָב איך דיר אמאָל דערצערענט, טאָ זיי מיר מוחל, זיי מיר מוחל. אמת, כ׳בין געווען אן עזות פּנים, פול מיט גאוה, כ׳האָב געמאָנט און ניט געבעטען, אָפט האָב איך בעשולדיגט — זיי מיר מוחל. און אויב דו ווילסט, אויב דאָס איז דיין ווילען, בעשטראָף, — נאָר מיין זוהן לאָז מיר. לאָז, איך בעט דיך. ניט בארמהערציגקייט בעט איך ביי דיר, ניט רחמנות, ניין — נאָר גע־רעכטיגקייט. דו — ביזט אן אַלטער, און איך בין דאָך אויך אן אַל־טער. דו וועסט מיך גיכער פערשטעהן. איהם האָבען געוואָלט טויטען בייזע מענשען, די וואָס טהוען דיך דערצערענען מיט זייע־רע מעשים און טהוען פעראונרייניגען די ערד. בייזע, אכזריות׳־דיגע ניעדעריגע ברואים, וואָס וואַרפען שטיינער פון הינטען, די ניעדערטרעכטיגע! טאָ, לאָז ניט, עס זאָל אויסגעפיהרט ווערען ביז צום סוף די בייזע טהאט: שטעל אָב דאָס בלוט, קעהר אום דאָס לעבען — קעהר אום דאָס לעבען מיין ערדעלען זוהן. דו האָסט ביי מיר אַלץ צוגענומען, נאָר צי האָב איך דיך אמאָל געבעטען ווי א בעטלער: קעהר אום דאָס רייכטום! קעהר אום די פריינד! קעהר אום דעם טאַלאַנט! ניין, קיינמאָל ניט. אפילו טאַלאַנט האָב איך ביי דיר ניט געבעטען, און דו ווייסט דאָך, וואָס טאַלאַנט איז — דאָס איז מעהר פון לעבען! אפשר דאַרף אזוי זיין, האָב איך געטראַכט, און כ׳האָב אַלץ געליטען, אַלץ געליטען, שטאָלץ גע־ליטען. און איצט בעט איך אויף די קניה, אין שטויב, קושענדיג די ערד — קעהר אום דאָס לעבען מיין זוהן. איך קוש די ערד דיינע!

✤✤

זיי שטעהען אויף. גלייכגילטיג הערט זיך צו צום געבעט פון פאָטער און מוטער ע מ י ץ, וועלכען מען רופט ע ר.

ד י פ ר ו י.

כ'האָב מורא, אז ניט געגוג עניות'דיג איז געווען דיין תפלה. עפּעס ווי גאוה האָט געקלונגען אין איהר.

ד ע ר מ ע נ ש.

ניין, ניין, מיין פרוי, איך האָב גוט גערעדט מיט איהם, אזוי ווי עס דארפען רעדען מענער. דארף ער דען ליעב האָבען אונטער־טעניגע שמייכלער, מעהר ווי מוטיגע און שטאָלצע מענשען, וואָס זאָגען דעם אמת? ניין, מיין פרוי, דו פערשטעהסט עס ניט. איצט גלויב איך אויך, און איך בין רוהיג געוואָרען, פרעהליך אפילו. איך פיהל, אז אויך איך קען נאָך עפּעס טהאָן פאר מיין יונגעל, און דאָס פרעהט מיך. גיב א קוק, צי שלאָפט ער ניט. ער דארף שלאָפען שטארק.

די פ ר ו י געהט אוועק, דער מ ע נ ש קוקט פריינדליך אין ווינקעל, וואו עס שטעהט „ע מ י ץ", נעהמט דעם שפּיעלצייג־פּאַ־יאַץ, שפּיעלט זיך מיט איהם און קושט איהם שטיל אין די לאנגע רויטע נאָז. אין דער רגע געהט אריין די פ ר ו י און דער מ ע נ ש זאָגט צוטומעלט:

— און איך האָב אלץ ענשולדיגונג געבעטען, כ'האָב בעליי־דיגט דעם נאר. נו, וואָס איז מיט אונזער ליעבען יונגעל?

— ער איז אזוי בלייך.

— דאָס איז גאָרניט, דאָס וועט אריבער: ער האָט זעהר א סך בלוט פערלוירען.

— מיר איז אזא רחמנות צו קוקען אויף זיין אָרימען, אָבגע־שאָרענעם קאָפּ. ער האָט דאָך געהאַט אזעלכע שעהנע, גאָלדע־נע לאָקען.

ד ע ר מ ע נ ש.

מען האָט זיי געמוזט אָבשניידען, כדי אָבצוואַוואַשען די וואונד,

ס'שאדט ניט, ס'שאדט ניט, מיין פרוי. זיי וועלן אויסוואקסען נאָך בעסער. האָסטו אָבער צונויפגעקליבען די אָבגעשניטענע האָר? מען דארף זיי אויפקלייבען און בעהאלטען. זיין טייער בלוט איז אויף זיי, מיין פרוי!

ד י פ ר ו י.

יא, איך האָב זיי בעהאלטען אין יענעם קאסטען, דעם לעצטען, וואָס איז אונז געבליבען פון אונזער רייכטום.

ד ע ר מ ע נ ש.

טרויער ניט אויף'ן רייכטום. מיר דארפען נאָר ווארטען, ביז עס וועט זיך נעהמען פאר דער ארבייט אונזער זוהן: ער וועט אומקעהרען דאָס פערלוירענע. מיר איז געוואָרען פרעהליך, מיין פרוי, און איך גלויב שטארק אין אונזער צוקונפט. און געדענקסטו אונזער אָרים ראָזען צימערעל? גוטע שכנים האָבען אָנגעוואָרפען דעמבע־בלעטער, און דו האָסט דערפון געמאכט א קראַנץ פאר מיין קאָפּ, און האָסט געזאָגט, אז איך בין געניאל.

ד י פ ר ו י.

איך וועל אויך איצט, מיין חבר, זאָגען דאָס זעלבע. מענשען האָבען אויפגעהערט צו האלטען פון דיר, איך אָבער ניט.

ד ע ר מ ע נ ש.

ניין, מיין קליין ווייבעל, דו ביזט ניט גערעכט. די ווערק פון א זשעניע לעבען איבער די מיאוסע אלטע שמאטע, וואָס מען רופט זיין קערפער. איך אָבער לעב נאָך, און מיינע זאכען...

ד י פ ר ו י.

ניין, זיי זיינען ניט געשטאָרבען, און וועלען ניט שטארבען. דערמאָן זיך אָן יענעם הויז אין ווינקעל, וואָס דו האָסט געבויט מיט צעהן יאָהר צוריק. יעדען אָבענד ווען די זון פערגעהט, געה־

סטו קוקען אויף איהם. איז אין דער גאנצער שטאָדט פארהאן א געביידע, וואָס זאָל זיין שעהנער, טיעפער?

ד ע ר מ ע נ ש.

יא, איך האָב עס טאקע געבויט מיט'ן חשבון, אז די לעצטע שטראַלען פון דער פערגעהענדער זון זאָלען פאַלען אויף איהם און זיך אָנצינדען אין די שויבען. די גאנצע שטאָדט איז שוין איינגע־הילט אין פינסטערניש, און מיין הויז זעגענט זיך ערשט מיט דער זון. דאָס איז גוט געמאכט, און אפשר — ווי מיינסטו? — וועט מיך איבערלעבען, כאָטש עטוואָס?

— געווים, מיין פריינד.

— מיך קרענקט נאָר איין זאך, מיין פרוי: פארוואָס האָבען מיך די מענשען פערגעסען אזוי גיך? זיי האָבען מיך געמעגט גע־דענקען א ביסעל לענגער, א ביסעל לענגער.

— מען פערגעסט דאָס, וואָס מען האָט געוואוסט, מען הערט אויף צו ליעבען, וואָס מען האָט געליעבט.

— א ביסעל לענגער האָבען זיי געמעגט געדענקען, א ביסעל לענגער.

— נעבען יענעם הויז האָב איך געזעהן א יונגען קינסטלער. אויפמערקזאם האָט ער שטודירט די געביידע און אָבגעמאָלט עס אין אן אלבום.

— ווי זשע האָסטו עס מיר ניט געזאָגט, מיין פריינד. דאָס איז זעהר וויכטיג. זעהר וויכטיג. דאָס הייסט, אז מיין געדאנק נעהמען איבער אנדערע מענשען, און זאָל מען מיך פערגעסען, ער וועט לעבען. דאָס איז זעהר וויכטיג, מיין פרוי; אָהן א שיעור וויכטיג.

— און מען האָט דיך ניט פערגעסען, מיין ליעבער. דערמאָן זיך אָן דעם יונגען מענש, וואָס האָט דיך מיט אזוי פיעל דרך ארץ בעגריסט אויף'ן גאס.

— דאָס איז אמת, מיין ווייבעל. א גוטער בחור, זעהר א גו־טער. ער האָט אזא ליעבען, יונגען פנים. גוט, וואָס דו האָסט מיר

דערמאָנט יענע בעגריסונג, ביי מיר איז ליכטיג געוואָרען אויף'ן הארצען. נאָר עס שלעפערט מיך עפּעס, פערמאטערט בין איך אודאי. און אלט בין איך, מיין קליינינקע גרויאינקע ווייבעל, בעמערקסט ניט?

— ביזט נאָך אלץ אזא שעהנער.

— און די אויגען בלישטשען?

— און די אויגען בלישטשען.

— און די האָר זיינען שווארץ ווי פּעך?

— זיי זיינען ביי דיר ווייס ווי שניי, און דאָס איז נאָך שעהנער.

— און קיין קנייטשען איז ניטאָ?

— פארהאן קליינע קנייטשלעך, נאָר...

— געוויס, איך פיהל אז איך בין א שעהנער. מאָרגען קויף איך א מונדיר און טרעט אריין אין דער לייכטער קאוואלעריע. גוט?

די פ ר ו י שמייכעלט.

— אָט שפּאסט דו, ווי אין די אמאָליגע צייטען. נו, לעג זיך, מיין ליעבער, שלאָף א ביסעל, און איך וועל געהן צו אונזער יונגעל. זיי רוהיג, איך וועל איהם ניט איבערלאָזען, און ווען ער וועט זיך אויפכאפּען, וועל איך דיך רופען. און דיר איז ניט אונאנגענעהם צו קושען אן אלטע גערונצעלטע האנד?

דער מ ע נ ש, קושענדיג:

— לאָז אָב! ביזט די שעהנסטע פרוי וואָס איך קען.

— און די קנייטשען?

— וואָס פאר א קנייטשען דאָרט? איך זעה א ליעבען, נרטען, קלוגען פּנים, און מעהר גאָרניט. זיי ניט אין כעס אויף מיר פאר'ן שטערענגען טאָן און געה צום יונגעל. היט איהם, זיי ארום איהם ווי א שטילער, צארט-לאשטשענדיגער שאטען, — און ווען ער אונרוהיג זיין אין שלאָף, זינג איהם א ליעדעל, ווי אמאָל, און

די וויינטרויבען שטעל נעהנטער, ער זאָל קענען מיט דער האנד דערלאנגען.

די פ ר ו י געהט אוועק. דער מ ע נ ש לעגט זיך אויף'ן סאָפע מיט'ן קאָפּ צו יענעם ווינקעל, וואו עס שטעהט אונבעוועג־ליך „ע מ י ץ א י ן ג ר ו י ע ן" אזוי, אז ע ר ריהרט כמעט אָן מיט דער האנד די גרויע צושויבערטע האָר. ער שלאָפט גיך איין.

„עמיץ אין גרויען".

שטארק און פריידיג איז אנטשלאָפען געוואָרען דער מ ע נ ש, פער'כשופ'ט פון האָפנונגען. שטיל איז זיין אָטהעם, ווי ביי א קינד. רוהיג און גלייכמעסיג קלאפט דאָס הארץ, אָברוהענדיג. ער וויים ניט, אז אין עטליכע רגע'ס ארום וועט שטארבען זיין זוהן, און אין געהיימניספולע חלומות שטעהט פאר איהם דאָס אונמעג־ליכע גליק...

איהם דוכט זיך, אז ער פאָהרט מיט זיין זוהן אין א ווייסען שיפעל אויף א שעהנעם שטילען טייך. איהם דוכט זיך, אז דער טאָג איז שעהן, און ער זעהט דעם בלויען הימעל, דעם קריסטאל־דורכ־זיכטיגען וואסער. ער הערט ווי עס רוקען זיך פאנאנדער שארכענ־דיג די שילפען פאר דעם שיפעל. איהם דוכט זיך, אז ער איז גליק־ליך, און א פרייד פיהלט ער — אלע חושים נארען דעם מ ע נ ש.

נאָר פּלוצלינג ווערט ער אונרוהיג. דער שרעקליכער אמת האָט דורך'ן געדיכטען שלייער פון שלאָף א ברען געטהאָן זיין געדאנק.

— פאר וואָס זיינען אזוי ניעדעריג אָבגעשניטען דיינע גאָל־דענע לאָקען, מיין יונגעל? פאר וואָס?

— מיר האָט וועה געטהאָן דער קאָפּ, פאפא, און דעריבער זיינען אזוי ניעדעריג אָבגעשניטען מיינע האָר.

און נאָך אמאָל אָבגענארט, פיהלט ער גליק, זעהט דעם בלויען הימעל און הערט, ווי עס שארכען די שילפען, פאנאנדעררוקענדיג זיך.

ער ווייסט ניט, אז שוין שטארבט זיין זוהן, ער הערט ניט, ווי אין דער לעצטער ווילדער האָפנונג, פול מיט קינדיש גלויבען אין די מאכט פון עלטערע, רופט דער זוהן איהם גאָר אָהן ווערטער מיט א געשריי פון הארצען: פאפא, פאפא, איך שטארב! האלט מיך צו! שטארק און פריידיג שלאָפט דער מ ע נ ש און אין געהיימניס־פולע נארענדיגע חלומות שטעהט פאר איהם דאָס אונמעגליכע גליק.

— וואך אויף, מ ע נ ש! דיין זוהן — איז געשטאָרבען.

דער מ ע נ ש הייבט דערשראָקען אויף דעם קאָפּ און שטעהט אויף.

איך שרעק זיך: עפּעס ווי עמיץ האָט מיך גערופען.

אין דער זעלבער רגע הערט זיך הינטער דער וואנד א געוויין פון פיעלע פרויען־שטימען. מיט הויכע, אויסגעצויגענע שטימען וויינען זיי איבער'ן געשטאָרבענעם. ס'קומט אריין די פ ר ו י, שרעקליך בלאס.

ד ע ר מ ע נ ש.

אונזער יונגעל איז געשטאָרבען?

ד י פ ר ו י.

יא. געשטאָרבען.

— ער האָט מיך גערופען?

— ניין. ער האָט זיך ניט אויפגעכאפּט. ער האָט קיינעם ניט גערופען. ער איז געשטאָרבען מיין זוהן, מיין גאָלדען קינד.

פאלט אויף די קניה פאר'ן מ ע נ ש און יאמערט, ארומנעהמענדיג מיט די הענד זיינע פיס. דער מענש לעגט זיין האנד אויף איהר קאָפּ און מיט א יאמערליכער, אָבער פורכטבארער שטימע רעדט ער, ווענדענדיג זיך צום ווינקעל, וואו עס שטעהט גלייכגילטיג „ע מ י ץ".

— דו האָסט א פרוי בעליידיגט, דו ניעדערטרעכטיגער! דו האָסט א קינד געטויט!

די פ ר ו י יאמערט. דער מ ע נ ש גלעט שטיל, מיט א ציטעריגער האנד איהרע האָר.

— ניט וויין, מיין ליעבע, ניט וויין. ער וועט אויך אונזערע טרערען אויסלאכען, ווי ער האָט אויסגעלאכט אונזערע תפלות. — און דו, איך וויים ניט, ווער דו ביזט, גאָט, טייוועל, פאטום אָדער לעבען — מיין פלוך דיר!

דערנאָך רעדט ער מיט א הויכער שטארקער שטימע, מיט איין האנד ווי פערשטעלענדיג די פרוי, די אנדערע פורכטבאר אויסגע־שטרעקט צום „א ו נ ב ע ק א נ ט ע ן“.

דעם מענשען'ס פלוך.

איך פערפלוך אלץ וואָס דו האָסט געגעבען. איך פערפלוך דעם טאָג פון מיין געבורט, איך פערפלוך דעם טאָג פון מיין שטאר־בען. איך פערפלוך מיין גאנצען לעבען, זיינע פריידען און פיין. איך פערפלוך זיך! איך פערפלוך מיינע אויגען, מיינע אויערן, מיין צונג. איך פערפלוך מיין הארץ, מיין קאָפּ — און אלץ שליי־דער איך דיר צוריק, אין דיין גרויזאמען פנים, דו וואהנזיניגער ש י ק ז א ל. זיי פערפלוכט, זיי פערפלוכט אויף אימער און איי־ביג! און מיט מיין פלוך בעזיעג איך דיך. וואָס קענסט דו נאָך טהאָן מיט מיר? ווארף מיך צו דר'ערד, ווארף — איך וועל לאַ־כען און שרייען: זיי פערפלוכט! מיט די צוואנגען פון טויט פערקוועטש מיר דאָם מויל — דעם לעצטען געדאנק וועל איך דיר ארייגשרייען אין דיינע אייזעל־אויערן: זיי פערפלוכט, זיי פער־פלוכט! נעהם מיין טויטען קערפער, ביים איהם, ווי א הונד, שלעפּ זיך מיט איהם ארום אין דער פינסטער — איך בין אין איהם ניטאָ. איך בין פערשוואונדען, נאָר פערשוואונדען מיט די ווערטער: זיי פערפלוכט, זיי פערפלוכט! איבער'ן קאָפּ פון דער פרוי, וואָס דו האָסט בעליידיגט, איבער'ן קערפער פונ'ם קינד, וואָס דו האָסט געטויט — שליידער איך דיר דעם פלוך פון מענ ש.

ער ווערט אנשווייגען מיט דער פורכטבאר אויפגעהויבענער

האנד. גלייכגילטיג הערט זיך צו צום פלוך „ע מ י ץ א י ן
ג ר ו י ע ן“, און עס ציטערט דער פלאם פון ליכט, גלייך ווי עס
בלאזט א ווינד. אזוי שטעהען זיי א צייט איינער קעגען דעם אנ־
דערן אין א טיעף־פערטראכטען שוויינען: דער מ ע נ ש און
„ע מ י ץ א י ן ג ר ו י ע ן“. דער געוויין הינטער'ן וואנד
ווערט אלץ העכער און אויסגעצויגענער, איבערגעהענדיג אין א
ליידענס־מעלאדיע.

פארהאנג פאלט.

דאָס פינפטע בילד.

דעם מענשען'ס טויט.

אן אונבעשטימט, ציטעריג, פינטעלדיג, טונקעל ליכט, וואָס שטערט עפּעס צו זעהען אויף'ן ערשטען בליק. ווען דאָס אויג ווערט צוגעוואוינט, זעהט עס אזא בילד.

א ברייטער לאנגער צימער מיט זעהר א ניעדעריגען סופיט, אָהן איין פענסטער אין די ווענד. דער איינגאנג איז פון ערגעץ אין דער הויך, דורך טרעפּ. די ווענד זיינען גלאט און טונקעל־שמוציג — עהנליך צו א גראָבער פערפלעקטער פעל פון עפּעס א גרויסער חיה. די גאנצע הינטערשטע וואנד ביז צו די טרעפּלעך פערנעהמט אן אונגעהויער־גרויסער, פלאכער, גלעזערנער בופעט, אויף וועלכען עס שטעהן כסדר אויסגעשטעלט אינגאנצען רעגעלמעסיגע רייהען פון פלעשער מיט פערשיעדען־פארביגע פליסיגקייטען. הינטער א ניט־הויכען שענק־טיש זיצט אינגאנצען אונבעוועגליך דער ש ע נ־ק ע ר מיט די הענד צונויפגעלעגט אויף'ן בויך. א ווייס, געררויטעלט געזיכט, א פליך, א גרויסע רויטע באָרד — אן אויסדרוק פון פולער רוהע און גלייכגילטיגקייט. אזוי בלייבט ער די גאנצע צייט, קיין איין מאָל ניט אָבגעהענדיג פון אָרט און ניט בייטענדיג זיין לאגע. ביי קליינע טישלעך אויף הילצערנע בענקלעך זיצען די ש כ ו ר י ם. צו דער צאָהל פון די מענשען קומען צו זייערע שאַ־טענס, וואָס בלאָנדזשען ארום אויף די ווענד און סופיט.

אן אונענדליכע פערשיעדענארטיגקייט פון עקעלהאפטע און שרעקליכע פנים'ער, עהנליכע צו מאסקעס מיט אונפראָפּאָרציאָנעל פערגרעסערטע אָדער פערקלענערטע טיילען: מיט גרויסע נעזער און אינגאנצען אָהן נעזער; אויגען ווילד אויסגעשטארטשעטע, כמעט

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

ארויסגעקראָכענע פון די לעכער, און צונויפגעדריקטע אזוי, אז מען זעהט קוים אָן שפּאַלטען און פינטלעך; העלדזער מיט גוידערס און פיטשינקע גאמבעס. די האָר זיינען ביי אַלעמען צושויבערטע, קודלאטע, שמוציגע, אָפטמאָל פערדעקען זיי א האלבען פּנים. אָבער ביי זייער פערשיעדענארטיגקייט, זיינען אַלע פּנים׳ער שרעקליך עהנליך איינער צום אנדערן: אויף זיי אַלעמען איז אויסגעגאָסען א גרינליכע קבר־פארב און אן אויסדרוק פון שרעק, וואָס אָט איז עס פרעהליך, און אָט משוגע־מרה־שחורה׳דיג.

אָנגעטהאָן זיינען די שכורים אין איינפארביגע שמאטעס, וואָס דעקען אויף באלד א גרינע ביינערדיגע האנד, באלד א שארפע קניה, באלד אן איינגעפאלענע, שרעקליכע ברוסט. פארהאן כמעט איינגאנצען נאקעטע. די פרויען אונטערשיידען זיך וועניג וואָס פון די מענער, און זיינען נאָך מיאוסער פאר זיי. ביי אַלעמען טרייס־לען זיך די הענד און די קעפּ, און דער גאנג איז א וואקעלדיגער, גלייך ווי זיי וואָלטען געגאנגען אויף עפּעס א גליטשיגער אָדער א בערגיגער אויבערפלעך, אָדער אויף עפּעס וואָס בעוועגט זיך. און די שטימען זיינען די זעלביגע: הייזעריגע, סאָפּעדיגע; און פּונקט ווי זיי געהען ניט פעסט, אזוי ריידען די שכורים ארוים די ווערטער ניט פעסט, גלייך ווי זייערע ליפּען וואָלטען זיי ניט געוואָלט פאָל־גען און וואָלטען געוועז פערפרוירען.

אינמיטען דער חברה ביי א בעזונדערען טישעל זיצט דער מ ע נ ש, מיט׳ן גרויען קאַלטאנאוואטען קאָפּ אָנגעשפּארט אויף די הענד. אזוי בלייבט ער די גאנצע צייט, אויסער דעם מאָמענט, ווען ער רעדט. אָנגעטהאָן איז ער זעהר שלעכט.

אין ווינקעל שטעהט אונבעוועגליך „ע מ י ץ א י ן ג ר ו י־ ע ן“ מיט אן אויסגעהענדיג ליכט. דער שמאָלער בלויער פלאם ציטערט, באלד לעגענדיג זיך אויף א זייט און באלד זיך רייסענדיג מיט׳ן שארפען צינגעל אין דער הויך. און קבר־בלוי זיינען די ליכט־פלעקען אויף זיין שטיינערנעם פּנים און גאמבע.

****

דער געשפּרעך פון די שכורים.

— גאָט מיינער! גאָט מיינער!

— הערט זיך נאָר איין, — ווי מאָדנע אַלעס וואקעלט זיך: דאָס אויג האָט ניט אויף וואָס זיך אָבצושטעלען.

— אַלצדינג ציטערט, ווי אין א פיבער: מענשען, שטולען און דער סופיט.

— אַלעס שווימט ארום און הוידעט זיך, ווי אויף כוואַליעס.

— איהר הערט ניט קיין רויש? איך הער עפּעס א רויש. גלייך ווי עס קראַכען אײזערנע רעדער, גלייך ווי עס פאַלען שטיינער פון א בארג. גרויסע שטיינער פאַלען, ווי א רעגען.

— דאָס רוישט אין די אויערן.

— דאָס רוישט דאָס בלוט. איך פיהל מיין בלוט. געדיכט, שווארץ, מיט א ריח פון ראָס, רינט עס שווער אין די אָדערן. און ווען עס קומט צום הארצען, פאַלט אַלצדינג, און עס ווערט שרעקליך.

— איך זעה עפּעס ווי דאָס בלישטשען פון א בליץ!

— איך זעה אונגעהויערע, רויטע שייטערהויפענס און אויף זיי ברענען מענשען. עקעלהאפט שמעקט עס מיט אָנגעברענטען פלייש. שווארצע שאָטענס דרעהען זיך ארום די שייטערהויפענס. זיי זיינען שכור, די שאָטענס. העי, נעהמט מיך אריין, איך וועל מיט אייך טאנצען!

— גאָט מיינער! גאָט מיינער!

— און איך בין אויך פרעהליך. ווער וויל מיט מיר מיטלאַ־כען? קיינער וויל ניט, וועל איך אַליין.

לאכט אַליין.

— א שעהנע פרוי קושט מיך אין די ליפּען. פון איהר שמעקט מוסקוס, און ציין האָט זי פון א קראַקאָדיל. זי וויל מיר א ביס טהאָן. אוועק דו, מיאוסע נקבה!

— איך בין ניט קיין נקבה, איך בין אן אַלטע טראָגעדיגע שלאַנג. שוין א גאנצע שעה קוק איך זיך איין ווי פון מיינע געדע־

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

רים קריכען ארוים קליינינקע שלענגלעך און פויזען. חעי, צודריק ניט מיין שלענגעל!

— וואוהין געהסטו?

— ווער געהט דארט? זעצט זיך! דאס גאנצע הויז ציטערט, ווען איהר געהט ארום.

— איך קען ניט. איך שרעק זיך צו זיצען.

— און איך שרעק זיך אויך. ווען מען זיצט, הערט מען ווי דער שרעק לויפט אום איבער'ן לייב.

— איך אויך. לאזט מיך!

דריי אדער פיער שכורים בלאנקען זיך ארום אהן א צוועק מיט וואקעלדיגע טריט און פערפלאנטערן זיך צווישען די שטולען.

— קוקט זיך איין, וואס עס טהוט. שוין צוויי שעה, ווי עס רייסט זיך ארויפצושפּרינגען אויף מיינע קניה. עס פעהלט א קלייניגקייט צו דערלאנגען. איך יאג עס אוועק, און עס קומט צוריק. דאס איז עפּעס א מאדנע שפּיעל.

— ביי מיר אונטער'ן שארבען קריכען ארום שווארצע פרייסען, און שארכען.

— ביי מיר צופאלט דער מארך. איך פיהל, ווען איין גרוי טיילכעל רייסט זיך אב פון דעם אנדערן. מיין מארך איז ענליך צו שלעכטען קעז. ער האט א ריח.

— דא שמעקט עפּעס מיט פגר.

— גאט מיינער! גאט מיינער!

— היינט ביי נאכט וועל איך צוקריכען אויף די קניה צו איהר און וועל איהר קוילען. ס'וועט ריענען בלוט. ס'רינט שוין: אזא רויטס.

— נאך מיר געהען נאך די גאנצע צייט דריי. זיי רופען מיך אין א פינסטערען ווינקעל אין א וויסטען ארט און דארט ווילען זיי מיך קוילען. באלד זיינען זיי ביי די טהירען.

— ווער געהט עם ארום אויף די וועגד און אויף'ן סופיט?

— גאָט מיינער! זיי זיינען געקומען אהער. נאָך מיר.
— ווער?
— זיי!
— ביי מיר ווערט די צונג פערשטומט. וואָס זאָל איך טהאָן.
ביי מיר ווערט די צונג פערשטומט. איך וועל וויינען.

וויינט.

— פון מיר קריכט אַלץ ארויס אויסענוועניג. באלד וועל איך זיך איבערקעהרען אויף דער לינקער זייט און וועל זיין אינגאנצען א רויטע.

— הערט נאָר, הערט נאָר, העי! ווער עס איז. אויף מיר געהט אן אונגעהויער. עס הויבט אויף די האנד. העלפט! העי!

— וואָס איז דאָס! העלפט! א שפּין!

— העלפט!

א געוויסע צייט שרייען זיי מיט הייזעריגע שטימען: העלפט!

— מיר זיינען אַלע שכורים. לאָמיר אראָברופען אַלעמען פון אויבען אהער. אויבען איז אזוי שלעכט.

— מען דארף ניט. ווען איך געה ארויס פון דאנען אויף דער גאס, לויפט זי ווי א ווילדע חיה, און באלד וועט זי מיך צו דר'ערד שליידערן.

— מיר זיינען אַלע געקומען אהער. מיר טרינקען ספּירט, און ער גיט אונז פרייד.

— ער גיט שרעק. א גאנצען טאָג טרייסעל איך זיך פון שרעק.

— בעסער שרעק, איידער לעבען. ווער וויל צוריקקעהרען אהין?

— איך — ניט.

— איך וויל ניט. איך וועל פּגר'ן דאָ. איך וויל ניט לעבען!

— קיינער ניט.

— גאָט מיינער! גאָט מיינער!

— צו וואָס געהט אהער דער מ ע נ ש? ער טרינקט ווייניג און זיצט א סך. מען דארף איהם ניט.

— זאָל ער גען צו זיך אין הויז. ער האָט אן אייגענעם הויז..

— פופצעהן צימערן.

— ריהרט איהם ניט, ער האָט ניט מעהר וואוהין צו געהן.

— ער האָט פופצעהן צימערן.

— זיי זיינען לעדיגע. דאָרטען לויפען ארום און רייסען זיך נאָר ראטען.

— און די פרוי ?

— ער האָט קיינעם ניט. קענטיג, געשטאָרבען די פרוי.

— געשטאָרבען די פרוי.

— געשטאָרבען די פרוי.

בעת דעם געשפרעך און דעם נעכסטען קומען אריין די זקנות אין מאָדנע שלייערס, אונבעמערקט פערבייטענדיג די שטיל אוועק געהענדיגע שכורים. זיי מישען זיך אריין אין געשפרעך, נאָר אזוי, אז קיינער בעמערקט עס ניט.

דער געשפרעך פון די שכורים און די זקנות.

— ער וועט אליין אין גיכען שטארבען. קוים וואָס ער געהט פאר שוואכקייט.

— ער האָט פופצעהן צימערן.

— הערט זיך איין, ווי עס קלאפט זיין הארץ: אונרעגעלמעסיג און שטיל. באלד וועט עס זיך אָבשטעלען.

— העי, מענש! פערבעט אונז צו זיך: האָסט דאָך פופצעהן צימערן.

— באלד וועט עס זיך אָבשטעלען, דאָס אלטע, קראנקע, שוואַכע הארץ פון מ ע נ ש.

— ער שלאָפט, דער שכור'ער נאר. שלאָפען איז אזוי שרעקליך, און ער שלאָפט. ער קען נאָך שטארבען אין שלאָף. העי, וועקט איהם אויף!

— און געדענקט איהר ווי עס האט געקלאפט יונג און שטארק!

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

א שטיל געלעכטער.

— ווער לאכט ? דאָ זיינען דאָ איבעריגע.
— דאָס דוכט זיך אייך. דאָ זיינען מיר אליין, שכורים.
— איך וועל געהן אין גאַס און מאכען אַ סקאנדאל. מיך האָט מען בערויבט. איך בין גאָר אַ הוילער. מיין הויט איז גרין.
— גוטען אָוועגד !
— וויעדער רווישען די רעדער. גאָט מיינער, זיי וועלען מיך צודריקען. העלפט !

קיינער רופט זיך ניט אָב.

— גוטען אָוועגד !
— און איהר געדענקט, ווי ער איז געבוירען געוואָרען. דוכט זיך, איהר זייט דאָרט געווען ?
— אפנים איך שטארב. גאָט מיינער ! גאָט מיינער ! ווער וועט מיך אין קבר אוועקטראָגען ? ווער וועט מיך בעגראָבען ?
— אזוי וועל איך זיך וואלגערן ווי אַ הונד אויף דער גאַס. מענשען וועלען געהן איבער מיר און וועגענס וועלען פאָהרען — זיי וועלען מיך צודריקען. גאָט מיינער ! גאָט מיינער !

וויינט.

— ערלויבט, טייערער קרוב, אייך אַ מזל טוב אָבצוגעבען צום געבורט פון אייער זוהן.
— כ'בין זיכער, אז דאָ איז אַ טעות. אז פון אַ גלייכער ליניע זאָל ווערען אַ געשלאָסענער קרייז, דאָס איז אַן אונזין. באַלד וועל איך עס אייך דערווייזען !
— איהר זייט גערעכט.
— גאָט מיינער ! גאָט מיינער !
— בלויז עמי־הארצים אין דער מאטעמאטיק קענען האלטען דערפון. אָבער איך האלט ניט דערפון. הערט, איך האלט ניט דערפון !

— און איהר געדענקט דאָס ראָזע קליידעל מיט'ן הוילען העלדזועל?

— און די בלומען. די מאי גלעקלעך, פון וועלכע די טוי איז נאָך ניט אראָב, די פיילכען און דאָס גרינע גראָז?

— ריהרט ניט, מיידלעך, ריהרט ניט די בלומען.

א שטיל געלעכטער.

— גאָט מיינער! גאָט מיינער!

די שכורים זיינען אלע אוועק, און זייערע ערטער האָבען פערנומען די זקנות אין די מאָדנע שלייערס. דאָס ליכט ווערט רעגעלמעסיג און זעהר שוואך. שארף טרעט ארויס די פיגור פון אונבעקאנטען און דער גרויסער קאָפ פון מענש, אויף וועלכען ס'פאלט פון דער הויך א שוואך ליכט.

דער געשפרעך פון די זקנות.

— גוטען אָווענד!

— גוטען אָוועגד. ס'ארא פיינע נאכט!

— זיינען מיר זיך ווידער צונויפגעקומען. וואָס מאכט איהר אין געזונד?

— איך הוסט א ביסעל.

לאכען שטיל.

— איצט דויערט עס ניט לאנג. באלד וועט ער שטארבען.

—גיט א קוק אויף'ן ליכט. דער פלאם איז בלוי, שמאָל, און ער לעגט זיך אָן א זייט, שוין ניטאָ קיין וואקס, און דער קנויט דערברענט.

— ער וויל ניט אויסגעהן.

— און ווען האָט איהר געזעהן, אז א פלאם זאָל וועלען אויס-געהן?

✤✤

— קריעגט איך ניט! קריעגט איך ניט! ציַ ער וויל אויס־געהן צו ניט, די צייט געהט.

— און איהר גערענקט זיין אויטאָמאָביל? ער האָט מיך איינמאָל שיעור ניט איבערגעפאָהרען!

— און זיינע פּופּצעהן צימערן?

— איך בין ערשט געווען דאָרטען. מיך האָבען שיעור ניט אויפגעגעסען די ראַטען, און איך האָב זיך פערקיהלט פון די צוג־ווינדען. עמיץ האָט ארויסגע׳גנב׳עט די ראַהמען, געהט דער ווינד ארום אין גאַנצען הויז.

— און איהר האָט זיך געפּרובט לעגען אויף׳ן בעט, וואו ס׳איז געשטאָרבען זיין פרוי? ניט אמת, אזא ווייכע!

— יא. איך בין ארומגעגאַנגען אלע צימערן און האָב מיר פאַנטאַזירט א ביסעל. זיי האָבען אזא ליעבען קינדער־צימער. א שאָד נאָר, וואָס אויך דאָרט זיינען אויסגעשלאָגען די ראַהמען און דער ווינד שאָרכעט מיט מיסט. און דאָס קינדער־בעטעל איז אזא ליעבעס, דאָרטען האָבען איצט ראַטען א נעסט געמאַכט און כאָוועןזיך אויס קינדערלעך.

— אזעלכע ליעבינקע, הוילינקע, ראַטעלעך.

לאַכען שטיל.

— און אין קאַבינעט אויף׳ן טיש ליעגען שפּיעלצייג: א פערדעל אָהן א עק, א קיוועך, א פּאַיאַץ מיט א רויטער נאָז. איך האָב זיך אביסעל געשפּיעלט מיט זיי. איך האָב אָנגעטהאָן דעם קי־ווער — ער פּאַסט מיר אזוי. נאָר זיי זיינען זעהר פערשטויבט, כ׳האָב זיך אינגאַנצען אויסגעשמירט.

— ניט שוין זשע זענט איהר ניט געווען אין דעם זאַל, וואו ס׳איז פאָרגעקומען דער באַל? דאָרט איז אזוי פרעהליך.

— יא, איך בין דאָרט געווען, נאָר שטעלט אייך פאָר, וואָס איך האָב געזעהן! פינסטער, די שויבען זיינען אויסגעהאַקט, דער ווינד שאָרכעט מיט די טאַפּעטען...

— דאָס איז עהנליך צו מוזיק.

— און ביי די ווענד, אין דער פינסטער אויף די שפּיץ פינגער. זיצען געסט, אָבער איהר זאָלט וויסען, ווי זיי זעהען אוים!

— מיר ווייסען.

— און, קלאפּענדיג א צאָהן אָן א צאָהן, בילען זיי, רגע־ווייז: ווי רייך! ווי פּרעכטיג!

— איהר שפּאסט געוויס?

— געוויס שפּאס איך. איהר ווייסט דאָך מיין פרעהליכען כאראקטער.

— ווי רייך! ווי פּרעכטיג!

— ווי ליכטיג!

א שטיל געלעכטער.

—דערמאָהנט איהם!

— ווי רייך! ווי פּרעכטיג!

— דו געדענקסט, ווי ס'האָט געשפּיעלט די מוזיק אויף דיין באל?

— באלד וועט ער שטארבען.

— ס'האָבען זיך געדרעהט די טענער, און די מוזיק האָט געשפּיעלט אזוי צארט, אזוי ווייך. זי האָט אזוי געשפּיעלט.

שטעלען זיך אין א האלבען קרייז ארום דעם מ ע נ ש און זינגען שטיל דעם מאָטיוו פון דער מוזיק וואָס מען האָט געשפּיעלט אויפ'ן באָל.

— לאָמיר מאכען א באל! כ'האָב אזוי לאנג ניט געטאנצט.

— שטעל זיך פאָר, אז דאָס איז א פּאלאץ, און איבערנאטירליך שעהנער פּאלאץ.

— רופט אריין די מוזיקאנטען. א גוטער באל קען דאָך ניט זיין אָהן מוזיק.

— די מוזיקאנטען!

— דו געדענקסט?

זיי זינגען דעם מאָטיוו. אין דער זעלבער רגע לאָזען זיך

אראָב אויף די טרעפּען די דריי מוזיקאַנטען, וואָס האָבען געשפּיעלט אויף'ן באַל. דער, וואָס מיט'ן פידעל לעגט אונטער אויף'ן פּלייצע א נאָז־טיכעל, און אַלע דריי הויבען אָן צו שפּיעלען מיט א בעזונ־דער זאָרגפעלטיגקייט. נאָר די קלאַנגען זיינען שטיל און צאַרט, ווי א חלום.

— אָט איז א באַל.

— ווי רייך, ווי פּרעכטיג!

— ווי ליכטיג!

— געדע̸נקסט?

בעגלייטענדיג די מוזיק מיט א שטיל געזאַנג הויבען זיך אָן דרעהען ארום דעם מ ע נ ש, איבערקרימענדיג און משונה־ווילד אי־בער'חזר'נדיג די בעוועגונגען פון די מיידלעך אין די וויסע קליידער וואָס האָבען געטאַנצט אויף'ן באַל. ביי דער ערשטער מוזיקאַלישער פּראַזע דרעהען זיי זיך, ביי דער צווייטער — קומען זיי זיך צונויף און צוגעהן זיך גראַציעז און שטיל. און שטיל שעפּטשען זיי:

— דו געדענקסט?

— באַלד וועסטו שטאַרבען, און געדענקסטו?

— דו געדענקסט?

— דו געדענקסט?

— באַלד וועסטו שטאַרבען, און געדענקסטו?

— דו געדענקסט?

דער טאַנץ ווערט ראַשער, די בעוועגונגען שאַרפער. אין די שטימען פון די זינגענדיגע זקנות גנב'נען זיך דורך משונה'דיגע, קוויטשענדיגע נאָטען; און א משונה'דיגער געלעכטער, דערווייל נאָך אָן איינגעהאַלטענער, לויפט שטיל שאַרכענדיג דורך די טאַנ־צענדיגע, דורכשוועבענדיג פערביי דעם מ ע נ ש ע ן שעפּטשען זיי איהם אין אויער אבגעריסענע ווערטער.

— דו געדענקסט?

— דו געדענקסט?

— ווי צאַרט, ווי גוט!

— ווי ס'רוהט אָב די נשמה!

— דו געדענקסט?

— באַלד וועסטו שטאַרבען, באַלד שטאַרבען, באַלד שטאַרבען...

— דו געדענקסט?

דרעהען זיך ראַשער, די בעוועגונגען שאַרפער. פּלוצלינג ווערט אַלץ אַנטשוויגען און ס'שטעלט זיך אָב. ס'ווערען פערגליווערט מיט די אינסטרומענטען אין די הענד די מוזיקאַנטען; אין די זעלבע פּאָזען, און וועלכע ס'האָט זיי געטראָפען דאָס שטילשווייגען, ווערען פערשטאַרט די טאַנצענדיגע.

דער מ ע נ ש שטעהט אויף, גלייכט זיך אויס, פערוואָרפט דעם גרויען, פורכטבאַר־שעהנעם קאָפּ און שרייט אונערוואַרטעט הויך, ווי איינער וואָס רופט, פול מיט בענקשאַפט און צאָרן. נאָך יעדער פראַזע אַ קורצע אָבער טיעפע פּאַוזע.

— וואו איז מיין וואַפענטרעגער? — וואו איז מיין שווערד? — וואו איז מיין פּאַנצער? — איך בין אָהן וואַפען! — גיכער צו מיר! — גיכער! — זיי פערפלו...

פאַלט אויף'ן שטול און שטאַרבט מיט אַ פערוואָרפענעם קאָפּ. אין דער זעלבער רגע, העל אויפפלאַמענדיג, לעשט זיך אויס דאָס ליכט, און אַ שטאַרקע פינסטערניש פערשלינגט אַלצדינג. גלייך פון די טרעפּלעך קריכט די פינסטערניש און פערציהט ביסלעכווייז אַלץ. עס לייכט זיך נאָר דער פּנים פון דעם געשטאָרבענעם מ ע נ ש. אַ שטילער און בעשטימטער געפלויש פון די ז ק נ ו ת, אַ שושקעריי, אַ געלעכטער.

„עמיץ אין גרויען".

— ש ט י ל ע ר! ד ע ר מ ע נ ש א י ז ג ע ש ט אָ ר ב ע ן.

אַ שווייגען, אַ שטילקייט. און די זעלבע, קאַלטע, גלייכגילטיגע שטימע חזר'ט איבער פון דער טיעפער ווייטעניש, ווי אַן עכאָ:

— שטילער! דער מענש איז געשטאָר־
בען.

אַ שווייגען, אַ שטילקייט. ביסלעכווייז ווערט די פינסטערניש געדיכטער, נאָר עס זעהען זיך נאָך די מייזענע פיגורען פון די זקנות, וואָס הערען זיך עפּעס צו. אָט הייבען זיי אָן שטיל און אָהן ווערטער צו דרעהען זיך ארום דעם טויטען — דערנאָך הייבען זיי אָן שטיל צו זינגען — עס הויבען אָן צו שפּילען די מוזיקאנטען. די פינסטערניש ווערט געדיכטער, און אַלץ העכער ווערט די מוזיק און דער געזאנג, און אַלץ האסטיגער דער ווילדער טאנץ. זיי טאנ־צען שוין ניט, נאָר זיי טראָגען זיך צודולטע ארום דעם טויטען, טופּענדיג מיט די פיס, קוויטשענדיג, אהן אויפהער לאכענדיג מיט א ווילדען געלעכטער. עס ווערט אינגאנצען פינסטער. נאָך לייכט זיך דער פּנים פון טויטען, נאָר אָט לעשט זיך עס אויך אוים. א שווארצע אונדורכדרינגליכע פינסטערניש.

און אין דער פינסטער הערט זיך די בעוועגונג פון די דול־טאנ־צענדיגע, קוויטשערייען, געלעכטער, אונאייניגע, שרעקליך הויכע קלאנגען פון אָרקעסטער. דערגרייכענדיג די העכסטע אָנשטרענ־גונג, דערוויטערן זיך די אלע קלאנגען און דער גערויש ערגעץ־וואו, שטארבען אָב... שטילקייט.

פּאָרהאנג פאלט.

קעניג הונגער.

יודיש פון א ל ג י ן.

אינהאלט:

דער פראָלאָג.

דער קעניג הונגער שווערט צו זיין געטריי די הונגעריגע.

דאָס ערשטע בילד.

דער קעניג הונגער רופט צו אנ׳אויפשטאנד די ארבייטער.

דאס צווייטע בילד.

דער קעניג הונגער רופט צו אנ׳אויפשטאנד דעם הונגעריגען המון.

דאָס דריטע בילד.

דער משפט איבער די הונגעריגע.

דאָס פיערטע בילד.

דער אויפשטאנד פון די הונגעריגע און דעם קעניג הונגער׳ס פערראט.

דאָס פינפטע בילד.

די מפלה פון די הונגעריגע און דער שרעק פון די זיעגער.

פּראָלאָג.

דער קעניג הונגער שווערט צו זיין געטריי די הונגעריגע.

נאכט.

דער אויבערשטער שטאָק פון אנ'אלטען קירך־טהורעם. היינטער'ן טהורעם זעהט מען ווי דער הימעל איז אויסגעצויגען איבער'ן שטאָדט; אונטען איז ער העל־שרייענדיג בעפארבט מיט דעם אָבגלאנץ פון די שטאָדטישע פייערס, ארויף־צו ווערט ער אלע מאָל מעהר טונקעל, שווער ווי א בליי, און הענגט אראָב שווארץ און געדיכט. דאָרט, וואו דער הימעל איז ליכטיג, טהיילען זיך ארויס אויף זיין העלען גרונד די שווארצע סלופּעס, די באלקענס, די גלעקער און די גראטעס פונ'ם קירך־טהורעם — שווארץ און דייטליך, ווי אויסגעשניצט פון שווארצען קארטאָן. אראָב־צו גיעסט זיך דער טהורעם בילעכווייז צוזאמען מיט די שווארצע, שארפע, אביסעל אונפערשטענדליכע אומריסען פון די דעכער פון דער קירך, פון עפּיס קוימענס, עהנליכע צו אונבעוועגליכע מענשליכע פיגורען, וועלכע שטעהען און הערען זיך איין, פון סטאטוען, וועלכע פערקוקען אראָב. נאָר ערטערווייז זעהט מען אויף דעם דאָזיגען שווארצען פּלאָנטער דעם אָבשיין פון די פייערס, וואָס ברענען אונטען אין גאס: עס בלישטשען די זייטען פונ'ם גלאָק, עס שימערן געלבליך די פערקיילכיגטע עקען פון די זיילען; ביי דער סטאטוע פון א מלאך, וועלכער פליהט אראָב מיט צעשפּרייטע פליגעל, איז שוואך בעלויכטען דאָס פנים, די ברוסט און די שפּיצען פליגעל.

אויפ'ן טהורעם שטעהען דריי: **דער קעניג הונגער, דער טויט און דער אלטער גלאָקען־קלינגער — דער צייט־גייסט.**

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

דער טויט שטעהט גאָר אָהן בעוועגונג, מיט'ן פּנים אהער, און זיין שווארצער אומרים זעהט זיך אזוי: א קליינינקער, קייל־כיגער קאָפּ אויף א לאנגען האלז; ברייטע, פּיער־עקעכדיגע אקסלען; אלע ליניען גראד און שטייף. ארומגעוויקעלט איז ער פון אויבען ביז אראָב אין א שווארצען, האלב דורכזיכטיגען מאנטעל, וועלכער שטעהט גוט צו; דורכ'ן געוועב שפּירט מען און מען זעהט, דאכט זיך, אפילו דעם סקעלעט. דער אלטער צייט־גייסט שטעהט אויך אָהן בעוועגונג און שאָקעלט נאָר צייטענווייז מיט'ן קאָפּ. א קאָפּ האָט ער א גרויסען, די לאנגע זקנ'ישע באָרד און די האָר זענען צו־שויבערט; פון דער זייט זעהט מען זיין גרויסע, שארף אויסגעטאָק־טע נאָז און די לאנגע געדיכטע ברעמען, וועלכע הענגען אראָב.

דער קעניג הונגער בעוועגט זיך אונרוהיג אוןליידענשאפט־ליך, אזוי אז ס'איז שווער צו בעקומען א פאָרשטעלונג וועגען זיין פיגור. מען זעהט נאָר, אז ער איז שלאנק און בויגזאם.

עס רעדען צווישען זיך דער צייט־גייסט, דער קעניג הונגער און דער טויט.

— דו ועסט ווידער אָבנארען, קעניג הונגער. האָסט אזוי פיעל מאָל שוין אָבגענארט דיינע אָרימע קינדער און מיך.

— גלויב מיר, זקן, וואָס איך רעד.

— ווי קען איך גלויבען א שווינדלער?

— גלויב מיר נאָך איין מאָל. נאָך איין איינציג מאָל פערלאָז זיך אויף מיר. איך האָב קיינמאָל ניט געליגט. כ'האָב אליין אויך א טעות געהאט. איך האָב אָבגענארט זיך אליין, איך אונגליקלי־כער מלך אויף א צעבראָכענעם טראָן. דו קענסט דאָך דעם מענשען, דו ווייסט ווי ער דרעהט זיך שטענדיג ארום — צוויי־פּנים'דיג, פאלש. איך אליין האָב דעריבער אומגעבראכט מיינע אָרימע קינ־דער, מיט זייערע מאָגערע קערפּער האָב איך דעם טויט געשפּייזט.

ער וויזט מיט דער האנד אויפ'ן טויט. אונבעוועגליך ווי פריהער, האקט איהם איבער דער טויט מיט זיין טרוקענעם, זעהר

רוהיגען קול: אקוראט ווי אן אלטער, פערזשאווערטער, שוין לאנג ניט געעפענטער טויער האט א גרילץ געטהאן אינמיטען דער נאכט:

— יא, — נאר איך בין נאך ניט זאט.

דער צייט־גייסט.

דו ביזט קיינמאל ניט זאט. וויפיעל מענשען דו האסט שוין אויפגעגעסען פאר מיינע אויגען, און ביזט אלץ אזוי דאר און גיעריג ווי פריהער.

דער קעניג הונגער.

אבער איצט וועל איך איהם געבען א פעטערען ביסען. גענוג איהם שוין עסען ביינער, ווי א הונד אויפ'ן שטריק. זאל ער אמאל אויך לעבען א גוטען טאג, זאל ער הנאה האבען פון די געזונטע, די דיקע און פעטע, וואס זייער בלוט איז אזוי רויט און אזוי געדיכט און בע'טעם'ט. טויט, גיב מיר דיין האנד. ס'וועט מיר קומען א דאנק—איך וועל מאכען א שעהנעם מאהלצייט פון דיין כבוד וועגען.

דער טויט זאגט מיט דעם זעלביגען גרילצענדיגען קול, ניט געבענדיג די האנד: יא, — איך זאג אבער קיינמאל קיין דאנק ניט.

דער צייט־גייסט.

קעניג הונגער, דו ליינסט!

דער קעניג הונגער.

טהו א קוק אויף מיין פנים — זעה, ווי ס'איז שרעקליך. קוק אריין אין מיינע אויגען, וועסטו דערזעהן אין דער פינסטער, ווי זיי ברענען מיט א פייער פון א בלוטיגען אויפשטאנד. געקומען די צייט שוין, אלטער! הונגעריג איז די ערד. פול און פול איז זי מיט קרעכצען. זי טרוימט פון אנ'אויפשטאנד. קלינג זשע, אל־טער, מיט דיין גלאק, צרייס ביז די אויערען זיין קופערנעם פיסק! זאל מען אויפהערען שלאפען.

דער צייט־גייסט, אונזיכער:

אמת, ווען די נאכט קומט אן און ס'פערהילט זיך אין שווייגען די צייט, קומט פון דארטען — פון אונטען — דער קול פון שטילע קרעכצען... קינדער וויינען...

דער קעניג הונגער שטרעקט אוים זיין האנד צו דער שטאָדט:

— דאָס איז פון דאָרט, פון דער פערשאָלטענער שטאָדט.

דער צייט־גייסט שאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

ניין, פון ווייטער. פרויען שרייען, זקנים זיפצען, הינד הונגעריגע וואָיען...

— דאָס איז פון דאָרט — פון די פעלדער, פון די האלב־פערשטאָרבענע דערפער!

— ניין, פון ווייטער, פון גאָר ווייטער... דאכט זיך, איך הער דעם קרעכץ פון דער גאנצער ערד, און דאָס לאָזט מיך ניט שלאָפען. איך בין אַלט, איך בין מיעד, איך דארף שלאָפען, און זיי לאָזען מיך ניט. שטארבען וויל איך. טויט, אַלטער ליעבער פריינד! ווען וועסטו מיך שוין נעהמען?

דער טויט שווייגט און דער אַלטער צייט־גייסט לאָזט טרויעריג אראָב דעם קאָפּ.

דער קעניג הונגער.

גיעב א קלונג מיט דיין גלאָק! איך בין אויך אומגליקליך. איך וואָלט אויך געוואָלט שטארבען. אָרימע קינדערעלעך מיינע — כ'האָב געוואָלט בעשאפען א מלוכה פון שטארקע, און בעשאפען האָב איך א מלוכה פון מערדער, קליינקעפּעלדיגע, ליגנער. ניט קיין מלך, א טעלערלעקער א דערשלאָגענער בין איך, און מיין קרוין, מיין גרויסע בלוטיגע קרוין איז א שפּילכעל אין די הענד פון זייערע קינדער. טויט זשע זיי, צייט, גיעב א קלונג מיט דיין גלאָק! גיעב א קלונג!

דער צייט־גייסט.

האָסט שוין געזאָגט דאָס אמאָל. און האָסט אָבגענארט.

דער קעניג הונגער.

דעמאלט האָב איך אליין געצווייפעלט.

— און איצטער?

— טהו א קוק אויף מיינע קינדער! פרעג דעם טויט, ער לייגט ניט קיינמאָל. אָהן תרעומות פלעגען זיי איהם אויפנעהמען

בוז אהער, איצט בעגעגענען זיי איהם מיט א שטורעם פון צארען, מיט א מבול פון קללות, אויפגעבראכטע, פערביטערטע!

דער טויט רעדט מיט דעם זעלביגען טרוקענעם רוהיגען קול:

— יא — זיי אמפּערען זיך א ביסעל.

דער קעניג הונגער.

טויט, גיעב מיר דיין האנד!

דער טויט גיט ניט און שווייגט. שטיל. לאנגזאם און טרויעריג קלינגט דער זייגער אין דער פינסטער אויפ'ן טהורעם.

דער צייט־גייסט זאגט אונזיכער:

— איך הויב אן גלויבען. אזוי שטארק ווילט זיך מיר רוהען — שטארבען.

דער קעניג הונגער.

דעמאלט וועט ניט זיין שוין קיין צייט! א ליעבער גלאק, דו וועסט אונז ברייגנען פריעדען און רוהע. לא'מיך זיך צוטוליען צערטליך צו דיר מיט מיין מיעדען קאפּ.

ער גלעט דעם גלאק, קושט צערטליך זיינע פעסטע זייטען. נאכדעם מאכט ער זיך, כלומר'שט ער קלינגט; דער טויט לאכט שטילערהייט, אויף איהם קוקענדיג, מיט א טרוקען אבגעריסען געלעכטערעל.

דער צייט־גייסט.

דו לאכסט, טויט?

דער טויט.

יא — א ביסעל.

— עס טהוט דיר הנאה? אדער לאכסט פון מיר, וואס איך גלויב איהם? ער זאגט ניט קיין ליגען, דאס קען דער גלאק זאגען עדות. ביינאכט, ווען עס שלאפט אלצדינג, נאר די ערד קרעכצט אונטער א שרעקליכע משא, קומען שוואכע קלאנגען און שוועבען ארום זיינע זייטען; א שטילער שארף, קוים צו בעמערקען, קריכט ארום איבער איהם, פונקט ווי טויזענטער הענד שטרעקען זיך צו

✤✤

איהם אונזיכטבאר און בעריהרען איהם און גלעטען איהם און פרע־גען אונרוהיג: צי האָט נאָך דאָס קופּער א קול. שרעקליך צו זי־צען ביינאכט אויפ׳ן טהורעם, ווען די שטאָדט בלישטשעט אונטען מיט איהרע פייערלעך, וועלכע ווילען ניט אויסגעהן, און די ערד ליעגט און קרעכצט, ווי אין א בייזען חלום.... דו הערסט?

אלע הערען זיך איין. דער קעניג הונגער האָט זיך אָבגע־רוקט פונ׳ם גלאָק און הערט געשפּאנט, מיט אויסגעשטרעקטע הענד. שטיל זיפצט דער גלאָק מיט אנ׳איינגעהאלטענעם קלאנג און ווערט ווידער אנשוויגען.

דער טויט.

יא — ער קלינגט אביסעל.

דער קעניג הונגער.

דו הערסט! די ערד פערלאנגט אנ׳אויפשטאנד! גיכער, אל־טער, אייל דיך!

דער צייט־גייסט.

אזוי איז יעדע נאכט. שווער צו הערען די קלאנגען.

— באלד וועסטו דערהערען אנדערע געשרייען. א צאָרען וועט קלינגען אין זיי!

— און א וועהטאָג.

— ניין, א צאָרען, א צאָרען. וועהטאָג האָט די ערד שטענדיג גענוג. א צאָרען, אלטער, א צאָרען!

ערגיץ אונטען, אין דער בעלויכטענער טיפעניש, לאָזט זיך הערען דריי מאָל — לאנגזאם — דאָס הייזעריגע קול פון א טרו־מייט. דער קלאנג הויבט זיך אָן נידריג און ווערט פערקלונגען אויף א הויכען טאָן — ווי עמיצער רופט אין אנגסט מיט א שרעקליכער שטים. און נאָך אמאָל, ערגיץ ווייט, לאָזט זיך הערען דער אויסגע־צויגענער שרעקעדיגער צורוף.

דער טויט.

דאָס רופט מען מיך.

ער פערשווינדט. א שטיקעל צייט איז שטיל. די אונזיכטבא־

✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣✣

רע פייערלעך פון דער שטאָדט ווערען שוואכער, בלאסער; פון איין זייט, גאנץ הויך, הויבט זיך אויף און וויעגט זיך שטיל דער רויט־ליכער אָבשיין פון א שריפה. ערגיץ ברענט מסתמא אין שטאָדט.

דער צייט־גייסט.

דער טויט איז אוועק.

— מען האָט איהם גערופען.

— זאָג מיר, אדרבא, פאר וואָס האָט ער מיין טייבעלע גע־טויט? דאָ אויפ'ן דאך האָט א טייבעלע געלעבט, געקלאפט מיט די פיסלעך איבער'ן בלעך און געפרעהט מיין נשמה, — האָט ער גענו־מען און עס געטויט.

דער קעניג הונגער לאכט אויף א קול.

דער צייט־גייסט.

וואָס לאכסטו?

דער קעניג הונגער.

אזוי. איך האָב איהם זעהר ליעב.

— אָט איצט, ווען דו לאכסט, גלויב איך דיר שוין ווייטער ניט. ביזט איצט אליין, זאָג מיר דעם אמת, מלך הונגער. דו ביזט א גרויסער פערדעטער, ביזט א ליגנער, פערנארסט די מענשען, פער־פיהרסט זיי אין די אונזיניגסטע מעשים און נאָכדעם מאכסטו פון זיי חוזק. דאָס וויים איך. אָבער איצט...

דער קעניג הונגער זאָגט פייערליך און פעסט:

איך שווער.

— דו וועסט פיהרען די הונגעריגע צום זיעג?

— איך שווער.

— און מיר וועסטו ברייננגען אנ'אָברוה?

— איך שווער.

— איך גלויב דיר. ווען דו וועסט פערלאנגען, וועל איך קלינגען אין דעם גרויסען גלאָק.

— דאָס וועט געשעהען גאנץ גיך. איך בין מיעד.

— איך בין אויך מיעד.

✤✤

מיעד שפּאַרט ער צו זיין צושויבערטען קאָפּ צו די אייזערנע פּאַרענטשעס. דער אבשיין פון דער שריפה ווערט אַלעמאָל גרע־סער און בעפארבט מיט א רויטען גלאַנץ זיינע גראָהע האָר און די לאַנגע מאָגערע האנד, וועלכע ליעגט אויף די גראַטעס. דער קעניג הונגער זעצט זיך מיעד נעבען זיינע פים און לעגט זיין קאָפּ אויף זיינע קניע. ער זאָגט:

— ווייטער ברענט ביי זיי עפּים. איך בין אָבער מיעד. כ׳וויל היינט ניט געהן אהינצו. כ׳וויל בלייבען ביי דיר. דאָ איז אזוי שטיל.

— דאָ איז אַנ׳אימה.

— דאָרט איז נאָך א גרעסערע אימה. אומעטום בין איך גע־ווען, און אין ערגעץ האָב איך קיין שרעקליכערעס ניט געזעהען, ווי ביי׳ם מענשען. זינג מיר דיין ליעדעלע, אַלטער, לאָז אויסרוהען דעם גרויסען אונגליקליכען קעניג.

דער אָבגלאַנץ פון דער שריפה ווערט העלער און גרעסער. דער צייט־גייסט זינגט מיט זיין שטילען זקנ׳ישען קול.

דעם צייט־גייסט׳ס ליעדעל.

געלעבט אויפ׳ן טהורעם א טייבעל — א טייבעל. געקלאַפּט מיט די פים אויפ׳ן בלעך — א טייבעל, א טייבעל. געקומען דער טויט און פערנומען דאָם טייבעל. אַלצדינג פאַלט, אַלעס זינקט און ווערט ווידער געבוירען. אָ, אונאַנפענגליכקייט, מוטער מיי־נע! אָ, קינדערלעך מיינע — סעקונדעלעך, מינוטעלעך, יאָהרע־לעך — אָ, אונענדליכקייט, טאָכטער מיינע!..

דער פייער־אָבשיין האָט שוין פערכאַפּט א האַלבען הימעל, ער וויעגט זיך שוין ניט פּאַמעליך, נאָר ער שפּרינגט און ווארפט זיך ווילד. אויפ׳ן טהורעם איז רוהיג און שטיל; טרויעריג־לאַנגזאַם, ווי אונטערטהעניג, קלינגט דער זייגער און דערמאָנט, אז עס לויפט אונזיכטבאר די צייט.

דער פאָרהאַנג פאַלט.

דאָס ערשטע בילד.

דער קעניג הונגער רופט צו אַנ׳אויפשטאַנד די ארבייטער.

דאס ערשטע, וואס פערכאפט דעם זייטיגען צושויער מיט געוואלטיגער קראפט, — דאָס איז דער פערשיעדענארטיגער, פון פיעלע קלאנגען צוזאמענגעגאסענער, ריטמישער גערויש פון די מאשינען און פון די טויזענטער מענשען, וועלכע אר־בייטען ביי זיי. עס זיפצען שווער און רעגעלמעסיג די דאמפף־מאשינען, עס הוזשען און פייפען, זיך דרעהענדיג, די רעדער, עס לויפען אונענדליך און זשוזשען די פאסען; עס ציטערט די ערד אלע מאָל פון די דומפע, שווערע קלעפ פון די מעכאנישע האמערם. אויפ׳ן גרונד פון אָט די טויטע, שווערע, אומ׳ברחמנות׳דיג־רעגעלמעסיגע קלאנגען, וועלכע ווענדען זיך שוין, דאכט זיך, גאָר ניט אָן דעם ווילען פון דעם מענשען, — לאָזט זיך הערען דאָס לעבענדיגע, אונבעשטענדיגע, אָבער ריטמישע קלאפּען פון זעהר פיעלע קליינינקע העמערלעך. זיי האָבען פערשיעדענע טענער און קלינגען איינע נידעריגער, די אנדערע העכער; אָט גי־סען זיי זיך צונויף אין איין אלגעמיינעם, לעבעדיגען, רעדעווודיגען שטראָם, אָט לויפען זיי זיך איינציגווייז פונאנדער, ווי א מחנה שפיעל־פויגעלעך אין וואלד, ווען ס׳צעטרייבט זיי דער שפּארבער. פון דעם אלעמען קומט אויס א מין מעלאָדיע, וועלכע איז עהנליך צום ליעדעל פונ׳ם צייט־גייסט.

ווען דער פֿאַרהאַנג הויבט זיך אויף, איז אויפֿ׳ן סצענע אַ זאַ־וואַד; מען זעהט איהם פֿון אינוועניג, אין שוואַרץ און רויט גע־פאַרבט. דאָס רויטע, דאָס פֿייערדיגע — דאָס זענען פורפור־פלאַ־מענדיגע פאַסען ליכט פֿון דעם אויוון; צעגליהטע שטיקער אייזען שפּריצען פֿונקען אונטער די קלעפּ פֿון די האַמערס, וואָס ס׳לאָזען אויף זיי אַראָב שוואַרצע שאָטענס פֿון מענשען. דאָס שוואַרצע, פֿערשוואָומענע, ווי שטיקער פֿערגליווערטע פֿינסטערניש — דאָס זענען די אומריסען פֿון משונה׳דיגע מאַשינען, מאָדנע בעשעפעני־שען, שרעקליכע און מאוים׳דיגע, ווי אַ בייזער חלום ביינאַכט. האַרט און שטום האָבען זיי זיך אַרויפגעלעגט אויף די מענשען מיט זייער ברוסט און דריקען זיי מיט אַ שרעקליכער משא. אפילו די סלופּעס, וואָס שפּאַרען זיי אונטער, זעהען אויס ווי לאַפּעס פֿון משונה׳דיגע חיות; און די שוואַרצע שווערע קערפּער זייערע — ווי די קערפּער פֿון חיות, ווי ריעזיגע פֿויגלען מיט אויסגעשפּרייטע פֿליגעל, ווי אַמפיביען, ווי כימערען. שווער און פֿינסטער און רו־היג; און בלינדע אויגען, אונבעוועגליכע, ברייט געעפענטע, קוקען, דאַכט זיך, פֿון אַלע זייטען.

און אונטען דרעהען זיך די מענשען, ווי קלייניגקע שאָטענס. אין זייערע בעוועגונגען איז ניטאָ קיין לעבעדיגע אונרוהיגקייט, ניטאָ קיין פֿרייער, ברייטער מאַך מיט דער האַנד. זיי ריידען און זיי בעוועגען זיך רעגעלמעסיג, מעכאַניש, צום טאַקט פֿון די האַמערס און די אַרבייטענדע מאַשינען; און ווען עמיצער טהיילט זיך אָב און טרעט אַרויס בעזונדער, דאַכט זיך אויס, אַז דאָס האָט זיך אָב־געשפּאַלטען אַ טהייל פֿון דער שוואַרצער מאַשין, אַ טהייל פֿון דעם מאָדנעם געביי, וואָס איז עהנליך צו אַ אונבעקאַנטער, מאוים׳דיגער בעשעפעניש.

די קלאַנגען פֿון די האַמערס און די מאַשינען ווערען אַמאָל שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער. און די מענשישע קולות גיעסען זיך אַריין אין דעם כאָר אונבעמערקט און קלינגען מיט איהם אין איין טאָן: אַמאָל הילכיג און לעבעדיג, אַמאָל אָבגעהאַקט, פֿערדומפּפֿען — כמעט טויט.

✤✤

די ארבייטער קלאָגען זיך:

— הונגעריג זענען מיר.
— הונגעריג.
— הונגעריג.

דריי מאָל קלאַפּט האסטיג דער גרויסער האמער.

— אונז צוקוועטשען די מאשינען.
— מיר שמאַכטען אונטער זייער משא.
— דאָס אייזען דריקט.
— עס פּרעסט דאָס שטאהל.
— אָ, וואס פאר א גרויזאמע משא! גאנצע בערג ליגען אויף מיר!
— אויף מיר ליעגט די גאנצע ערד.
— אָ, וואָס פאר א גרויזאמע משא!

דער האַמער קלאַפּט.

— מיך צעפּלעטשט דער אייזערנער האַמער. ער קוועטשט ארויס פון מיינע אָדערען דאָס בלוט — ער ברעכט די ביינער — ער מאכט מיך פלאַך ווי א בלעך.
— צווישען וואלצען ציהט מען דורך מיין גוף און ער ווערט שמאָל, ווי א דראָט. וואו איז מיין לייב? וואו איז מיין בלוט? וואו איז מיין זעעל.
— מיך דרעהט דאָס ראָד.
— טאָג און נאכט גרילצט די זעג, צעשניידענדיג שטאהל. טאָג און נאכט גרילצט מיר אין די אויערען די זעג, צעשניידענדיג שטאהל. אלע חלומות, וואָס איך זעה, אלע ווערטער, אלע ליעדער, וואָס איך הער, דאָס איז דאָס גרילצען פון א זעג, וואָס צעשנייט דאָס שטאהל. וואָס איז די ערד? דאָס גרילצען פון א זעג. וואָס איז דער הימעל? דאָס גרילצען פון א זעג, וואָס צעשנייט דאָס שטאָהל. טאָג און נאכט.

— טאג און נאכט.
— טאג און נאכט.

דער האמער קלאפּט. דריי מאָל.

— אזוי צעקוועטשען די מאַשינען.

א הויך קלאַנגענדיג קול:

— מיר אליין זענען שטיקלעך מאשין.
— איך בין א האמער.
— איך בין א רוישענדער פּאַס.
— איך בין א ראָד.

א שוואכע שטים:

איך בין א קליינינק שרייפעלע, מיט א קעפּעלע צעשפּאָלטען אויף צווייען. איך בין אריינגעשרויפּט פעסט. און איך שוויג. נאר איך ציטער מיט אלע צוזאמען און עס רוישט מיר אין די אויערען אָהן אנ׳עק, אָהן א סוף.

— איך בין א ברעקעלע קויהל. מיך ווארפט מען אין אויווען און איך גיעב פייער און היץ. און ווייטער ווארפט מען מיך, און ווייטער ברען איך, און מיין פייער הערט ניט אויף.

— פייער זענען מיר. אויוועןנס צעגליהטע.
— ניין. א שפּייז פאר דעם פייער.
— מיר זענען מאשינען.
— ניין. א שפּייז פאר מאשינען.
— כ׳האָב מורא.
— כ׳האָב מורא.

דער האמער קלאפּט.

א שטים קלינגט דערשראָקען און בעטענדיג:
— אָ, שרעקליכע מאשינען!
— אָ, מעכטיגע מאשינען!

✤✤

— לאָ׳מיר תפלה טהאָן. לאָ׳מיר תפלה טהאָן צו די מאַ־שינען!

אַ געזאַנג צו די מאַשינען:

ווער איז מעכטיגער פאַר אַלע אויף דער וועלט? ווער איז שרעקליכער פאַר אַלע אויף דער וועלט? די מאַשין. ווער איז שע־נער און רייכער און קליגער פאַר אַלע? די מאַשין. וואָס איז די ערד? אַ מאַשין. וואָס איז דער הימעל? אַ מאַשין. וואָס איז דער מענש? אַ מאַשין.

דריי מאָל קלאַפּט דער האַמער זיין הסכמה,
פינסטער, בעטריעבט.

— דו, אַלמעכטיגע הערשערין פון דער וועלט; — דו, וואָס געוועלטיגסט איבער אונזער געדאַנק, אונזער גוף און אונזער נשמה; — דו, דערהויבענע, אונשטערבליכע, קלוגע מאַשין, — דערבאַרים דיך איבער אונז! טויט אונז ניט — קאַליעטשע ניט — מוטשע ניט אַזוי שרעקליך! דו, אומ׳ברחמנות׳דיגסטע פון אַלע אומ׳־ברחמנות׳דיגע, דו פון אייזען געשמידטע, פון פייער אָטהעמענדיגע מאַשין, — גיעב אונז אַ ביסעל פרייהייט. דורך דיינע קויטיגע שוי־בען, דורכ׳ן רויך פון דיינע קוימענס זעהען מיר ניט דעם הימעל, מיר זעהען ניט די זון! האָב רחמנות אויף אונז!

אויף אַ מינוט ווערען אַנשוויגען די קליינינקע לעבעדיגע הע־מערלעך און דריי מאָל קלאַפּט אין דער פינסטער, דומפּ, אומ׳־ברחמנות׳דיג, דער גרויסער האַמער. מען הערט שוין איינצעלנע צאַרניגע שטימען:

— זי הערט ניט אויף!
— זי איז טויב — דער שוואַרץ יאָהר!
— זי ליינט.
— מאַכט חוזק פון אונז.
— מיר אַרבייטען אויף יענעם.

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

— אליץ צוליעב יענעם.
— מיר גיסען הארמאטען.
— מיר שמיעדען דאָס קלינגענדיגע אייזען.
— מיר מאכען פּולווער.
— מיר בויען זאוואָדען.
— שטעדט.
— אליץ צוליעב יענעם.
— ברידער! מיר שמיעדען אונזערע אייגענע קייטען!

לעבעדיג, שארף און צאָרענדיג קלאַפּען שנעל די קליינע לע־בעדיגע העמערלעך. און צום טאקט מיט זיי קלינגען די צאָרענדיגע שטימען:

— יעדער קלאַפּ — א נייער רינג.
— יעדער קלאַפּ — א נייע ניעט.
— קלאַפּ דאָס אייזען.
— שמיעד די אייגענע קייטען.
— ברידער, מיר שמיעדען די אייגענע קייטען.

א פערדומפּענער קלאַפּ פונ'ם גרויסען האמער רייסט איבער דעם דאָזיגען רוישענדען לעבעדיגען שטראָם, און ווייטער גיעסט ער זיך שוין לאנגזאם און מיעד:
— ווער וועט אונז בעפרייען פון דער מאכט פון די מאשינען?
— ווער וועט אונז ווייזען דעם הימעל? די זון?
— דער קעניג הונגער!
— דער קעניג הונגער!
— ניין, ער איז א שונא. ער האָט אונז פערטריעבען אהער.
— ער וועט אונז אָבער בעפרייען אויך.
— גרויס איז זיין כח! גרויס איז זיין מאכט!
— ער איז שרעקליך. ער איז צוויי־פּנים'דיג און פאלש. ער איז שלעכט. ער טויט אונזערע קינדער. אונזערע מוטערס האָבען ניט קיין מילך. זייערע בריסט זענען ליידיג.

— ווי א גרויזאמער שאָטען שטעהט ער פאר אונזער שטוב.
— ניטאָ וואו צו בעהאלטען זיך פאר איהם. ער איז פול אי־בער דער גאנצער ערד.
— תליון!
— מערדער!
— דער קעניג הונגער! דער קעניג הונגער!

דער האַמער קלאפּט.

— ניין ער איז א פריינד. ער האָט אונז ליעב, ער וויינט מיט אונז.
— שילט איהם ניט. ער איז אליין אויך אומגליקליך. ער פערשפּרעכט אונז פרייהייט.
— דאָס איז אמת. ווער קען ביישטעהען פאר א הונגעריגען?
— דאָס איז אמת.
— ועמעס גרימצאָרען איז שטארקער?
— ועמעס מוט איז מעהר פערצווייפעלט? פאר ועמען קען א הונגעריגער זיך שרעקען?
— פאר גאָר ניט.
— פאר גאָר ניט. פאר גאָר ניט!

דער האַמער קלאפּט עטליכע מאָל.

— רופט איהם אהער!
— הונגער! הונגער! הונגער!
— קום אהער, צו אונז. הונגעריג זענען מיר. הונגעריג!
— שווייגט. צי זענט איהר ביי'ם זינען!
— הונגער! הונגער!
— ער געהט!
— דער קעניג הונגער! דער קעניג הונגער!
— ער איז געקומען!

אינמיטען, אין דעם פּאַס רויטען ליכט, וואָס ס'פאלט פון דעם אויוון, ערשיינט ד ע ר ק ע נ י ג ה ו נ ג ע ר. ער איז הויך,

מאָגער און בויגזאם; זיין פּנים, מיט די גרויסע שווארצע ליידענ־שאפטליכע אויגען, איז ביינערדיג און בלייך; די האָר אויף זיין געטאָקטען שארבען זענען אבגעשוירען קורץ. ביז'ן גארטעל איז ער נאַקעט און אינ'ם רויטען ליכט זעהט זיך דייטליך זיין קרעפטיגער מאָגערער אויבערסטער טייל־קערפּער. אין גאנצען מאכט ער דעם איינדרוק פון עפּיס א צוזאמענגעצויגענעם, א שמאָלען, וואָס ס'־שטרעבט ארויף. די בעוועגונגען פונ'ם קעניג הונגער זענען האסטיג און דרייסט; אמאָל, ווען ער פערטראכט זיך אָדער ער איז פערטרויערט, בעוועגט ער זיך געלאסען און רוהיג, ווי א קעניג. ווען ער ווערט אָבער דערצאָרענט, אָדער ער רופט, אָדער ער שילט, — ווערט ער עהנליך צו א ספּיראל־ספּרוזשינע, וועלכע פערדרעהט זיך שנעל און ווארפט ארויף צום הימעל איהר שארפען עק. און עס דאכט זיך דעמאָלט, אז ווי אווירבעל־ווינד, וועלכער הויבט אויף די טרוקענע בלעטער, אזוי הויבט ער אויף אלצדינג, וואָס ס'געפינט זיך ארום איהם, און ווארפט עס צום הימעל מיט איין קורצער בעוועגונג.

זיין שטים איז עדעל און קלינגענדיג; און פול מיט טיעפער צערטליכקייט זענען זיינע ווערטער, ווען ער רעדט צו זיינע אָרימע קינדער.

דער קעניג הונגער.

קינדער! ליעבע קינדער מיינע! איך האָב געהערט אייערע קרעכצען און בין געקומען. ווארפט די ארבייט! קומט אהער צו מיר. ווארפט די ארבייט.

ער שטעהט און ווארט. דאָס רויטע ליכט פונ'ם צוגליהטען אייווען פאלט אויף זיין גאנצע פיגור. לאנגזאם פערזאמלען זיך ארום איהם די ארבייטער. נאָר דריי פון זיי טרעטען ארויין אין דעם פאס ליכט און מען זעהט זיי דייטליך, די איבעריגע שטעהען אין דער פינסטער, ווי א הויפען טונקעלע שאָטענס; ערטערוויין פאלט א שטראהל און בעלויכט דאָ א נאַקעטען מעכטיגען אָרעם, דאָרט אנ'אויפגעהויבענעם האמער אדער א שטרענגען פּראָפיל.

די וואָס זעהען זיך דייטליך, זענען אזוי:

דער ערשטער ארבייטער — מיט זיין מעכטיגער פיגור און מיט דער שרעקליכער מיעדקייט, וואָס ס'איז אויסגעגאָסען אויף איהם, איז ער עהנליך צו הערא̇קלעס פון פארנעזע. די ברייטע נאַקעטע פּלייצע, די הויפענס מוסקולן אויף די אָרעמס און אויף דער ברוסט בעווייזען, אז ער האָט א אונגעוועהנליכע, אונגעהייער־גרויסע קראפט, וועלכע דריקט איהם אזש מיט איהר משא און לאָזט איהם ניט רוהען. אויף דעם ריעזען־גרויסען קערפּער — א קליינער, שוואך ענטוויקעלטער קאָפּ מיט א נידריגען שטערען און מוטנע געהאָרזאַמע אויגען; דער קאָפּ איז אביסעל אָנגעבויגען, און עס פיהלט זיך, אז ס'איז ניטאָ אין איהם קיין לעבעדיגער געדאנק, אז ער איז טעמפּ און שווער, ווי ביי אנ'אָקס. ביידע הענד האלט דער ארבייטער מיעד צונויפגעלעגט אויפ'ן הענטעל פון א ריעזיגען האמער.

דער צווייטער אַרבייטער איז נאָך יונג, נאָר שוין איז ער אויסגעמאָגערט, שוין איז ער קראנק, שוין הוסט ער. ער איז מוטהיג — און שרעקעדיג; — ער איז דרייסט — און שעמעוודיג, אזוי אז ער ווערט אזש רויט, ער הויבט אזש אָן שטאמלען. ער רעדט, צוהיצט זיך, פאנטאזירט, הויבט אָן טרוימען — און פּלוצלונג האקט ער זיך איבער, פערשעמט זיך און שמייכעלט מיט א שולדיגען שמייכעל. אויף דער ערד האלט ער זיך לייכט, פּונקט ווי ער וואָלט האָבען פליגעל אויפ'ן רוקען; ער הוסט מיט בלוט — און שמייכעלט דערביי און קוקט צום הימעל.

דער דריטער ארבייטער איז אנ'אויסגעדארטער, אָבגעבליאַקעוועטער אלטער מענש, אקוראט ווי מ'האָט איהם אלע יאָהרען זיינע געווייקט אין אזוינע זויערקייטען, וואָס מאכען א תל פון יעדער פארב; זיין שטים איז אויך אָהן א שום קאָליער; און ווען ער רעדט, דאכט זיך, אז ס'רעדען טויזענטער פארבלאָזע בעשעפעני־שען, כמעט ווי שאָטענס.

די קליינע לעבעדיגע העמערלעך זענען אינגאנצען אנשוויגען געוואָרען.

דער קעניג הונגער רעדט מיט דער שטים פון א הערשער:

— הערט, מיינע ליעבע קינדער! איך בין דורכגעגאנגען פון איין עק ביז'ן אנדערען דאָס גאנצע לאנד פון ארבייט, דאָס לאנד פון הונגער און אָרימקייט, רעכטלאָזיגקייט און אומגליק — מיין גאנצע אומגליקליכע גרויסע מלוכה. ווער האָט אמאָל געזעהען, דער הונגער זאָל וויינען? און איך האָב געוויינט, קינדער, איך האָב געוויינט מיט בלוטיגע טרעהרען, זעהענדיג דעם אומגליק פון אייערע ברידער. וועה, וועה צו די ארבייטער!

די ארבייטער ענטפערען שטיל:

— וועה!.. וועה... צו די ארבייטער!

— און איך האָב אייך געבראכט א גרוס פון אייערע ברידער. אייערע ברידער רופען אייך און זאָגען אייך אָן: גרייט זיך צום אויפשטאנד!

מען שווייגט. דער האמער פאלט מיט א ברום.

— גרייט זיך צום אויפשטאנד! שוין פלאַטערט אונזיכט־באר זיין גרויסע פאָהן איבער אייערע קעפּ, און ביינאכט ווערט דער־ציטערט דער גרויסער שטורעם־גלאָק פאר די ליידען פון דער ערד, און ער קרעכצט אין דער שטיל. איך אליין האָב געהערט דעם קרעכץ!

מען שווייגט. דער ערשטער ארבייטער לעגט ארויף זיין שווערע האנד אויפ'ן אקסעל פונ'ם ק ע נ י ג ה ו נ ג ע ר, אזוי אז ער בויגט איהם אביסעל איין, און ער רעדט מיט א דומפּער שטארקער שטים, וועלכע געהט, דאכט זיך, ארויס פון ער־גיץ טיעף אונטער דער ערד.

— איך בין אנ'ארבייטער. איך בין אלט ווי די ערד. איך האָב אָבגעטהאָן אלע צוועלף גרויסע מעשים, געריינינגט שטאלען, געהאקט די קעפּ פון דער הידרא, געגראָבען ערד, געבויעט שטערט; איך האָב אזוי איבערגעמאכט דאָס פּנים פון דער ערד, אז גאָט אליין, וואָס האָט זי בעשאפען, וואָלט זי איצט ניט דערקענט. און איך

וויים ניט, צו וואָס האָב איך דאָס געטהאָן. וועמעס ווילען האָב איך ערפילט? וואָס פאר א ציעל האָב איך געהאט פאר מיר? מיין קאָפּ איז טעמפּ. איך בין טויט־מיעד. עס דריקט מיך מיין קראַפט. ערקלער זשע מיר, קעניג! אז ניט וועל איך נעהמען מיין האמער און צעשפּאלטען אָט די ערד, ווי א לעדיגען נוס.

ער הויבט אויף דעם האמער.

דער קעניג הונגער.

ווארט אויס, מיין זוהן! היט דיינע כחות פאר דעם לעצטען גרויסען אויפשטאנד, דעמאָלט וועסטו געוואָהר ווערען אלצדינג.

דער אַרבייטער פינסטער און געהאָרזאם:

איך וועל ווארטען.

דער צווייטער אַרבייטער געהט צו צום קעניג הונגער און רעדט אויפגערעגט, אָנווייזענדיג אויפ'ן ערשטען:

— ער פערשטעהט ניט גאָר נישט. ער מיינט, מען דארף צע־שפּאלטען די ערד. דאָס איז ניט ריכטיג. די ערד איז שעהן, ווי א גן־עדן. מען דארף זי היטען, מען דארף זיך בעגעהן מיט איהר צערטליך, ווי מיט א קליין מיידעלע. פיעלע פון די, וועלכע שטע־העו אָן דאָרט אין דער פינסטער, זאָגען, אז ס'איז ניטאָ ניט קיין זון, ניט קיין הימעל, אז אויף דער ערד איז אנ'אייביגע נאכט. בע־טראכט זיך נאָר: אנ'אייביגע נאכט!

ער הוסט.

דער קעניג הונגער.

פארוואָס שמייכעלסטו, הוסטענדיג מיט בלוט, און קוקסט אויפ'ן הימעל?

— ווייל אויף מיין בלוט וועלען אויסוואקסען בלומען, און איך זעה זיי שוין איצט. ביי א רייכער שעהנער דאמע אויף ־ער ברוסט האָב איך געזעהען א רויטע רויז: זי האָט ניט געוואוסט, אז דאָס איז מיין בלוט.

✤✤✤

דער קעניג הונגער שפּאָטיש:

ביזט, מיין זוהן, א פּאָעט. אפשר שרייבסטו גאָר שירים, ווי זיי?

— אָ, קעניג, לאַך ניט פון מיר. אין דער פינסטער האָב איך זיך אויסגעלערענט צו שעצען דאָס פייער. אין די ליידען פון טויט האָב איך זיך אויסגעלערענט פערשטעהען, ווי שעהן איז דאָס לעבען. אָ, ווי שעהן איז די וועלט! דאָס וועט זיין א גרויסער גאָרטען, און מענשען און חיות וועלען דאָרטען שפּאצירען און ניט אָנריהרען איי־נער דעם צווייטען. ניט טשעפּעט די חיות! ניט טשעפּעט די מענשען! לאָזען זיי שפּאצירען, לאָזען זיי קושען, האלובען איינער דעם צווייטען. זאָל זיי קיינער ניט טהאָן קיין בייז!

טרויעריג זאָגט ער ווייטער:

— אָבער וואו איז דער וועג? וואו איז דער וועג, ווייז איהם אָן, קעניג הונגער.

דער קעניג הונגער, פעסט און פינסטער:

אנ׳אויפשטאנד.

דער אַרבייטער, טרויעריג:

דורך גוואַלט־מעשים צו פריהייט? דורך בלוט צו די פריידען פון ליעבע?

דער קעניג הונגער.

קיין אנדער וועג איז ניטאָ.

מען שווייגט. שווערע זיפצען. עס געהט צו דער דריטער אַרבייטער און זאָגט מיט זיין פארבלאָזער שטים:

— דו לייגסט, קעניג הונגער. אָט אזוי האָסטו געטויט מיין פאטער און מיין זיידען און מיין עלטער־זיידען, איצט נעהמסטו זיך צו אונז. וואוהין פיהרסטו אונז, שוואכע? דו זעהסט דען ניט, ווי פינסטער מיר זענען, ווי בלינד און אָהנמעכטיג. דו ביזט א פער־רעטער. דאָס ביזטו נאָר ביי א ו נ ז אזא קעניג, ביי זיי, ביי די רייכע, ביזטו א משרת, בעדיענסט זיי ביים טיש. דאָס געהסטו נאָר ביי אונז אָנגעטהאָן אין א קרוין, ביי זיי געהסטו ארום מיט א סערוועטקע אין האנד.

****

דער קעניג הונגער שרייט צאָרניג:

שווייג! ביזט עובר בטל!

פעסטע שטימען:

— ניין.

— לאָז ער ריידען.

— רייד, אלטער.

— און דו, קעניג, הער.

דער קעניג הונגער, פערענטפערט זיך, ווייך:

האָט קיין פאראיבעל ניט, קינדער. לאָז ער רעדען, אודאי. רייד, אלטינקער, האָב ניט קיין מורא.

— איך האָב ניט קיין מורא. איך בין א שרייפעל אין דער מאשינע, וואָס האָב איך מורא צו האָבען? אָבער דו — פאר וואָס נארסטו אונז אָב? פארוואָס גיעסטו אונז אריין א פאלשע האָפנונג, אז מיר וועלען זיעגען? האָט דען געטראָפען אמאָל, אז דער הונגעריגער זאָל זיעגען?

דער קעניג הונגער.

יא — אָבער איצט וועט ער זיעגען.

שטימען:

— מען מוז מאכען א סוף.

— אזוי קען מען ניט לעבען.

— בעסער טויט, איידער לעבען אזוי.

— קיין אנדער וועג איז ניטאָ.

דער ערשטער ארבייטער.

אז ניט וועל איך אויפהויבען מיין האמער...

דער צווייטער ארבייטער.

— און אויב ס'איז יא דאָ אנ'אנדער וועג?

— וואָסער וועג?

— זאָג! וואָסערער!

— ער רעדט פון היץ!

זיי טרעטען צו נעהנטער און שטעהען ארום דעם קעניג הונגער און די ערשטע ארבייטער.

דער צווייטער ארבייטער פער׳חלום׳ט.

און אפשר... פרופען... אנצינדען די ערד מיט אונזערע גאָלדענע טרוימען?

מען לאכט. דער צווייטער אַרבייטער רעדט האסטיג און אויפגערעגט:

— ווארט אקארשט. פאראן אנ׳אנדער קעניג, ניט דער קעניג הונגער (דערשרעקט זיך). כ׳האָב אָבער פערגעסען, ווי ער הייסט.

מען לאכט. דער קעניג הונגער רעדט מיט א טאָן פון אנ׳עלטערען:

— ביזט א פּאָעט, מיין זוהן. די פּאָעטען האָבען קיינמאָל ניט אנגעצונדען די ערד. אנצינדען זי האָט נאָר בכח דער גרויסער, דער שטארקער, דער אלמעכטיגער קעניג הונגער! פּאָלגט זשע מיך, מיינע קינדער!

ער לאָזט אראָב דעם קאָפּ און רעדט פינסטער און פעסט.

— אייער אלטער האָט מיך דאָ אָנגערופען משרת. איך בין געווען דערצאָרענט, ווארום גרויס איז די בעליידיגונג, וואָס ער האָט מיר געוואָרפען אין פנים... ס׳איז אָבער אמת. יא... איך בין א משרת. איך בין אנ׳אונטערהעלפער ביי די זאטע. א גע־דונגענער מערדער בין איך ביי זיי אין די הענד, א הענקער, וועלכער שטראפט נאר דעם, וועמ ס׳איז ניט שולדיג. אָ נידערטרעכטיגער, מיאוס׳ער מענש, וואָס האָסטו געמאכט פון מיר? וואָס פאר א שענדליכער פלעק איז געוואָרען פון מיין גרויסען, מיין אייביגען טראָן!

ער רעדט צערטליך, מיט א פריינדליכען קול:

— אָ קינדער, ליעבע קינדער מיינע! טהוט א קוק, וואָס עס טהוט זיך אין וואלד, אין טיעפען טייך, אין ים, אין זומפּ — אומעטום, וואו איך בין נאָך דער איינציגער הערשער; טהוט א קוק, ווי שעהן, ווי וואונדער־שעהן עס איז דאָרט! אלעס לעבט,

✤✤

אלעס וואַקסט, אלעס בעקליידט זיך מיט קראַפט און מיט פאַרבען, שטרעבט צו ווערען א רעגענבויגען, א גאָט — ווי וואונדער שעהן עס איז דאָרט! דאָרט איז אויך פאַראַן טויטע, ס'איז ניטאָ אָבער קיין געה'רג'טע, ניטאָ קיין אומזיסט צום טויט פער'משפט'ע — ווארום איך בין דער קעניג פון גערעכטיגקייט אין מיין גרויסער מלוכה!

ווערט אנגעצונדען פאַר כעס.

— און דאָ? אָ נידערטרעכטיגער, אָ ליסטיגער מענש! ער זיצט זיך, א נישטיגער, א זאַטער, א פוילער, און טרייבט מיך איבער דער וועלט, ווי א משוגע'נעם הונד. און איך פאָלג. קעניג הונגער, אהער! קעניג הונגער אהין! הרג'ע יענע! זויג אוים דעם כח ביי די! טויט די עופה'לעך מיט זייערע מאַמעס! נעהם צו די שעהנקייט און די קראַפט ביי דעם שעהנסטען לייב, און זאָל בלייבען אויף דער וועלט נאָר איין מושל — איך, דער זאַטער, דער נישטי־גער, דער פוילער. איך וויל ניט עסען, טאָ שפּאַר מיר אריין אין האַלז אריין א פּוס פון א שאָף, שטופּ זי אריין אין מיין פעטען בויך! און איך שפּאַר און שטופּ — און וויש אוים מיט דער סערוועטקע די פעטע ליפּען!

די ארבייטער לאַכען, און דער קעניג הונגער לאַכט אויך מיט גרימצאָרן. ער רעדט ווייטער:

— וואָס האָסטו געמאַכט פון מיין ווילען, פון מיין גרויסען פערלאַנג, דו נידערטרעכטיגער, דו ליסטיגער מענש! — איהר הונ־געריגע — מיט מיר קומט אנטקעגען די זאַטע! לאָמיר אומקעהרען דעם מענשען זיין שעהנקייט און זיין קראַפט, לאָמיר איהם ווידער אריינוואַרפען אינ'ם שטראָם פון אונענדליכער בעוועגונג! איהר הונגעריגע, מיט מיר!

ער וואַרפט זיך איבער'ן ענגען רוים.

— ווער האָט געזאָגט, אז איהר זענט שוואַך? איהר זענט די קראַפט פון דער ערדה. דו ביזט דען שוואַך?

בטעות כאַפּט ער פאַר'ן אַקסעל דעם אלטען ארבייטער, יענער בויגט זיך אָהנמעכטיג איין.

— יא, כ׳האָב א טעות געהאט. דו ביזט שוואך. אָבער דו, דו, מיין פריינד?

ער כאפט אָן דעם ערשטען ארבייטער פאר דער האנד. קוקט אויף איהם מיט פערגעניגען.

— איז אָט דאָס ניט קיין קראפט? איז אָט דאָס ניט קיין שעהנקייט? קוקט איהם אָן. ס׳ארא מוסקעלן, ס׳ארא ברוסט! ליעבער זוהן מיינער, דו ביזט ווערטה צו זיין א קיסר און ביזט סך־הכל א קנעכט. גיעב מיר דיין האנד, איך וועל זי קושען.

ער ווארפט זיך האסטיג אויף די קניה און קושט די שווערע מאטע האנד.

דער ערשטער ארבייטער.

איך פערשטעה גאָר נישט ניט.

שטימען:

— זיי האָבען געוועהר!

— זיי האָבען הארמאטען וואָס מיר האָבען געמאכט!

— זיי האָבען אינזשענערען.

— געלעהרטע.

— זיי האָבען די מאכט, און די קראפט, און פערשטאנד!

דער קעניג הונגער הערט זיך איין מיט אנ׳אויסגע־שטרעקטען האלז.

— זיי האָבען מאשינען!

— בייזע מאשינען!

— קלוגע מאשינען!

דער קעניג הונגער טופעט מיט׳ן פוס און שרייט אין צאָרען:

טאָ צערברעכט זיי! איך האס די מאשינען! זיי ליגען, זיי נארען אייך אָב, זיי מאכען אייך פאר שקלאפען. צערברעכט זיי!

— זיי האָבען הארמאטען!

— טאָ נעהמט זיי צו!

דער ערשטער ארבייטער.

— און ווער וועט פון זיי שיסען? מיר אליין קענען ניט, קעניג!

דער קעניג הונגער, פול מיט ווילדען כעס, שרייט פלוצלונג ווי ניט אין זיך, מיט א בעפעהלענדער שטים:

— שווייגט!

און ווען אלע ווערען שטיל, רעדט ער געשפאנט, צווישען די צייהן, קוים איינהאלטענדיג דעם ברויזענדען צארען:

— נאראנים! די הארמאטען דארפען זיי האבען, ניט איהר. נעהמט זיי נאר צו, וועלען זיי ווערען שוואך און זאנפט, ווי די שעפעלעך. זיי וועלען בעטען, זיי וועלען קניהען, מען זאל זיי נאר לאזען לעבען.

— דאס איז אמת.

— נעהמט ביי זיי צו די הארמאטען, וועלען די אינזשענערען און די געלעהרטע קומען דיענען צו אייך, און איהר וועט ווערען די הארען פון דער ערד!

— דאס איז אמת!

— ניין, ס'איז פאלש, ברידער, עס גרייט זיך א נייער פערראט.

— ניין, דאס איז אמת!

דער קעניג הונגער.

צום אויפשטאנד, קינדער מיינע! אין גאס אריין! ברעכט די מאשינען, שניידט די פאסען, פערלעשט די פייערם — אין גאס אריין! צום אויפשטאנד, קינדער מיינע! אייך רופט דער גרויסער, דער אומגליקליכער קעניג!

שטימען:

— אין גאס אריין!

— מיר האבען מורא!

— מען וועט אונז טויטען!

— אין גאס אריין!

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

— אזוי איז שוין ניט מעגליך צו לעבען. אוועק׳ט, איהר טרוסען!

— ברעכט די מאשינען!

— מיר האָבען מורא!

— מיר האָבען פּחד!

— האָב רחמנות, קעניג הונגער, מיר האָבען אזוי מורא!

דער קעניג הונגער טהוט א מאך מיט דער האנד און אלע ווערען שטיל. ער שטעהט בעלויכטען אינ׳ם רויטען אָבגלאנץ פונ׳ם אויוועז און רעדט מיט א קאלטען האָפנונגסלאָזען טיעפען כעס:

— איהר האָט מורא, קינדער? אזוי? נו, טאָ הערט זשע מיך, טרוסען, וואָס איך וועל רעדען צו אייך. ניט מיט קיין ליבטי־גער בשורה פון שלום בין איך געקומען צו אייך — צו מאָרדען האָט מען מיך אהער געשיקט. איהר ווילט ניט אָבשטעלען די מאשינען — וועל איך זיי אבשטעלען אליין. איהר ווילט ניט ווארפען די אר־בייט — וועל איך אייך נויטען מיט געוואלט. איך וועל נאָכגעהן נאָך אייך, — איך וועל אריין אין אייערע הייזער, איך וועל אויס־ווערגען אייערע פּיצעלעך קינדער, איך וועל ארויסקוועטשען ביי אייערע ווייבער און מוטערס דעם לעצטען טראָפּען מילך פון זייערע בריסט — און איך וועל זיי טויטען. איבער זייערע טויטע קערפּערס וועט איהר וויינען מיט ביטערע טרעהרען!

ער רופט אין בלינדער וואוט:

— טויט! אהער!

אינמיטען דעם שווייגען, אין דער געשפּאנטער שטילקייט, לאָזט זיך הערען דער הייזעריגער קלאנג פונ׳ם טרומייט, דריי מאָל, פון דער ווייט, נאָכדעם אלע מאָל נעהנטער. די ווייטע אויוועגס ווערען אויסגעלאָשען, פּונקט ווי א שטראָם פון פינסטערניש האָט זיי פערפלייצט; הינטער די ארבייטער, אין ווינקעל, דערהויבט זיך עפּיס א ריעזיג־גרויס׳ס, א שווארצס, א פערשוואומענס.

— דאָס ביזטו, טויט?

✤✤

פריהער איז שטיל, נאָכהער הערט זיך דער אונצופריעדענער טרוקענער ענטפער:

— יא, — דאָס בין איך.

די ארבייטער שטופּען זיך איינער צום צווייטען און לאָזען פריי דאָס ווינקעל, וואו עס שטעהט, ווי א שווארצער פערשוואומענער פלעק, דער טויט.

דער קעניג הונגער.

איהר האָט געהערט? ער איז שוין דאָ. ער שטעהט הינטער אייך און ער וואַרט. איין וואונק, איין מאַך מיט דער האנד — וועט ער בעפאַלען אייערע הייזער, ווי א שווארצע כמארע, אָהן רחמנות, און וועט טויטען אויף רעכטס און אויף לינקס — אייערע ווייבער און קינדער וועט ער טויטען. ווייסט איהר, וואָס דאָס הייסט, ווען מען טראָגט אין די פינסטערע גאסען קליינינקע מתים, איינס נאָך'ן אנדערען קליינינקע מתים'לעך, פּיצעלעך מתים'לעך, אהין, אין דער אייביגער רוה—אין די הילצערנע רוהיגע וויעגעלעך?

א געשפּאנטעס שווייגען.

— טאָ קלייבט זשע אייך אויס, איהר טרוסען: וואָס ווילט איהר בעסער, אליין אומקומען אָדער ס'זאָלען שטארבען אייערע קינדער? ווער זאָל בעקומען דעם טויט? זאָגט זשע, גיכער, ער וואַרט.

מען שווייגט.

דער ערשטער אַרבייטער ענטשלאָסען:
בעסער מיר.

דער צווייטער אַרבייטער.
בעסער מיר, בעסער מיר.

פערשיעדענע פעסטע, שטרענגע, געהאָרזאמע, ענטציקטע שטימען:

— בעסער מיר! בעסער מיר! נעהם אונז, טויט! זיעג אָדער טויט! טויט!

מיט א גרויסען געשריי קניהען זיי פאר דעם אונבעוועגליכען טויט. און אינ'ם רויטען אָבשיין פונ'ם אויווען שטעהט דער קעניג הונגער, ארומגעכאפט דעם קאָפּ מיט די הענד, און שלוכצט אויף א קול, אין ווילדער פערצווייפלונג און פרייד.

דער פאָרהאנג פאלט.

דאס צווייטע בילד.

דער קעניג הונגער רופט צו אנ׳אויפשטאַנד דעם הונגעריגען המון.

נאכט.

א שווארצע פלאכע וואנד; קענטיג, זי איז זעהר הויך, אָבער זעהען זעהט מען נאר א טהייל פון איהר — דעם וואָס איז נעהנטער צו דער ערד. אין דעם דאָזיגען טהייל, אויבען, איז פאראן עטליכע גרויסע פענסטער מיט שפיגעל־שויבען; פון די פענסטער זעהען זיך ארויס נאָר די אונטערשטע צוויי דריטעל. זיי זענען העל בע־לויכטען — דאָרט קומט פאר א באַל. דורך די דינע גארדינען און דעם נעץ פון טראָפּישע וואזאָנען, וועלכע שטעהען פאר די פענ־סטער, זעהט מען אינעווייניג א אונבעשטימטע בעוועגונג; אָפּט־מאָל שווימען פארביי גאָר נאָהענט א טאנצענדיג פּאָרעל, דעמאָלט ווארפט זיך אין די אויגען דער שווארצער קאָסטיום פון דעם הער, דאָס ווייסע קלייד און די ווייסע נאַקעטע אקסלען פון דער פרוי. עס שפּיעלט כמעט אָהן אנ׳אויפהער א שעהנע, זאנפטע מוזיק, און נאָר איינמאָל הערט זיך א קורצע צייט דער זעלבער מאָטיוו, וועל־כען מען שפּיעלט אויפ׳ן באַל ביי דעם מענשען*). עס טרעפט א

*) דער אויטאר מיינט דאַ דעם מאָטיוו, וועלכער ווערט געשפּיעלט אין דעם דריטען אַקט פון זיין דראַמאַ: „דאָס לעבען פונ׳ם מענשען“. אין דעם אַקט קומט פאַר א באַל ביי׳ם מענשען, און די מוזיק שפּיעלט דאָרט אַ קורצען, איינפאכען מאָטיוו, ווי א מין פּאָלקע.

אנמערקונג פיי׳ם איבערזעצער.

פאָר מאָל, אז עמיצער אַ בילד־שעהנער געהט צו צום פענסטער און קוקט אריין גלאט אזוי אין די פינסטערניש פון דער גאס; אָדער אַ יונג, שעהן, פערליעבט פּאָרעל בעהאלט זיך אויף אַ מינוט הינטער די גארדינען און קושען און האלזען זיך צערטליך.

אונטען אין דער וואנד זעהט מען די קעלער־וואהנונג פון דעם הויז. דער האלב־קיילעכדיגער געמויערטער סופיט לאָזט זיך אראָב זעהר נידריג, און עס דאכט זיך — דעם גאנצען קעלער האָט צוגע־פּלעטשט די אונגעהייערע משא פון דעם גרויסען הויז. די וואָהנונג איז לאנג און שמאָל און האָט אַ פּנים ווי דאָס האלב געעפענטע, מיט שטיינער שווער איינגעפּרעסטע מויל פון אַ גרויסען אויוועז. עטליכע הענג־לאָמפּען בעלויכטען דעם רוים; דאָס ליכט איז אין אלגעמיין אביסעל שוואכער ווי אין די אויבערשטע פּריצ׳ישע צימע־רען, אָבער גענוג העל, אז מען זאָל קענען זעהען דייטליך אלצדינג, וואָס דאָרט געפינט זיך.

אין די ווינקעלעך און אין דעם עק רוים, וואָס איז ווייטער פון די צושויער, וואלגערען זיך אלערליי אלטע כלים: לעדיגע, האלב־צעבראָכענע פעסלעך אָהן רייפען, עפּיס ברעטער, הילצערנע שטענדערס א. אז. וו. — קענטיג, דאָ וואָהנט ניט קיינער. אינמי־טען שטעהט אַ לאנגער טיש, און ארום איהם זיצען אויף פעסלעך און ברעטער די פערזאמעלטע פאָרשטעהער פון דעם הונגעריגען המון; אויסגעזוצט זענען זיי אין שטרענגע אָרדנונג און בכלל מאכען זיי נאָך אזוי פּינקטליך אלצדינג וואָס ס׳טהוט זיך אויף אַנ׳אמת׳ער ערנסטער פערזאמלונג, אז עס ווערט אזש אביסעל אונ־היימליך צו קוקען. ס׳איז דאָ אַ טינטער און אַ גלעקעל, און אפילו אַ פאָרזיצענדער, וועלכער זיצט, קוים וואָס ער האלט זיך, אויף אַ הויכען פעסעל.

פערזאמעלט איז אַ מאן צוואנציג. דאָס זענען גאסען־פּראָ־סטיטוטקעס, חוליגאנעס און זייערע חבר׳טעס, אלפאָנסען, קעשענע־גנבים, מערדער, בעטלער, קאליקעס און אנדערע אויסוואורפען פון דער גרויסער שטאָדט, דאָס שרעקליכסטע, וואָס ס׳קענען נאָר בע־שאפען די אָרימקייט, די זינדיגקייט, דאָס פערברעכען און דער איי־

ביג־נאָגענדער הונגער פון דער מענשליכער זעעל. נאָר צוויי דריי פון די פערזאמעלטע, צווישען זיי א קליין מיידעלע, האָבען א פנים ווי געוועהנליכע מענשען און זענען אָנגעטהאָן ווי מענשען; די איבעריגע זיינען אלע איין ווילדע און בייזע העסליכקייט, גאָר ווע־ניג עהנליך צו מענשען; קיין שטערענס האָבען זיי כמעט גאָר ניט, די שארבענס זענען העסליך ענטוויקעלט, די קין־באקען ברייט, אין דעם גאַנג און אין די בעוועגונגען דערמאָנען זיי אָן בהמות אָדער ווילדע חיות — בכלל זעהען זיי אויס ווי בעשעפענישען פון גאָר א בעזונדערער ראסע. אָנגעטהאָן זענען זיי פאנטאסטיש און שמוציג, נאָר די אלפאָנסען זענען אויסגעפוצט מעשה־פראַנט אין אומגע־לומפערטע מלבושים, מיט קאָלירענדיגע קראוואטען און האָבען אפילו ריין צוגעקאמטע שרונטען אויף זייערע מיקראָצעפאלען־קעפ. איינינע פנימ'ער זענען זעהר טונקעל; אנדערע זעהר רויט; פא־ראן פנימ'ער וואָס מאכען א אונהיימליכען איינדרוק, טויט־בלייכע, וויים ווי פאפיער, מיט רויטע פלעקען אויף די באקען.

דער פאָרזיצענדער — א דיקער, א נידריגער, מיט אויסגע־גלאָצטע אויגען און א לענגליכען פערשארפטען קאהלען שארבען, האָט א פנים פון א שכור'ער זשאבע, וועלכע קען ניט כאפען דעם אָטעם. זיין פנים איז רויט.

דער פאָרזיצענדער קלינגט מיט'ן גלעקעל און רעדט שווער, קוים וואָס ער כאפט דעם אָטעם, אָבער זעהר פריעדליך:

— אלע... האָבען ערהאלטען... איינלאדונגס־קארטען?

— קיינער האָט ניט ערהאלטען.

— נו, מאכט ניט אויס. מיר'ן אָבהאלטען די פערזאמלונג אָהן קארטען אויך. אלזאָ, מיינע דאמען פראָסטיטוטקעס... און נבלות, מיינע הערען... חוליגאנעס, קעשענע־גנבים, מערדער און אלפאָנסען... איך עפען די פערזאמלונג. פאר אלעמען, אלס פאָרזיצענדער... בעט איך די הערען מיטגליעדער זיך מודה זיין אָפען: ווער האָט געבראכט מיט זיך בראנפען?

— איך.

— איך אויך. אָבער דיר וועל איך געבען א מכה.

— אַלע האָבען.

— ע... דאס איז ניט גוט. דאָ טאָר מען ניט טרינקען, אָבער ווער עס וויל, דער זאָל אוועקגעהן אין ווינקעל, אָן דארט, פון יענער זייט פעסעל, דאָרט איז דער בופעט. און נאָך איינס: ביי'ם טיש זאָל מען ניט שלאָפען: אָן דאָרט כראָפּעט שוין א דאמע. העי, דאמע! הער סעקרעטאַר, לעגט איהר אריין אין קאָלנער!

— שטעהט אויף, שווארץ יאָהר!

— זאָלען געהן צו אַל די רוחות די ווייבער!

— אָרדנונג.

— אָך, ווי איז דען מעגליך אָהן דאמען. די דאמען זענען דאָך אונזער ציהרונג, אזוי מיין איך.

— שווייג, אַלפאַנס!

— גנב!

דער פאָרזיצענדער.

— זעהט איהר, דאָס איז אויך ניט גוט. הער גנב! הער אַלפאַנס! דאָ זענען אַלע גלייך. די דאמען אויך, געוועהנליך...

ער שטעלט אָן די אויגען צום באַלקען פערוואונדערט און שרייט אויס:

העי, כלי־זמר, זאָל שוין זיין שטיל! — זיי ווילען ניט שווייגען.

— צום טייוועל דעם פאָרזיצענדען!

— פאר וואָס איז?

— ער איז שכור. דערעסען. אָרדנונג! ער איז שכור!

— זעהט איהר, אזוי רעדען איז אויך ניט גוט. איך האָב דען דאָ געטרונקען? איך האָב זיך אנגעטרונקען פריהער. נאָר אויב אַלע ווילען...

— אַלע! אַלע!

— טאָ כאַפּט אייך דער טייוועל!

ער געהט אוועק אין ווינקעל, נעהמט ארויס פון דער קעשענע א פלאַש און טרינקט. אויפ'ן פלאַץ פונ'ם פאָרזיצענדען שפּרינגט

✤✤✤

ארויס ענטשלאָסען און שנעל א יונגער חוליגאן מיט א טויט־בלייכען בלוטלאָזען פּנים און מיט שווארצע פערדרעהטע ווענסעלעך. קענטיג מען האלט איהם פאר א שעהנעם און ער ווייסט דאָס, ווארום ער מאכט חן און קאָקעטירט. אָפּטמאָל פער־שווינדט אָבער דאָס אלעס, און דעמאָלט איז גענוג א קוק צו געבען אויף זיין פּנים, ווי טהיריש עס זענען אויסגעשטערעט זיינע צייהן, ווי בלאס ס׳זיינען זיינע באקען, ווי זאנפט־גנבה׳ש ער שליסט צו זיינע שארפע, דורכדרינגענדע אויגעלעך,—כדי צו דערשפּירען אין דעם מענשען אן אומדערבארימדיגען אכזר, א שרעקליך פלאכע און בלויזע נשמה, וועלכע קען ניט געוועלטיגען איבער זיך אין דער מינ־דעסטער זאך.

— שטיל זאָל זיין. איך בין פאָרזיצענדער.

— ווער האָט דיך געוועהלט?

— אליין ארויסגעשפּרונגען.

— ניין, דאָס איז פיין. ער מעג...

דער פאָרזיצענדער שטשערעט אוים וויטהענד די צייהן.

— שטיל זאָל זיין! שווייגט (ווייטער רעדט ער מאט און זאנפט) אייניגע האָבען דאָ מעסערס... ווער עס וועט האָבען טענות געגען די וואהלען, ווער ס׳וועט ליארעמען, שטערען די אָר־דנונג, וואָלט איך איהם געבעטען זיך מטריח זיין צום גלח און אב־זאָגען ודוי...

מען לאכט צופריעדען.

— שטיל! העי, זעצט נאָר אוועק אָט דעם שכור אויף אנ׳־אָרט.

— דאָ איז דער בופעט.

מען שלאָגט דעם שכור, דעם געוועזענעם פאָרזיצענדען, און מען זעצט איהם אויף אנ׳אָרט.

— זיץ איך, נו.

— שווייג! אויפ'ן טאגעס־אָרדנונג ווערט געשטעלט די פראַ־גע וועגען דער נויטווענדיגקייט פון אלגעמיינער צערשטערונג.

— וואס?

— אלגעמיינער צערשטערונג. די רעדנער בעט איך זיך פער־שרייבען איינער נאָך דעם אנדערען. ווייבער און שכור'ע מענען רעדען נאר מיט א ספעציעלער ערלויבניש פונ'ם פארזיצענדען. שטילער! ווער וויל ריידען?

איינער שטעהט אויף.

— איך וואלט פארגעלעגט מען זאל צו־ווארטען אויפ'ן טאטען.

דער פארזיצענדער, פינסטער:

— צוליעב וואס?

— ער האָט אונז צונויפגערופען אהער.

— יא, אמת.

— צו־ווארטען!

— שווייגט! פון די ערטער טאָר מען ניט ריידען. מיר ווייסען ניט, ווען ס'וועט קומען דער טאטע, און ווארטען איז ניט מעגליך. פיעלע האָבען נאָך היינט ביי נאכט א שטיקעל ארבייט. איך לעג פאָר אנהויבען די דעבאטען.

אאאאאח — ענטשולדיגט: עס שטערט זעהר די מוזיק און דאָס טופּען פון די טענצער.

— זאלען זיי טאנצען. די מוזיק איז גענוג שעהן, כדי צו בע־גייסטערען די רעדנער. וואס ווילט איהר עפּיס?

— איך וואלט געוואלט רעדען דער ערשטער. איך און מיין געעהרטער חבר דארפען היינט ביינאכט אויסקוילען א גאנצע משפחה. איהר פערשטעהט אליין, הער פארזיצענדער, אז דערויף דארף מען האָבען א סך צייט, און איך...

— איך פערשטעה. איהר האָט דאָס וואָרט.

דער רעדנער הויבט אָן מיט א זיס קול:

— געעהרטע פערזאמלונג! איך וועל זיך ניט איינשטעלען

זאָגען הויכע פערזאמלונג, ווייל אזוי ווי מיר געפינען זיך אין א קעלער...

— קירצער.

— איך פאָלג. ווען איך בין געבוירען געוואָרען...

דער פארזיצענדער, מיט כעס:

— איז געבוירען געוואָרען א נאַר. איהר דאַרף היינט אויס־קוילען א גאַנצע משפחה, און איהר הויבט דאָ אָן פון געבוירען אָן, ווי א מיטגליעד פון פארלאמענט.

— אבער די פארלאמענטס־מיטגליעדער האָבען דאָך אויך...

— איך בעט פאלגען. איבערהויפט לעג איך פאָר צו רעדען ניט מעהר ווי צוויי מינוט. ווער האָט א זייגער, איך האָב מיינעם פערגעסען אין דער היים.

איינער פון די מיטגליעדער נעהמט ארויס פון קעשענע צעהן זייגערס און לעגט זיי אויפ'ן טיש.

— אָט איז.

— א דאנק אייך. גענוג איינער. כדי ס'זאל ניט דויערען צו לאַנג, לעג איך פאָר אין די רעדעס זאָל מען נאָר פאָרלעגען מיט־לען פון צערשטערונג, די מאָטיווען זענען אלעמען בעקאַנט.

— ניין, ניט אלעמען. זאל מען רעדען.

— ס'אַרא טאַנצען! זיי וועלען, דאכט זיך, די פאָדלאָגע דורכברעכען איבער אונזערע קעפּ.

— זיי איז פרעהליך.

— ניש'קשה. באלד וועלען זיי וויינען.

— און מיר וועלען טאַנצען!

— שטילער! אלזאָ לעג איך פאָר: 2 מינוט וועגען די מאָטיווען פון דער צערשטערונג, 2 מינוט — וועגען די מיטלען. איך בעט רעדען.

א רעדנער מיט א טונקעלען פּנים רעדט דומפּ:

— מיר זענען הונגעריג, ווי הינד האָט מען אונז ארויסגעוואָר־

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

פען אין דער נאַכט אריין. מ׳האָט אונז בערויבט, צוגענומען אַלצ־דינג: אונזער כח, אונזער געזונד, אונזער פערשטאַנד, אונזער שעהנקייט...

— און זייערע ווייבער זענען שעהן!

— די מאַנסבילען אויך.

— שטילער!

— מיר האָבען ניט קיין בושה, קיין גאָט, קיין געוויסען, מיר האָבען ניט גאָר ניט אויף דער גאַנצער ערד. מיר זענען ערגער ווי בהמות, ווייל מיר זענען אמאָל מענשען געווען. איך לעג דעריי־בער פאָר (ווייזט ארויף): צערשטערען, פערניכטען, אויסמעקען פון דער וועלט. א מיטעל: פער׳סם׳ען זייער וואַסער־לייטונג.

— און וואו וועלען מיר נעהמען אזוי פיעל סם?

— מיר׳ן בעראַבעווען די אפּטייקען.

— נארישקייטען. מיר׳ן אַליין אויס׳פּגר׳ן.

— מיר׳ן טרינקען וואַסער פונ׳ם טייך. און אויב אפילו אויס׳פּגר׳ן...

— איך וויל ניט שטאַרבען.

— צום טייוועל! ס׳טויג ניט. דער נעקסטער!

אין דער נאָהענט הילכט דריי מאָל דער לאַנגער, הייזעריגער קלאַנג פונ׳ם האָרן, וועלכער זאָגט אָן, אז דער טויט געהט. אבער קיינער הערט איהם ניט. עס שטעהט אויף א רעדנער, אנ׳אַלטער מיט א רויטען געזיכט.

— איך האָב בעמערקט, אז דער גאַנצער כח זייערער (ווייזט ארויף) איז אין די ביכער. ווען א מענש לייענט איבער א סך ביכער, ווערט ער קלוג. און אז ער ווערט קלוג, הויבט ער אָן ראַ־בעווען און מען קען מיט איהם גאר ניט מאַכען. ער בעקומט אנ׳אַנ־דער פּנים, אנ׳אַנדער שפּראַך און אנדערע קליידער, און מיר בלייַ־בען ביי גאָר ניט, פון אונז שעפּט מען אויס דאַס לעבען ווי מיט א פּומפּ. דעריבער לעג איך פאָר: פערניכטען זייערע ביכער. איך האַס די ביכער. ווען איך זעה א בוך, וויל איך איהם שלאָגען,

שפייען איהם אין צורה, טרעטען מיט די פיס און שרייען: פאס־קודניק, פאסקודניק!

— אבער ווי זאל מען זיי פערניכטען.

— איהר זענט א נאר, הער רעדנער. זיי וועלען אבדרוקען נייע.

— נאך מעהר!

— ס'איז דא אזוי פיעל ביכער!

— שטילער! די אבשטימונג וועט זיין שפעטער. זאל רע־דען דער פאלגענדער רעדנער.

— איך לעג פאר...

— דער שכור, דער געוועזענער פארזיצענדער, פאלט פון דעם שטוהל. אין דער זעלבער מינוט געהט אריין דער טויט און זעצט זיך אויפ'ן פרייעם שטוהל. אויבען שפיעלט פרעהליך די מור־זיק און עמיצער א שעהנער געהט צו צום פענסטער און קוקט זיך איין גלאט אזוי אין דער פינסטערניש פון דער גאס.

ביי'ם ליכט קען מען זעהען גענוי דאס פנים פונ'ם טויט. עס איז קליין, טונקעל, טרוקען, מיט גרויסע פינסטערע אויגען־לע־כער און שטענדיג ארויסגעשטעלטע גרויסע ציינער, ווי די ווייסע קלאווישען פון א פארטעפיאן. דאס פנים איז זעהר רוהיג.

מען בעקוקט דעם שכור.

דער פארזיצענדער.

גע'פגר'ט. שלעפט איהם אוועק אין ווינקעל.

דעם טויטען קערפער שלעפט מען גראב אין ווינקעל אריין און ער ליעגט דארט די גאנצע צייט, ארויסגעשטעלט דעם קיי־ליכדיגען בויך, מיט די פאדעשוועס צו די צושויער.

— איך בעט פערנעהמען די ערטער. ווער ווייינט דאס?

— זיין געליעבטע.

— זיין געליעבטע? ליעבע פרוי, איהר האט געקענט ליעב

✣✣

האָבען אַט דעם חזיר? איך בעט אייך פונדעסטוועגען שווייגען. אז ניט וועל איך הייסען ארויספיהרען. שטיל!

— איך וועל מעהר ניט וויינען.

— זאָל דער רעדנער פאָרטזעצען.

— איך לעג פאָר, האָט קיין פּאַראיבעל ניט... אין שטאָדט איז דאָ א גארטען מיט ווילדע חיות, מיט טיגערן... איך לעג פאָר: צעברעכען די שטייגען און ארויסלאָזען די חיות.

— דאָס איז נאַריש. זיי האָבען ביקסען, הייזער, — איך וועט מען אויפפרעסען דעם ערשטען...

— איז כאָטש אנשרעקען.

— צו וואָס טויג דאָס?

— אזוי, ס'וואָלט גלאַט געווען פרעהליך. אחוץ דעם — ער רעדט מיט א צערטליך קול — קומען אין גארטען אריין זייערע קינדערלעך, זאָל מען כאָטש איין קינדעלע... אנ'עופה'לע... כ'וואָלט א בעלן געווען זעהען.

— דאָס וואָלט איך אויך געוואָלט זעהען.

— ס'געפעלט מיר.

ער שמאָרעט וויינענדיג מיט'ן נאָז און בעט:

— איין איינציגס... איין קינדעלע...

— ריכטיג! ריכטיג! מען דארף איהם נאָכגעבען, דעם אַלטען.

דער פאָרזיצענדער, צאָרניג:

— שווייגט! וואָס וועט אונז העלפען איין קינדעלע זייערס, אדער צעהן, אדער הונדערט. א כפּרה צערטליכע געפיהלען! מען דארף טהאָן ראַיעל. לעגט פאָר! לעגט עפּיס פאָר!

אלע קוקען זיך ארום צעמישט, קיינער קען ניט צוטראַכטען גאָר ניט. איינצעלנע אויסגעשרייען:

— שלאָגען זיי אין די גאַסען!

— און פּאָליציי?

— פערזאמלען זיך אין באנדעס און...
— מיר'ן פריהער איינער דעם אנדערען אבבייסען די קעפ.
— איך האב אנ'עצה! הערט. הערט זשע אוים! אנשטע־קען זיי מיט אונזערע קראנקהייטען.
— מיט סיפילים!
— טיפוס!
— כאלערע!

דער פארזיצענדער:

נארישקייטען! זיי האבען דאקטוירים. טויזענטער אונזערע ווערען פגר'ן ביז ס'וועט אומקומען איינער פון זיי. וואס זשע שווייגט איהר? קלערט עפים צו! שוין זשע זענען מיר אזוי הילפלאז.

— פערשאלטענע ביכער!
— וואס טהוט מען?
— זיי טאנצען.
— וואו זשע איז דער טאטע?
— מיר זענען קראפטלאז! פערפלוכטע! זיי טאנצען. וואו איז דער טאטע?

אלע, אחוץ דעם ט ו י ט, וועלכער בלייבט זיצען רוהיג, שפרינגען אויף פון זייערע ערטער. זיי מישען זיך איבער אלע צו־זאמען און בילדען איין הויפען צורודערטע, אויפגערעגט־בייזע קערפער, וועלכע שטרעקען די דראהענדע הענד צום נ'עדריגען, דריקענדען סופיט.

— פערפלוכטע!
— טאנצט! נור טאנצט!..
— מיר'ן קומען צו אייך. עפענט די טהירען, מיר'ן קומען צו אייך.
— מיר'ן אויסווערגען אייערע קינדער!
— פערפלוכטע!
— מיר'ן פערברענען אייערע ביכער!

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

— מיר'ן אייך ברייגנען אי סיפילים, אי כאָלערע, אי טיפוס!
— פערפלוכטע!

זיי שקריען מיט די צייהנער קראפטלאָז און בייז. עס קומט שנעל אריין דער קעניג הונגער.

— קינדער מיינע!

מיט א קרעכץ, א געוויין, א געיאָמער און א קוויטשעריי ווארפען זיך אלע צו איהם, רינגלען איהם ארום, פאלען אויף די קניע באפען איהם פאר די הענד. עס בילדעט זיך א גרופע: אינמיטען, העכער פון אלע, שטעהט דער קעניג הונגער, ביי זיינע פיס וואלגערן זיך די אומגליקליכע, ציטערען און דריקען זיך צו איהם. אָן א זייט בלייבען נאָר דער טויט און דער פארזיצענדער חוליגאַן. ער זיצט, די הענד צונויפגעלעגט אויף דער ברוסט, און קוקט מיט פעראכטונג אויף די קרעכצענדיגע.

דער קעניג הונגער.

קינדער מיינע! געליעבטע קינדער פון הונגער! אומגליקליכע קינדער מיינע!

ער גלעט די געבויגענע קעפ. אלעם קרעכצט. איינער טהיילט זיך אָב פון די איבעריגע, ער רעדט שטעהענדיג אויף די קניע, מיט א שטאמלענדיגער שפראך, ווי א קינד:

— טאטע! זעה, וואס זיי האָבען פון מיר געמאכט! טאטע!

ער וויינט, ווישט די טרעהרען און רעדט ווייטער:

— טאטע, זעה, וואס פאר א נידעריגען שטערען איך האָב. איך קען ניט טראכטען, טאטע. בעטראכט מיינע אויגען — ס'איז דען אויגען? מען זעהט דורך זיי גאר נישט. זיי האָבען מיך אויפגעגעסען איינגאנצען, טאטע. ס'איז פון מיר גאר ניט געבליעבען, טאטע. איך וועל וויינען. (ער וויינט.)

— פאר וואס וויינט נאר ער? מיר זענען דען בעסער?
— איהם איז דען ערגער ווי אונז?
— לאמיר וויינען! לאָמיר וויינען!
— לעג ארויף דיין האנד אויף מיין אומגליקליכען קאָפּ.
כ'האָב א קינד געטויט.
— האלובע מיך, טאטע!
— האָב רחמנות אויף מיר!
— א קלאָג איז צו אונז! — עלענדע זענען מיר!

זיי וויינען. און פערדעקענדיג דאָס געזיכט מיט די הענד, וויינט אויך דער קעניג הונגער.

— נעבאך! עלענדע קינדער — זאגט ער דורך טרעהרען.

די ווערטער, די קרעכצען, די געוויינען גיעסען זיך אלע צו־זאמען אין איין לאנגען יאָמער־געשריי, פול מיט אונערטרעגליכען, אונטעראירדישען צער. די מוזיק אויבען איז, דאכט זיך, געוואָ־רען דערשראָקען: זי שפּיעלט טרויעריג און שעהן. און מיט פער־אכטונג, די הענד צונויפגעלעגט אויף דער ברוסט, קוקט אויף די וויינענדע דער פּאָרזיצענדער.

— גענוג, קינדער! — זאָגט דער קעניג הונגער, קומענדיג צו זיך.

דער פּאָרזיצענדער.

יא. איך רעבען, גענוג שוין קינות. טאטע, האָב ניט קיין פאראיבעל, דו האָסט אריינגעטראָגען א אונארדנונג אין אונזער פערזאמלונג. מיר זענען פערנומענע מענשען, מיר האָבען ניט קיין צייט.

דער קעניג הונגער.

פיהרט ווייטער די פערזאמלונג.

דער פּאָרזיצענדער.

דיר קומט דער פּלאץ פון'ם פארזיצענדען.

— בלייב דו. איך וועל זיין נאָר א גאסט.

✤✤

דעם פארזיצענדען טהוט עס הנאה, ער נויגט זיך פאר'ן קעניג הונגער.

— אויף די ערטער! שטילער! ווער ווייגט עס נאך דארט? פערשטאפּ דיינע קוואלען, אז ניט טרייב איך ארויס!

אלע פערנעהמען, זיפצענדיג, זייערע ערטער. דער קעניג הונגער זעצט זיך נעבען טויט.

— דו ביזט אויך דא?

דער טויט.

יא, — געהאט צו טהאן.

דער קעניג הונגער.

אט דער, אין ווינקעל?

דער טויט.

יא, — און ס'וועט נאך זיין.

דער פארזיצענדער קלינגט.

— די פערזאמלונג פיהרט זיך ווייטער. — ווער וויל רעדען?

עס שטעהט אויף א קליין מיידעלע; זי האט א בלייך פּנים און גרויסע שווארצע טרויעריגע אויגען. זי פעררייכט דאס קלייד. איידער עס הויבט זיך אן איהר רעדע, וועלכע ווערט געהאלטען מיט א זעהר זאנפטען קינדערשען קול'כעל, אבער אהן שעמעוודיג־קייט, זעהט זיך אויבען, פאר דעם בעלויכטענעם פענסטער, אזא מין סצענע: די גארדינען ווערען אבגערוקט אן א זייט און עס געהען אריין צוויי: א יונג מיידעל מיט א נאקעטען שטאלצען האלז, אויף וועלכען עס זיצט לייכט און ערנסט א שעהנער פער־טראכטער קאפּ, און א מינוט נאך איהר א פערליעבטער יונגער מאן. ער ליעבט זי מיט א שעהנער און ציכטיגער ליעבע, און זי?... אפשר יא, אפשר ניין. זי שטעהט, די אויגען אראבגעלאזט, וואונ־דער־שעהן און שטאלץ, און פּלוצים דריקט זי איהם שנעל די האנד, און פּלוצים בעלויכט זי איהם, ווי די זון, מיט א קורצען שיין פון איהר בליק, און גליטשט זיך ארויס ווי א ליכטיגער שאטען פון

הינטער די העלע גארדינען. ער שטרעקט די הענד נאָך איהר; נאָר זי איז ניטאָ; און פול מיט גליק, און אפשר מיט טרעהרען, ווענדט ער צו דער פינסטערער גאַס זיין בלייך געווארענעם פּנים.

דאס איז אויבען. און אונטען:

דער פארזיצענדער.

דו, א מיידעלע? דו קענסט דען רעדען?

דאָס מיידעלע.

יא. איך וויל אויך זאָגען. מעג איך?

דער קעניג הונגער, פערוואונדערט.

וועמעס קינד איז דאָס?

— איך בין ניט קיין קינד. א זונה בין איך. איך בין אלט צוועלף יאהר, כאָטש אויסזעהען זעה איך אויס עלטער. אז איך בין אלט געוועזען צעהן יאהר, האָט די מאמע מיך פערקויפט א פּריץ (ווייזט ארויף) פאר צוואנציג רובעל און א פלאַש בראַנפען. דאס איז ניט טייער, די מאמע איז אבער נאָך דעמאָלט ניט געוועזען גע־ניט, ווארום איך בין די ערשטע טאָכטער ביי איהר; פאר די איבעריגע האָט זי שוין גענומען א העכערען מקח. די שוועסטער ליזעצקע, וועלכע האָט זיך אויפגעהאנגען...

דער פארזיצענדער.

רעד נאָר וועגען זיך. מיר האָבען ניט קיין צייט.

דאָס מיידעלע.

גוט — דאס האָב איך גלאט אזוי זיך דערמאָנט. פון דעמאָלט אָן, שוין צוויי יאהר, האָב איך יעדע נאכט איינעם אדער צוויי מע־נער, אבער צאהלען צאהלען זיי ניט טייער. דאס געלט מיינס — ס'איז דאָך מיין געלט — גיעב איך אָב מיין געליעבטען, כדי ער זאל מיך ניט שלאָגען אזוי שטארק...

עס שטעהט אויף א געזונטער פראנט מיט געלע וואָנסען און פּאַטאַקעוועט איהר מיט א הייזעריגער שטים און מיט א צופריע־דען שמייכעלע:

— דאס בין איך.
— שטיל! רעד ווייטער, נאָר קירצער.
— וואס נאָך? יא. איך האָב זיך אויסגעלערנט טרינקען בראַנפען; איך בין איצט אויך שכור, אבער ניט זעהר. וואָס זשע נאָך? יא. עס טהוט מיר זעהר וועה דאָס הארץ.

זי זעצט זיך. דער קעניג הונגער הויבט אויף זיין קאָפּ ארויף און רעדט שטיל, צווישען די צעהן:

— איהר הערט, פערפלוכטע!

דער פארזיצענדער.

שטעה אויף, מיידעלע. וואס וואלסטו געוואלט מען זאל זיי טהאָן?

דאס מיידעלע שטעהט אויף און פעררירכט דאס קלייד:

— איך וואלט געוואלט, אז זיי זאלען אלע שטארבען.

דער קעניג הונגער בויגט זיך אן צום ט ו י ט:

— דו ביזט צופריעדען?

דער טויט.

— יא — דאָס געפעלט מיר.

דער פארזיצענדער.

איך בין איבערצייגט, אז דאס מיידעלע האָט אויסגעדריקט אונזער אלעמענס וואונש. כדי ס'זאל ניט ארויסקומען (מיט גאוה) קיין יורידישער טעות, וועל איך באַלאָטירען די פראגע. ווער עס וויל, אז זיי זאָלען בלייבען לעבען, דער זאָל אויפשטעהען.

אלע זיצען. איין שכור'ער פרופט אויפשטעהען, נאר מען ערקלערט איהם די זאך, בלייבט ער זיצען.

— אזוי. גוט. איצט בעט איך אויפשטעהן די וועלכע זענען פאר טויט.

אלע שטעהען אויף מיט א מאָל, דער קעניג הונגער און דער טויט שטעהען אויך אויף.

— אזוי. אלע זענען אויפגעשטאנען.

א שטרענגע פינסטערע שטים:

— ניין, ניט אלע. אָן יענעם זעהט איהר?

ער ווייזט אן אין ווינקעל אויפ'ן טויטען. אלע קוקען אין יע־נער זייט אריין. איינגעהאלטענע פינסטערע שטימען:

— ער מוז אויך אבשטימען. טויטע האָבען אויך א שטים. הויבט איהם אויף! הויבט אויף דעם טויטען.

דריי געהען צו און הויבען אויף דעם טויטען און האלטען איהם שטעהענדיגערהייט. אלע שווייגען. דעם טויטענס קאָפּ הענגט אראָב און די קניע זענען געבויגען.

א שטרענגע שטים:

איצט שוין אלע.

דער פּרעזידענט רעדט פייערליך, די האנד אויסגעשטרעקט ארויף:

— פער'משפט צום טויט איינשטימיג. איך בעט זיך זעצען.

דער קעניג הונגער, שטיל צום ט ו י ט:

— הער, דו, דו טאָרסט ניט אויפשטעהן.

דער טויט.

— לאָז צורוה.

דער פּרעזידענט.

כדי מען זאל אבער דערנאָך ניט האָבען צו אונז קיין טענות, אז מיר האָבען געהאנדעלט געגען דער גערעכטיגקייט און האָבען ניט אבגעהיט אלע נויטיגע...

ער האקט זיך איבער. דער קעניג הונגער זאגט איהם אונטער:

— ... פּראָצעסועלע פאָרמען...

— יא, איך ווייס. אלע נויטיגע פּראָצעסועלע פאָרמען, דערי־בער וואָלט איך פאָרגעלעגט וועמען ניט איז פון דער פערזאמלונג, ער זאל אויף זיך נעהמען זיי פערטהיידיגען. ווער וויל?

אלע שווייגען. פערדעכטיג און פינסטער קוקען זיי איינער

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

אויפ׳ן צווייטען. און פּלוצלונג שיסען אַלע אויס א פרעהליך געלעכטער.

שטימען:

— א חכם!
— פערטהיידיג אליין.
— צום טייוועל זיי אלע!
— שטיל! הייסט עס, קיינער פון די פערזאמעלטע...

עס שטעהט אויף אַן׳אַלטע שכור׳ע פרוי.

איך מיין מכח די קינדער. די קינדער וואלט מען ניט געדארפט טויטען.

עס שפּרינגט אויף א מאָגערער, מיט לאנגע האָר, מיט א קורצזיכטיגען ווילדען בליק:

— יא, יא, די קינדער ניט טשעפּען, נאכדעם ניט טשעפּען די ווייבער. נו וואס זשע וועט זיין? די קינדער וועלען אונטערוואקסען, די ווייבער וועלען אָנפלאָדען נייע. יא. אָט דאָס, מוהמעניו, הייסט הומאניזם; אונז, מוהמעניו, פּאסט עס ניט צו דער צורה... די קינדער!

— נו, אז ניט, איז ניט. ווי איהר ווילט. איך האָב געמיינט... אפשר זענט איהר טאקי גערעכט. איך ווייס ניט.

עס שטעהט אויף איינער אהן צייהן, א געגאָלטער. דאָס פּנים און דער הוילער שארבען זענען העל־רויט, די נאָז טונקעל־בלאה; ער רעדט מיט א גנבה׳שער ווייכקייט:

— אלס געוועזענער יוריסט וועל איך מיר פונדעסטוועגען ערלויבען פאָרלעגען דער געעהרטער פערזאמלונג אזא מין פאַל. עס טרעפט אמאָל, אין דער צייט פון די אזוי גערופענע אונרוהען אדער פאָלקס־בעוועגונגען, אז א מיטגליעד פון אונזער געעהרטער קאָרפּאראציאָן בעקומט א נאָהענטע קרובה׳שאפט מיט איינער פון יע־

נע (ווייזט ארויף) דאמען אדער פריילינס, און דער פועל־יוצא דער־
פון איז א קינד. ווי זשע רעכענט די פערזאמלונג זאָל מען זיך בע־
געהן מיט די קינדער, וועלכע ווערען געבוירען פון אזא אונגליקלי־
כען שידוך? טויטען זיי אדער לאָזען, ווי זאָגט מען עס, אויף
זאָמען? אויף צו בעפרוכפערען, ווי זאגט מען, די מענשהייט?

דער פארזיצענדער.

דאס איז צום ענין ניט שייך.

— ענטשולדיגט. אלס געוועזענער יוריסט...

ער זעצט זיך.

דער פארזיצענדער.

איצט איז די פראגע וועגען מיטלען. דאָ האָבען מיר, פאטער, ארומגעקלעהרט די פראגע וועגען די מיטלען, ווי צו צערשטערען... וואו זשע איז דער, וואס דארף אויסקוילען א משפחה?

— ער בעט זעהר מען זאָל איהם פערצייהען. ער איז אוועק.

— און אָקארשט פאר דיין קומען, פאטער, זענען מיר דער־גאנגען צו זעהר א טרויעריגען רעזולטאט: מיר זענען קראפט־לאָז!

דער קעניג הונגער.

איהר זענט קראפטלאָז?

— יא.

— איהר? ווער זשע איז דאָן שטארק, אז ניט איהר, גע־ליעבטע קינדער פון הונגער?

— מיר קענען זיי אבער ניט טהאָן אזא שלעכטס, וואס ס'זאָל האָבען א ממשות.

— איהר? קען דאָס זיין? ווייסט איהר דען ניט, אז אפילו איצט, ווען איהר זיצט אזוי רוהיג אין קעלער, זענט איהר די פינסטערניש, וועלכע לעשט זייער ליכט? ווייסט איהר דען ניט, אז אפילו שטארבענדיג, לאָזט איהר ארויס פון זיך אזא גיפט, וועלכער פער'סם'ט זיי? אויף אייך איז געבויעט די שטאדט, איהר

זענט דער פונדאמענט פון זייער לעבען, איהר זענט א זומפּיגע דעקע אָן וועלכער עס קלעפּען זיך זייערע פּיס. א גרויסע פינסטער־ניש דערהויבט זיך פון אייך, קינדער מיינע, און האָפנונגסלאָז ציטערען אין דער פינסטערניש זייערע עלענדע ליכטלעך.

דער פּאָרזיצענדער, שטאָלץ:

דאָס איז ריכטיג.

שטימען:

— דאָס איז אבער נאָך ווייניג!

— מען דארף פון זיי מאכען אנ׳עק!

— פער׳סם׳ען דאָס וואסער!

— גיעב אונז, אנ׳עצה. מיר האָבען ארויסגעקוקט אויף דיר. פערלאָז ניט דיינע קינדער.

— אז ניט — א כפּרה אלצדינג!

— זיי טאנצען, די כלבים!

דער פּארזיצענדער.

שטיל זאל זיין!

דער קעניג הונגער שטעהט אויף.

ס׳איז אייך ווייניג? איהר זענט ניט צופריעדען? טא הערט זשע, מיינע קינדער: עס גרייט זיך א גרויסער אויפשטאנד!

שטימען:

— אָהאָ!

— אנ׳אויפשטאנד!

— א פרעהליכער יום־טוב! חאָ־אָ־אָ!

— גרייט אָן שוועבעלעך!

— שוועבעלעך איז וואָלוועל!

— א פאָלקס־אומגליק. אין אזא צייט צאהלט מען ניט קיין סטראכאָווקע.

— פייער!

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

— ס׳וועט זיין ליכטיג! האַ־האַ!

— שווייגט!

— ווארט אבער צו, מיינע קינדער. ס׳וועלן פערשווינדען די קורצע טעג און דער צייט־גייסט וועט ווידער אנהויבען קלינגען אינ׳ם גרויסען שטורעם־גלאָק. דעמאלט — אין גאַס אריין, אין די הייזער אריין!

זיי אָכצען אזש פאר שמחה און קריצען מיט די ציינער.

— שווייגט!

— דערווייל קריכט ארויס ביסלעכווייז פון אייערע לעכער. ווי שווארצע שאָטענס גליטשט זיך שטילערהייט צווישען פאָלק — און פערגעוואלטיגט, הרג׳ט, גנב׳ט און לאכט, און לאכט! ס׳איז שוין גרינגער געוואָרען צו אָטהעמען, עס שמעקט שוין דער ריח פון שריפה, און די חיה קריכט ארויס אויף דער פרייער וועלט — די נאכט איז נאָהענט. ווען דער שטורעם־גלאָק וועט אנהויבען קלינגען...

א גרויסע אונארדנונג. פרייד־געשרייען, געפילדער, ווילדע פייפעריי. איינער דרעהט זיך ווי א דריידעל, אין ווילדער אויפרעגונג, פאלט אויף דער פאָדלאָגע און לאכט. ס׳לאָזען זיך הערען איינצעלנע געשרייען:

— אין גאַס אריין!

— אין די הייזער! אין זייערע שלאָף־צימער!

— מיר׳ן ברענען! ברענען!

א פרעהליכער קוויטש.

— איך וועל עסען א סך.

א לאנגער ווילדער פייף.

— מיר׳ן פערברענען די גאנצע שטאָדט.

— די ביכער, די ביכער! פאר אלעמען — די ביכער!

— מיר'ן פלעטען די קעפ.
— ס'זאָל לעבען דער טויט!

דער טויט שטעהט אויף און פערנויגט זיך מיט אנ'ערנסטער מינע.

— אהא, פערפלוכטע! דערוואַרט זיך! — זיי טאַנצען!
— שוין באלד, שוין באלד.
— אהין, ארויף.

ווי א וואלד פון טרוקענע בוימער הויבען זיך אין דער הויך די דארע דראָהענדע הענד.
מען פייפט.

— דערוואַרט זיך. אהא! שוין באלד, שוין באלד, טאַנצט, פערפלוכטע!
— ס'זאָל לעבען דער טויט!

דער טויט שטעהט ווידער אויף און פערנויגט זיך מיט אנ'ערנסטער מינע. דאָס געפילדער איז אביסעל קלענער. דער פאָר־זיצענדער, מיט גליהענדע העל־רויטע פלעקען אויף די באקען, דריקט דעם קעניג הונגער די האנד.

— א דאנק, פאָטער.
— א היבש ביסעל בלוט ועסטו פערגיסען, זוהנעניו.
— יא, פאָטער, ניט ווייניג.
— טאַנצען!

א פרעהליכער קוויטש:

— איך וועל עסען א סך!
— טאַנצען קומט!
— מוזיק אומזיסט.
— דערווייל אונטען.
— נאכדעם ארויף אהין!

✤✤

דער פאַרזיצענדער שפּרינגט אַרויף אויף אַ פּעסעל און שרייט:
— שטיל זאָל זיין!

ער רעדט ווייטער, מיט אַ בעריהמערישער גאוה:

— מיינע הערען, אזוי ווי מיר האָבען אומזיסטע מוזיק, לעג איך פאָר צו מאַכען אַ שטיקעל באַל. איך רעכען, אז די דאַמען און פריילינס, וואס זענען דאָ, וועלען איינוויליגען אויף מיין פאָר־שלאַג.

א פרעהליך קוויטשעריי.

— און וואס זאגסטו, טאַטע?

דער קעניג הונגער הויך.

יא. זיי טאַנצען — לאָמיר אויך טאַנצען. לאָמיר צונויפגיסען אונזער פרעהליכקייט מיט זייערער — זאָל טאַנצען די גאַנצע ערד! טאַנצט, קינדער!

— טאַנצען! נעהמט די דאַמען!

— זאָל דער פאַטער דיריזשירען.

— פאַטער, פאַטער!

מען לאַכט. מ'האָט אַרומגערינגעלט דעם פאַטער. ער לאַכט אויך און זאָגט זיך אָלץ אָב מיט אַ גוטמוטיגער מינע. עס קומט אויס עפּיס ווילד־עהנליך צו אַ געוועהנליכער בעל־הבית'ישער חתונה.

— איך קען אבער גאר ניט טאַנצען. אויף מיין וואָרט! וואַרט אויס, וואַרט נאָר אויס, וואוהין שלעפּט איהר דעם אלטען.

— קום! פאַטער! פאַטער!

— אפשר וועט ער? — ער ווייזט אויפ'ן טויט.

דער טויט, (בייז:)

לאָז מיך צו רוה!

— טאַטינקע, הארציגער, נו קום זשע, טהו אונז צוליעב!

— נו, גוט. פאר א דאַמע ווילסטו געהן?

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

דער טויט.

דאָס — יאַ.

די מוזיק אויבען שפּיעלט אַ קאַדריל. מען שטעלט זיך אויס פּאַרוויז. דער קעניג הונגער מיט'ן טויט.

דער קעניג הונגער.

Retournez. La premiere figure! Commencez.*)

דער טאַנץ פון'ם טויט.

אַלע טאַנצען שקציש, מיט משונה'דיגע העויות, מיטווילדע אויסגעשרייען; מען טופּעט שטאַרק מיט די פיס. ד ע ר ט ו י ט מאַכט פריהער אַ ביסעל חן און לעגט מאַט זיין קאָפּ אויפ'ן אַקסעל פון'ם קאַוואַליער, ביסלעכווייז ווערט ער אויפגעלעגט און הויבט אָן קאַנקאַנירען.

דער קעניג הונגער.

טויט, אַ סאָלאָ!

אַלע בלייבען שטעהען, לאַכענדיג, און דער טויט הויבט אָן טאַנצען אַליין. מיט אַנ'ערנסטען אונבעוועגליכען פּנים, די ווייסע צייהן אויסגעשטעלט, שטעהט ער אויף איין אָרט און מאַכט מיט די פיס צוויי דריי בעוועגונגען און מיט'ן קערפּער אַ פּריסאַדקע; קענטיג, ער איז פרעהליך־לעבעדיג. דעם קאָפּ דרעהט ער קאָקעטיש און לאַנגזאַם פון איין זייט אויף דער צווייטער, אַקוראַט ווי ער בעגיסט אַלעמען מיט'ן טויטען ליכט פון זיינע ווייסע אויסגעשטערטע צייהן. פון אָנפאַנג קוקען אויף איהם אַלע מיט געלעכטער און אַפּלאָדירען צוביסלעך, אבער וואס ווייטער פערכאַפּט זיי אַלע מאָל מעהר אַ אונבעשטימטער שרעק און לעשט אויס אַלע שטימען. ס'ווערט שטיל. פּלוצלונג פלאַמט אויף אין ווינקעל אַ צאַנקערייי. מען שרייט; ד ע ר פ אַ ר ז י צ ע נ ד ע ר, מיט כעס:

---

*) אויסקירעווען זיך. די ערשטע פיגור! הויבט אָן.

— לאז אב מיין דאמע!
— דא איז ניטא קיין „מיין דאמע“.
— אוועק פון דאנען.
— שלאגען גאר. — אהא, אזוי איז די מעשה! — דו ווערסט געטויט. ווער איז דאס? ווארט! ווארט!

אנ׳אלגעמיין געשלעג. הויכע קרעכצען און קללות. עמיצער פאלט שווער צו דער ערד. פון צווישען דעם עולם געהט ארויס דער פארזיצענדער מיט בייז־אויסגעשטרעקטע צייהן, אין דער האנד א מעסער. ער קוקט זיך אום.

— נו, ווער וויל נאך? קומט אהער.
— א נאר וועל איך זיין?
— וועמען איז דאס, הא?

דער קעניג הונגער, ווי אנ׳עלטערער צו א יונגערן.

גאר די אייגענע, ווי קומט דאס?

דער פארזיצענדער מיט א בלאסען שמייכעל:

ס׳איז דען דא אייגענע?

דער טויט, מיט א פינסטערער מינע:

יא — מען לאזט אפילו ניט געהן א טענצעל.

געשרייען:

טאנצען! שלעפט איהם אן א זייט. א־הא־הא־הא!

אונארדנונג, אונזיניגע אויסגעשרייען, א געפילדער, א ווילדע, לאנג־דויערנדיגע פייפעריי.

דער פארהאנג פאלט.

דאָס דריטע בילד.

דער משפט איבער די הונגעריגע.

דער אויסזעהען פון א געריכטס־זאַל. לינקס, אביסעל אָן א זייט, זיצען ביי'ם טיש די ריכטער, אזוי אז די צושויער קענען נאר זעהען זייער פּראָפיל. דער טיש שטעהט אויף א בימה און איז איבערגעדעקט מיט שווארצען געוואנט; די סימבאָלען פונ'ם משפט: א נאקעטער אבגעניצטער שארבען, אביסעל פער־קאפּעט מיט טינט און מיט חלב, א קליינע נאָכגעמאַכטע ענגלישע תליה, און א הויכע פיערעקדיגע קוואָרט־בוטעל מיט בלוט־רויטען וויין. ר י כ ט ע ר איז פאראן פינף, פאָרזיצענדער איז דער קעניג הונגער; אנגעטהאָן זענען אלע ריכטער אין שווארצע לאנגע מאנטלען און גרויסע געפּודרעטע פּאַרוקען. די צוויי, וואס זיצען רעכטס און לינקס פונ'ם קעניג הונגער, זענען אויסער־געוועהנליך לאנג און מאָגער, מיט לאנגע אומגעלומפּערט אויס־געצויגענע פּנים'ער; די מיילער זייערע זעהען אויס ווי אנ'־איבערגעקעהרט V די איבעריגע צוויי זענען אויסערגעוועהנליך דיק, ווי די פעסלעך, שלעפעריג, און מיילער האָבען זיי קיילעכדיגע, ווי דאָס מויל פון א פערשנורעוועט בייטעלע.

אונטען, בי א טישעל, זיצט איינגעבויגען דער סעקרעטאר מיט אן אונגעוועהנליך גרויסער געגנזענער פעדער. ביי דער הינטער־שטער וואנד, אויף א בימה, שטעהט א שטענדער, און פאר איהם זיצט אונבעוועגליך דער טויט.

דער גאנצער רעכטער ווינקעל פון דער סצענע, נעהענטער אהער, איז אבגעטהיילט פון די ריכטער דורך א נידעריגע פּאַ־

רענטשע; דאָרט, אויף בעקוועמע בענק און פאָטעלען, זיצען די צ ו ש ו י ע ר, אלע אנגעטהאן ווי אויף א באַל: די פרויען אין רייכע קליידער, שטארק דעקאָלטירט, אויסגעפוצט אין ציהרונג: דימענטענע בראָשען, בריליאנטענע דיאַדעמען, גאָלד; ביי אייר נער, דער מיליאנערשע, זענען די פינגער בעדעקט מיט פינגערלעך ביז די נעגעל; נאָר איין מיידעל איז אנגעטהאן איינפאך, הגם אויך דעקאָלטירט, אין א שווארץ קלייד אָהן א שום פערציהרונג.

די ווייבער בכלל זענען שעהן און לויטער, אחוץ צוויי אלטע, וואָס זענען אויך פרעכטיג געקליידט, איינע פון זיי אין העל־רויטע קליידער.

די מענער זענען אנגעטהאָן אין פראקען און סורדוטען, ריין אבגעגאָלט און פערקאמט ביי'ם פאריקמאכער; זיי זענען זויבער און פיין. ד ע ר פ ר אָ פ ע ס אָ ר, צום ביישפיעל, האָט גראָהע לאָקען, ווייסע ווי שנעע, און זעהט בכלל אוים ווי א פאָטריאַרך. ס'איז פאראן דיקע; איינער פון זיי, מיט אן אונגעהייער גרויסען בויך, קריכט קוים אריין אין פאָטעל, און אלע ווילע ווערט ער אנשלאָפען. פאראן דריי יונגע לייט: איינער, א נארישער, מיט א מאָנאָקל און מיט אנ'אויסדרוק פון ענטציקונג אויפ'ן פרישטשעוואטען פנים; דער אנדערער, א גלייכגילטיגער, מיט אזא מינע, אקוראט ווי ס'האָט איהם שוין אלצדינג דערעסען; דער דריטער, מיט גערדיכטע שווארצע האָר, מיט א דעמאָנישען אויסזעהען און מיט א שטעמפעל פון וועלט־שמערץ אויפ'ן פנים.

די אלע אייגענשאפטען: מאָגערקייט און פעטקייט, שעהנקייט און מיאוס'קייט, זענען ענטוויקעלט ביז'ן העכסטען גראד.

ווען דער פאָרהאנג ווערט אויפגעהויבען, שטעהט אויף פון זיין אָרט דער קעניג הונגער און נאָך איהם די איבעריגע ריכטער און פערנייגען זיך מיט אָבשיי פריהער פאר'ן טויט, וועלכער טהוט בייז א שאָקעל מיט'ן קאָפּ, נאכדעם פאר די צושויער.

דער קעניג הונגער.

געעהרטע דאמען און הערען! ערלויבט מיר צו בעגריסען

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

אייך אין דעם דאָזיגען זאָל פון גערעכטען משפט. לויט אייער ווי־לען, וועלכער איז פאר אונז א געזעץ...

ער פערנייגט זיך און קוקט אויף זיינע חברים, — יענע פער־נייגען זיך איינער נאכ׳ן אנדערען און זאָגען־נאָך יעדערער בע־זונדער:

— א געזעץ.
— א געזעץ.
— א געזעץ.
— א געזעץ.

דער קעניג הונגער רעדט וויטער:

...וועלכער איז פאר אונז א געזעץ, האָבען מיר זיך פערזאַ־מעלט אהער, כדי צו משפט׳ן די הונגעריגע. צוליעב דעם האָבען מיר אנגעטהאָן מאנטלען און פאָרוקען, אוועקגעשטעלט א טיש, ארויפגעקראכען אויף א בימה און אונטען אוועקגעזעצט א סעקרע־טאר מיט א גרויסער גענזענער פעדער. (ד ע ר ס ע ק ר ע ט א ר פערנייגט זיך שנעל.) ער איז א געדונגענער, און אָבוואָהל קיין שטימע ביי׳ם משפט׳ן האָט ער ניט, נאָר טעות׳ן אין די פראָטאָ־קאָלען מאכט ער ניט זעלטען. עס טרעפט אמאָל, אז פון די דאָזיגע טעות׳ן האָבען מיר גרויסע עָגמת־נפש, אמאָל אבער טרעפט — ווייל אלצדינג טהוט זיך אויף ד ע ר וועלט מיט נסים — (דער גלח, וועלכער זיצט צווישען די צושויער, גיט א פרומען זיפץ און הויבט אויף די אויגען צום באַלקען.) — אז די טעות׳ן ווערען א קוואַל פון נייעם רעכט. וואס דאס הייסט, וועט אייך, מיינע דאַ־מען, ערקלערען דער הערר פראָפעסאר, וועלכען איך האָב די עהרע צו זעהען אין אייער געשעצטער געזעלשאפט. איצט וועלען מיר זיך נעהמען צום משפט.

זיי זעצען זיך.

— פיהרט אריין דעם ערשטען הונגעריגען.

די צושויער רערען צווישען זיך.

— ווי גרויסארטיג!

— אין די מאַנטלען און די פּארוקען זעהען זיי אויס אזוי שטרענג. ס'איז זיי גאָר ניט צו דערקענען.

— אזוי דאַרף מען. פאר'ן משפט מוז מען האָבען דרך־ארץ.

— מאַמע, צו וואס דאַרף מען דעם שאַרבען און די תליה?

דער פּראָפעסאָר: דאס איז סימבאָלען, מיין קינד. אין ענגלאנד...

— זעהט, ס'אַרא נאָז אָט דער ריכטער האָט, פּונקט ווי דער עק פון א הינטישען ווידעל. אויף מיין וואָרט, ער האָט איהם אב־געלעקט מיט דער צונג.

— איהר זענט א ליץ, יונגער מאַן. אין אייערע יאהרען דאַרף מען האָבען אָבשיי פאר דעם געריכט.

— איך זאג דען, חלילה, עפּיס געגען דעם געריכט. איך זאג נאָר, אז ער האָט אזא שעהנע נאָז!

— ס'איז ניט וויכטיג, וואָס פאר א נאָז דער ריכטער האָט. ס'איז וויכטיג, אז ער זאל משפט'ן מיט גערעכטיגקייט און ניט שוינען די הונגעריגע.

— אז ניט וועלען מיר נעהמען אנדערע. זיי ווייסען דאָס.

— דעם געריכט דאַרף מען אבגעבען כבוד.

— דער געריכט — דאָס זענען מיר. דעם געריכט דאַרף מען אבגעבען כבוד.

— אַי איז דאָס אינטערעסאַנט! פּונקט ווי א טהעאַטער.

דער דיקער (ערוואכט פון שלאָף):

דעם וויפיעלטען משפט מען?

— נאָך ניט אנגעהויבען, אייער עקסעלענץ.

— וואס זשע מאַכען זיי שיהות!

— מען פיהרט! — מען פיהרט! — אַי איז דאָס אינטע־רעסאַנט! ס'אַרא צורה! — מאַמע, ער בייסט ניט? — האָב ניט

מורא, מיין קינד, ער געהט אין א שטארקען מויל־שלאָס. הערט!
— הערט! — אי, ווי אינטערעסאנט!

מען פיהרט אריין דעם ערשטען הונגעריגען — אנ׳אבגעריסע־נעם אלטען מיט קראנקע פיס. אויפ׳ן פנים א דראָטענער מויל־שלאָס.

דער קעניג הונגער.

טהוט אויס דעם הונגעריגען דעם מויל־שלאָס. — הונגעריגער, וואס האָסטו געטהאָן?

דער אלטער (רעדט מיט א שוואך קול): גע׳גנב׳ט.

— וויפיעל האָסטו גע׳גנב׳ט?

— איך האָב גע׳גנב׳ט א ברויט פון 5 פונט, נאָר מ׳האָט עס ביי מיר אבגענומען. איך האָב אבגעריסען נאָר א קליין שטי־קעלע. זייט מיר מוחל, איך וועל שוין מעהר ניט.

— וואס זשע, — האָסט בעקומען א רייכע ירושה? אדער ווילסט שוין ניט עסען?

— ניין, איך וויל. מ׳האָט עס אבגענומען. כ׳האָב אבגעבי־סען נאר א קליין שטיקעל...

— איז ווי אזוי ועסטו מעהר ניט גנב׳נען? פאר וואס האָסטו ניט געארבייט?

— ניטאָ קיין ארבייט.

דער פערהער ציהט זיך ווייטער. די צ ו ש ו י ע ר רעדען צווישען זיך.

— אזא אומגליקליכען משפט מען נאָך! מיין נשמה קאָכט אין מיר פאר צאָרען און פעראכטונג צו דער מענשהייט...

— לאָז צורוה. וואס געהט דאָס דיך אָן.

— אבער בעטראכט זיך נאָר!

— דו פריזירסט דיינע האָר, אדער זיי גרייזלען זיך פון זיך?

— אביסעל.

— און ביי מיר קריכען אויס די האָר. בעטראכט נאָר: סך־הכל בין איך אלט 24 יאהר!

✤✤✤

ד ע ר פ ר א פ ע ס א ר: דאָס שטראָף־רעכט, געעהרטע פרוי, ווערט געטהיילט אויף צוויי טהייל: דעם ערשטען און דעם צווייטען. אין דעם ערשטען רעדט זיך וועגען פערברעכענס בכלל, און איך מוז מודה זיין, אז דער טהייל איז זעהר ווייניג בעארבייט.

— א שאָד, כלעבען! פאר וואס זשע בעארבייט מען איהם ניט?

— ווייל די וויסענשאפט איז נאָך עד היום ניט דערגאנגען, וואס איז דער עצם פון א פערברעכען. דערפאר אין דעם צווייטען טהייל, וואו עס רעדט זיך וועגען איינצעלנע פערברעכען און וועגען די שטראפען, וואס ס'קומט פאר זיי...

דער קעניג הונגער.

וואו זשע זענען דיינע קינדער, הונגעריגער? פאר וואס האלטען זיי דיך ניט אוים?

— זיי זענען געשטארבען פאר הונגער.

— פאר וואס זשע ווילסט דו ניט שטארבען פאר הונגער, ווי דיינע קינדער?

— איך וויים ניט. עס ווילט זיך לעבען.

— צו וואס דארפסטו לעבען?

שטימען:

— יא, טאקי אמת, צו וואס דארפען זיי לעבען? איך פער־שטעה ניט.

— כדי צו ארבייטען.

— און אז ס'איז ניטא שוין קיין ארבייט? מיר קענען זיי דאָך ניט שטענדיג פערזארגען מיט ארבייט!

— כדי צו לויבען זיין ליעבען נאָמען און גלויבען, אז דאָס לעבען...

— ס'איז א גרויסער ספק, צי זיי לויבען זיין ליעבען נאָמען.

— ס'וואלט געווען בעסער, ווען ער וואָלט געשטארבען.

— ער וואָלט געמעגט זיין אינטערעאסטנער, דער אלטער תרח. זעהט נאָר, וואס פאר הויזען!

— הערט! הערט!

דער קעניג הונגער שטעהט אויף, הויך:

איצט, מיינע הערען, וועלען מיר מאכען א מינע, אז מיר קלערען. איך בעט די הערען ריכטער מאכען אזא מינע, ווי איי־נער וואס קלערט.

אלע ריכטער מאכען א מינע, ווי זיי קלערען: זיי קנייטשען די שטערענס, קוקען צום באלקען, שפארען אונטער די נאָז מיט א פינגער, הכלל — מען זעהט אז זיי סטארען זיך. דאס דויערט א שטיקעל צייט. אלע שווייגען מיט אבשיי. אינמיטען דעם שווייגען, זעהר פייערליך און מיט ערנסטע פנים׳ער, שטעהען די ריכטער אויף און קירעווען זיך אלע אוים מיט׳ן פנים צום טויט. זיי פערנייגען זיך אלע פאר איהם זעהר נידעריג, ציהען זיך ממש אוים אנטקעגען איהם.

דער קעניג הונגער, איינגעבויגען:

ווי איז אייער הויכגעשעצטע מיינונג...

דער טויט שטעהט שנעל אויף, גיעט א קלאפ ברוגז מיט׳ן פויסט איבער׳ן טיש און זאגט מיט א גרילצענדיג קול:

— פער׳משפט — אינ׳ם טייוועל׳ס נאָמען!

ער זעצט זיך פונקט אזוי שנעל, ווי ער איז אויפגעשטאנען, און בלייבט זיצען אונבעוועגליך־בייז. די ריכטער זעצען זיך אויך.

דער קעניג הונגער.

הונגעריגער, דו ביזט פער׳משפט.

— האָט רחמנות.

— טהוט איהם אָן דעם מויל־שלאָס. פיהרט אריין דעם צווייטען הונגעריגען.

בעת מען פיהרט ארום דעם הונגעריגען, דריקען די צושויער אויס זייערע געפיהלען אין פאלגענדע ווערטער:

— וואס טויג איהם לעבען?
— בעסער שטארבען.
— זאָגט דאס איהם.
— שטאַרב, אלטער, שטאַרב.
— שטאַרב, אלטער, שטאַרב.

אלע שעפּטשען שטיל, מאכענדיג מיט די הענד, אקוראט ווי מען פערשלעפּערט עמיצען:

— שטארב, אלטער, שטארב. שטאַרב, אלטער, שטאַרב. שטארב, שטארב, שטארב!..

מען פיהרט אריין א נייעם הונגעריגען. פרעהליכע שטימען:
— מען פיהרט! מען פיהרט!
— א געזונדע חיה!
— יא, דא שמעקט שוין מיט א מאָרד!
— בעטראכט נאָר זיין שטערען.
— אַי, שרעקליך!
—איהר זענט צו ערעל, מיין קינד.
— שטילער.

מען פיהרט שנעל אריין דעם נייעם הונגעריגען און מען טהוט איהם אויס דעם מויל־שלאָס. דאס איז א געזונטער יונג מיט א ני־דעריגען אָקסענעם שטערען; זיין ברוסט איז האלב נאקעט; ער קוקט במורנע, פערדעכטיג.

דער קעניג הונגער.
וואָס האָסטו געטהאָן, הונגעריגער?
— איך האָב פערגעוואלטיגט א פריילין אין וואלד.

אנ'אויסדרוק פון שרעק און אנגענעהמער אויפרעגונג.

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

— ס׳אַרא שרעק!
— איז דאס אַ חיה!
— דאס פערכאַפּט מיך אויך.
— אַ שאַנדע פאַר דער מענשהייט אַזוינע מענשען.
— וועלכער?

דער קעניג הונגער.

פאַר וואס האָסטו דאס געטהאָן?

— חתונה האבען פאַר מיר וואָלט זי דאָך ניט געוואַלט. און איך האָב צו איהר געהאַט יצר־הרע.

— פאַר וואס האָסטו זיך ניט בעגנוגענט מיט די ווייבער פון דיין גראַד?

— אונזערע ווייבער זיינען פערגרעבט און מיאוס פון הונגער און ארבייט. און די איז געוועזען אַ צאַרטע און אַ דינע, מיט ווייסע הענד. אַ קינד וועט זי האָבען?

— ניין, מיר האָבען אָנגעווענדט קינסטליכע מיטלען און עס אבגעטריבען.

דער הונגעריגער, פינסטער: ממזר׳ש אבגעטהאָן.

— מיט וואס קענסטו זיך פערענטפערען, הונגעריגער?

...די פערברעכערישע אָנפאַלען אויף די פרויען־עהרע טהייַלען זיך...

— אָך, וואַרט נאָר אויס אביסעל, הערר פּראָפעסאר, דאס איז אַזוי אינטערעסאַנט.

— זיך פערענטפערען? ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך פערגעוואַלטיגט אָט די און אָט די און אָט די. יענע אַלטע אין רויטע קליידער וואָלט איך ניט געטשעפעט, זאָל זי בלייבען פאַר אייך.

די אַלטע פאַלט חלשות אויף אַ קורצער צייט. אַלע זענען אויפגערעגט.

— ס׳אַרא שרעק! דאס איז אַנ׳אמת׳ע חיה!

✣✣

— מיך אויך! איהר האָט געזעהען, ער האָט אנגעוויעזען אויף מיר. ער וואָלט א בעלן געווען מיך פערגעוואַלטיגען.

— איהר האָט א טעות. ער האָט אנגעוויזען אויף מיר.

זיי קריגען זיך. דאס מיידעל אין שווארצע קליידער, וועלכע האָט די גאנצע צייט געשוויעגען, שטעהט אויף פּלוצים און זאָגט הויך, מיט עקשנות:

— פאר וואס רעכענסטו, אז זי וואָלט פאר דיר ניט חתונה געהאט. איך וואָלט פאר דיר יא חתונה געהאט, ס'קען זיין.

דער הונגעריגער, (פינסטער):

— קוק זיך איין אביסעל בעסער.

— ביזט געדעכט: איך וואלט פאר דיר ניט חתונה געהאט. ביזט צו־גראָב.

— אָט אזוי זשע רעד. און איך וואלט דיך דוקא פערגע־וואלטיגט.

— ניין, גיכער געטויט.

— יא — געטויט אויך.

דאס מיידעל זעצט זיך. דער יונגערמאן! מיט דעם דעמאָנישען אויסדרוק קוקט אויף איהר צערטליך, זי מאכט זיך אבער ניט וויסענדיג. די צושויער בעטראכטען זי אביסעל דער־שראָקען.

— אָהאָ! וואס זאגט איהר!

דער קעניג הונגער.

הערדען ריכטער, איך בעט מאכען א מינע, ווי איינער וואָט קלערט.

עס חזר'ט זיך איבער די פריהערדיגע סדרה, מיט דער אייגע־נער פייערליכקייט און מיט דער אייגענער פערנייגונג פאר'ן טויט. דער טויט שפרינגט אויף, קלאַפּט מיט'ן פויסט איבער'ן טיש.

— פער'משפט — אינ'ם טייוועל'ס נאָמען!

דער הונגעריגער צום מיידעל:

— אליין אין וואלד זאלסטו ניט געהן.

— טהוט איהם אן דעם מויל־שלאס. פיהרט אריין דעם נעכסטען הונגעריגען.

מען פיהרט אריין א הונגעריגע. דאס איז א יונגע פרוי, א שלאנקע, נאר זעהר א מאגערע, מיט א בלייכען, טראגישען פנים. זי האט שווארצע דינע צונויפגעוואקסענע ברעמען, און געדיכטע לאנגע האר, וועלכע זענען קוים פערפלאכטען און פאלען איהר אראב אויף דער פלייצע. די פרוי פערניי גט זיך ניט און קוקט זיך ניט ארום, אקוראט ווי זי זעהט ניט קיינעם. רעדען רעדט זי רוהיג און קאלט, מיט א טויטער שטים.

— וואס האסטו געטהאן, הונגעריגע?

— געטויט מיין קינד.

...ס'ארא שרעק! די דאזיגע פרויען האבען גאר ניט קיין מוטערליכע געפיהלען.

— וואס דען האט איהר געמיינט. ווי קומט צו זיי אזוינע געפיהלען.

— ווי שעהן זי איז. עפּיס טראגישעס איז אין איהר פּאראן.

— טא האב מיט איהר חתונה.

...קינדערמארד האט זיך אין אלטערטהום פאר א פערברעכען ניט גערעכענט, מ'האט געקוקט דערויף ווי אויף א נאטירליכען רעכט פון די עלטערען. נאר זינט מ'האט אריינגעפיהרט הומאניזם אינ'ם רעכט...

—ווארט אקארשט, הערר פּראפעסאר, לאזט הערען!

— ס'איז דאך וויסענשאפט, מיין קינד...

דער קעניג הונגער.

דערצעהל, הונגעריגע, ווי אזוי דו האסט עס געטהאן.

מיט אראבגעלאזענע הענד, אונבעוועגליך, רעדט די פרוי מיט איהר רוהיגער טויטער שטים.

— איך בין געגאנגען מיט מיין מיידעלע ביינאכט איבער׳ן טייך אויף א לאנגער בריק. אזוי ווי איך האָב דאָס געהאט שוין בעשלאסען פון פריהער, האָב איך אינמיטען בריק, וואו דאס וואסער איז טיעף און שנעל, געזאגט צו מיין קינד: טעכטערל, זעה ווי ס׳רוישט אונטען דאס וואסער. זי האָט גענטפערט: איך וועל ניט דערלאנגען, מאמע, די פּאַרענטשע איז צו הויך. האָב איך געזאגט: לאָז, כ׳וועל דיך אויפהויבען, טעכטערל. און ווען זי האָט אנגעהויבען קוקען אראָב, אין דעם שווארצען תהום, האָב איך זי אריבער־געווארפען אהין. ווייטער גארניט.

— זי האָט זיך ניט אָנגעקלאמערט מיט די הענד?

— ניין.

— געשריען?

— יא, איין מאָל געגעבען א געשריי.

— ווי אזוי האָט זי געהייסען?

— טעכטערל.

— ניין, דער נאָמען. ווי האָט זי געהייסען?

— טעכטערל.

דער קעניג הונגער פערשטעלט דאס פנים מיט די הענד און רעדט מיט אביסעל א ציטערדיגען דומפּען קול:

— הערין ריכטער, איך בעט אייך מאכען א מינע, ווי איינער וואס קלערט.

די ריכטער קנייטשען די שטערענס, קוקען צום באַלקען מאַ־כען מיט די ליפּען. אלע שווייגען מיט אבשיי. נאָכדעם שטעהען זיי אויף און פערנייגען זיך נידעריג פאר׳ן טויט.

דער טויט.

— פער׳משפט — אינ׳ם טייוועל׳ס נאָמען!

דער קעניג הונגער שטעהט אויף און רעדט הויך, אויס־שטרעקענדיג זיינע הענד צו דער פרוי, אקוראט ווי ער פערדעקט זי מיט א אונזיכטבארען שווארצען דעקטוך:

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

— ביזט פער׳משפט, יונגע פרוי, הערסט? דו וועסט געהען צום טויט. וועסט אריין אין גיהנם און וועסט דאָרט ברענען אויף אנ׳אייביגען פייער, וועלכער ווערט ניט פערלאָשען! דיין הארץ וועלען שדים רייסען מיט אייזערנע נעגעל. דיין מארך וועלען נאָגען די אונטעראירדישע גיפטיגסטע שלאנגען, און וועלען איהם בייסען, און וועלען בייסען, און קיינער וועט ניט הערען דיין געשריי, ווייל דו וועסט שווייגען. זאל זיך אויסציהען איבער דיר אנ׳אייביגע נאכט. דו הערסט, הונגעריגע?

— איך הער.

— טהוט איהר אָן דעם מויל־שלאָס.

— וואַרט אוים!

דאָס רעדט דאס מיידעל אין די שווארצע קליידער. זי געהט שנעל צו צו דער הונגעריגער און שטרעקט איהר אויס די האנד.

— גיב מיר דיין האנד, אומגליקליכע.

— איך וויל ניט. איך פערואכט דיך.

— מיך?

— יא, דיך. דו וועסט זיין אין גן־עדן.

— מיך פערואכסטו? דו, מערדערין?

זי בלייבט שטעהען מיט אנ׳אויסגעשטרעקטע האנד, פערווארפט דעם קאָפּ און שרייט צאַרענדיג, ווי ניט אין זיך:

— דאָן פיהרט זי אין גיהנם!

אלע שרייען. עס הערען זיך פונ׳ם טומעל איינצעלנע שטימען:

— אין גיהנם אריין! אין גיהנם!

— זאלען זיך שדים מיט דיר שפּיעלען!

— אין גיהנם!

— רייסט איהר, שדים, דאס הארץ מיט אייזערנע נעגעל!

— ווערגט זי, שלאַנגען!

— בייסט זי! בייסט זי! גראבט זיך אריין אין איהר מארך! רייסט איהר דאָס הארץ!

אהאַ־האַ־האַ־האַ!

אין העכסטער אויפרעגונג מאַכען זיי צו דער פרוי מיט די הענד.

דער קעניג הונגער (מיט א בעפעהלענדער שטים):

— שטילער! (און צו דער פרוי, וועלכע שטעהט אָהן בעוועגונג, זאגט ער פריינדליך): געה, מיין טאָכטער.

די הונגעריגע פיהרט מען אוועק. דער קעניג הונגער ווענדט זיך צו די צושויער מיט זעהר א פרעהליכער לעבעדיגער שטים:

— איצט, מיינע העררען, וואלט איך פאָרגעלעגט מאַכען א הפסקה און אָבעסען. משפט מאַכט מיעד און מען מוז עפּיס איבערכאפּען, כדי מען זאל האָבען מעהר כח. (זעהר העפליך) בעזאנדערס די דאַמען און פריילינס. זייט זשע מוחל!

פרעהליכע אויסגעשרייען:

— עסען! עסען!

— שוין צייט!

— מאַמע, וואו זענען די קאָנפעקטען?

— דו וואלסט א בעלן געווען נאר כסדר קאנפעקטען!

— וועלכען...

— מען רופט עסען, אייער עקסעלענץ.

— חחח! פאר וואס זשע האָט מען מיך פריהער ניט אויפגעוועקט?

פלוצלונג ווערט אין זאל אזוי לעבעדיג, פריינדליך, ווי אין דער היים. די ר י כ ט ע ר טהוען אוים זייערע פּארוקען, דעקען אָב די הוילע קעפּ און מישען זיך בּיסלעכווייז אריין צווישען עולם; זיי דריקען זייערע בעקאַנטע די הענד און קוקען פון דער זייט. אביסעל קאָסע, אויף די צושויער וועלכע עסען — כלומר'שט אהרט דאָס זיי ניט. געזונטע לאָקייען אין אויסגענעהטע דיענסט־קליידער, איינגעבויגען אונטער דער שווערער משא, טראָגען אריין אונגעהייערע טעלער מיט ריעזיגע פּאָרציעם: גאנצע געבראָטענע

שאָף, גרויסע חזר'שע זייטען, ראָסטביפען ווי די בערג. פאַר דעם דיקען שטעלט מען אויף א נידעריג ביינקעלע א גאַנצען געבראָטענעם חזיר, וועלכע ס'האָבען אַריינגעטראָגען דריי דיענער. ער קוקט אויף איהם מיט צווייפעל.

— אפשר וועט איהר מיר העלפען, הערר פּראָפעסאָר?

— מיט פערגעניגען, אייער עקסעלענץ.

— און איהר, הערר ריכטער?

— כאָטש איך בין ניט הונגעריג, נאָר אויב איהר ווינשט...

— אפשר וועט מיר אויך זיין ערלויבט... — זאָגט מיט עניוות דער גלח, שלינגענדיג דאָס שפּייעכץ. אַלע פיער זעצען זיך אַרום דעם חזיר און שניידען פון איהם פּאַסען מיט גרויסער גיעריגקייט. אָפּטמאָל בעגעגענען זיך דער פּראָפעסאָר און דער גלח מיט זייערע בליקען, דעמאָלט הערען זיי אויף צו קייען און בלייבען זיצען מיט אנגעשטאָפּטע באַקען, ווי פערגליווערט פאַר גרויס האַס און פעראַכטונג איינער צום צווייטען. נאָכדעם קייען זיי מיט נייער התמדה און ווערגען זיך.

אַלע צוגעהען זיך אין פערשיעדענע קרייזלעך. דער טויט האָט ארויסגענומען פון דער קעשענע א טרוקען שטיקעל ברויט מיט קעז און עסט איינער אליין.

א לאַנגזאַמער שמועס מיט אנגעשטאָפּטע באַקען. מען קייעט געשמאַק.

— נאָך א שטיקעלע, לאָזט זיך ניט בעטען. אזוי בע'טעמ'ט.

— ווי אויף א פּיקניק. א וואוילער בחור — דער הונגער.

— א גוטען חלק האָבען מיר איהר אַריינגעלעגט.

— זי איז אבער פּאָרט שעהן.

— ראָסטביף דאַרף מען עסען מיט בלוט. דאָס איז...

— מאַמע, פאַר וואָס משפּט מען זיי ניט אַלע צוזאַמען?

— איך ווייס ניט, מיין קינד, פרעג דעם פּראָפעסאָר.

— הערר פּראָפעסאָר!

✤✤

— ה־ם ?

— הערר פראפעסאר !

— הָ־ם ?

— וואו זשע איז מיין סערוועטקע אהינגעקומען !

— מיינע העררן, א גנבה: ביי'ם גענעראל האָט מען ארויס־גע'גנב'ט די אריינגעשטעלטע צייהן.

א געלעכטער. מען קייעט מיט חשק. צום קעניג הונגער, וועלכער שטעהט אָן א זייט, געהען צו ד ע ר ש ט ע ה ־ א ר ב י י ט ע ר און ד ע ר ח ו ל י ג א ן — ד ע ר פ אָ ר־ז י צ ע נ ד ע ר. זיי זענען פיין געקליידעט; די גאנצע צייט זענען זיי געזעסען אויף א הינטערשטער באנק, אזוי אז קיינער האָט זיי ניט בעמערקט.

דער ארבייטער.

ס'א מין פרעסען ! קעניג, ווי קומסטו צו זיי ? איך פער־שטעה גאָר ניט. דו פערראטסט אונז ? גערענק !

דער חוליגאַן.

אָט דאָס איז דיין משפט, פאָטער ? (צאָרענדיג) ווילסט איך זאל דיר דאָ אויפ'ן אָרט איבערשניידען דעם גאָרגעל ?

דער קעניג הונגער.

איהר זענט ביידע בלינד. ס'איז ניט מיין משפט. ס'איז א משפט איבער מיינע קינדער.

— דו ביזט דאָך אבער פאָרזיצענדער !

— איהר פערשטעהט דען ניט, וואס איך טהו ? איהר זעהט דען ניט, אז יעדערער, ווער ס'איז דא איינמאל געווען, וועט זיי שוין אייביג זיין א בלוטיגער שונא. איך מאַך זיי פערדאָרבען, איך לערען זיי אוים צו טהאן די העסליכסטע מעשים. אין די טיעפסטע טיעפענישען פון זייער לעבען קריך איך אריין, מאַך זיי פויל און צערשטער זיי. זיי האָבען שוין אויפגעהערט פערשטעהען,

וואס איז אזוינס אמת, — ס'איז דאָך קלאָר, אז דאָ הויבט זיך אָן דער טויט. דו פערשטעהסט דאָס?

— דו טהוסט דאָס אבער ווי א משרת!

דער קעניג הונגער, צאָרענדיג:

שטילער, מיין זוהן! בעליידיג ניט דעם, וואָס איז אומגליק־ליך. (געלאסענער) בעטראַכט דיך אליין, איז דען דעריבער, וואס מיר משפט'ן, וועניגער געווארען גנבות, געוואלט־מעשים, רציחות? פערקעהרט, עס ווערט אלע מאָל מעהר. פרעג אקאָרשט זייער פראָ־פעסאָר, אָן דאָרט...

— איך פערשטעה דאס ניט. איך זעה נאָר, ווי אונזערע אייגענע...

— דו האָסט דאך ניט קיין אייגענע!

— ס'איז אמת, פאטער, אז יענע פרוי וועט זיין אין גיהנם?

— יא. דו אויך.

דער חוליגאן וויינט.

— דו וויינסט? דו, מיין זוהן, וויינסט?

— פאטער, פאטער! איך האָב נאר א מעסער. ועמען זשע זאל איך קוילען?

דער ארבייטער.

— מען דארף ניט קוילען. מען דארף ארבייטען, ארבייטען.

— פאטער, דו זאגסט: איך וועל אויך זיין אין גיהנם. גוט, — אבער ווי ראטעווע איך זי ארוים? איך זעה שוין, ווי די שדים רוקען זיך צו איהר. פאטער, האָב רחמנות אויף מיינע יונגע יאהרען, זאג, מען קען זי נאָך ראטעווען?

— ניין.

— ס'א ליגען, אלטער!

שטימען:

— אפילו זעלבע־פיער האָבען מיר איהם ניט אויפגעגעסען אינגאנצען!

— ער איז צו גרויס, עקסעלענץ!

דער קעניג הונגער.

געהט. מען מוז ענדיגען, און הערט וואס איך זאג: מארגען...

— מארגען? מארגען?

— שטילער! ס'וועט קלינגען דער גלאק!

— מארגען?

— שטילער! שטילער!

— א־א־א!

— אין די גאסען! אין די הייזער!

— שטילער!

— מארגען! מארגען! מארגען!

זיי געהען זיך שטיל פאנאנדער מיט אונהיימליך־פרעהליכע פנים'ער.

— הערר פראפעסאר, ביי אייך אויפ'ן בארד איז געבליעבען א ביינדעל.

— אי, אי, וואו איז עס?

— איהר ווילט א קאנפעט?

— ווען מען טהוט א קלער, אז א קעמעל, למשל, האט דריי מאגענס, און איך, דער קעניג פון דער גאנצער נאטור, מוז זיך בע־געהען מיט איינעם...

דער קעניג הונגער רעדט פון דער בימה:

צום בעדויערען מוז איך אייך שטערען, מיינע הערען. פער־נעהמט אייערע ערטער. דער משפט געהט ווייטער.

די ריכטער טהוען גיך אן די פארוקען. אלע פערנעהמען זיי־ערע ערטער, דערביי פיהרט זיך אזא שמועס:

— פערצייהט מיר, געעהרטער קאלעגע, איהר האט גענומען מיין פארוק.

— אך, ענטשולדיגט, איך פיהל אבער טאקי עפּיס...

— וואָס, נאָך אלץ ניט קיין סוף!

— דאָס טויג ניט. איך מוז געהן אין טהעאטער! וויפיעל שטיק איז נאָך געבליעבען!

— איהר זענט זעהר לייכטזיניג, יונגער מאן. פערגעסט ניט, אז מיר זענען אהער געקומען ניט צוליעב פערגעניגען, נאָר מיר ערפילען א געזעלשאפטליכען חוב, דעם חוב פון זאַטע און עהרליכע מענשען...

— אויף מיין עהרען־וואָרט...

— וואַרט אקאָרשט. פערגעסט ניט, אז יעדען טאָג...

— א חוץ יום־טובים.

— פערשטעהט זיך, אחוץ יום־טובים, ווען מיר געהען אין קירך און אין טהעאטער — יעדען טאָג זיצען געריכטען אומעטום, אין אלע ווינקעלעך פון דער ערד, וואו נאָר ס'איז פאראן א קולטור, און זיי משפט'ן און קענען אליץ ניט פער'משפט'ן אלע...

— ווען עס קומט.

— פערשטעהט זיך, אלע וועמען עס קומט. היינט בעטראכט זיך נאָר, וואָס וואָלט געוועזען, ווען דער משפט וואָלט אויפגעהערט כאָטש אויף א קורצע צייט...

— אָבער איך זאָג דאָך אייך, אויף מיין וואָרט...

דער קעניג הונגער.

דער סעקרעטער בעט מיך צו ערקלערען, אז ער האָט געהאט פיער טעות'ן, נאָר ער ווייסט ניט וואו. ס'איז אָבער אזוינע טעות'ן, וואָס קענען זיין א קוואל פון נייען רעכט.

דער סעקרעטער פערנויגט זיך שנעל. שוואכע אפלאָדיס־מענטען.

דער קעניג הונגער.

פיהרט אריין דעם נעקסטען הונגעריגען.

מען פיהרט שנעל אריין צוויי: אן אויסגעדארטען אינגעל מיט א מויל־שלאָס און אנ'עלטערע אָבגעריסענע פרוי מיט אנ'אוים־

דרוק פון וועהטאָג אויפ'ן פּנים. זי פערנויגט זיך אַ סך מאָל און נידעריג פאר אלעמען.

דער קעניג הונגער.

וואָס האָסטו געטהאָן, הונגעריגער?

איינער פון די ריכטער האקט איהם פּלוצלונג איבער:

— פאר וואָס איז זי עפּיס אָהן אַ מויל־שלאָס?

דער טורמע־וועכטער.

דאָס איז די מוטער פון דעם בעשולדיגטען. זי וויל רעדען פאר איהם.

— ווייל זי רעדען, מוז מען איהר אָנטהאָן אַ מויל־שלאָס. איהר האָט עובר געווען די תקנות. פערשרייבט, סעקרעטאר.

— וואָס האָסטו געטהאָן, הונגעריגער?

די פרוי פאַלט אויף די קניע און הויבט אויף די הענד ווי בעת'ן דאַווענען.

— האָט רחמנות! ער האָט דאָך פון מיינעטוועגען גע'גנב'ט דעם עפּעל. איך בין געווען קראנק, האָט ער זיך געטראכט: לאָז מיך איהר ברייננגען אַנ'עפּעל. האָט אויף איהם רחמנות! זאָג זיי, אז דו וועסט עס שוין קיינמאָל ניט טהאָן, זאָג זשע, נו!

דער הונגעריגער.

איך וועל שוין קיינמאָל ניט.

די פרוי.

איך האָב איהם אליין שוין בעשטראָפט... האָט רחמנות אויף זיינע יונגע יאָהרען, רייסט מיר ניט אויס מיין יונג בוימעלע!

— יאָ, היינט רחמנות אויף איינעם, מאָרגען שוין פארטיג נאָך איינער. מען מוז אויסרייסען דאָס שלעכטס מיט'ן וואָרצעל...

— מען דארף האָבען דעם מוט צו זיין אומדערבארמדיג.

— אזוי איז פאר זיי אליין בעסער.

— איצט איז ער יונג, ער וועט אָבער אויסוואקסען...

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

— מאמע, ס'א רחמנות אויף דער אלטער. זאל איך איהר שיקען א נדבה?

— האסט דען קליין־געלט?

— ס'ארא גאלדען קינד! א דימענט!

דער קעניג הונגער.

איך בעט די הערען ריכטער צו מאכען א מינע, ווי איינער וואס קלערט.

בעת עס ציהט זיך די גאנצע סדרה, קוקט די מוטער מיט האפ־נונג אויף די ריכטער, און ווען ד ע ר ט ו י ט קלאפט מיט'ן פויסט איבער'ן טיש און שרייט הייזעריג:

— פער'משפט' — אינ'ם טייוועל'ס נאמען!

טהוט זי א ציטער און שטעהט אויף.

— הונגעריגער, דו ביזט פער'משפט.

ווילד־צארענדיג, די הענד אויפגעהויבען צום הימעל, — שרייט די פרוי אין ברויזענדער אויפרעגונג:

— טא זאל זיך דאס אויסלאזען צו אייערע קעפ. זאלען איי־ערע קינדער ווערען די כפרה! זאלען זיי בייסען משוגע'נע הינד!

— א מויל־שלאס! גיכער, א מויל־שלאס!

— זאל זיי אויסדארען זייער הארץ! זאל פערשטיינערט ווערען זייער נשמה. זאל...

מען טהוט איהר אן א מויל־שלאס. דאס פרעהליכע קול פונ'ם חוליגאן — דעם פארזיצענדען:

— טאטע! זעהסט, ווי זיי האבען רחמנות אויף אונזערע קינדער. ביז מארגען!

— ביז מארגען!

— שטילער!

— איך זעה, מיין זוהן!

— שטילער! ווער איז דאס?

— שטילער!

****

דער קעניג הונגער.

פיהרט אריין דעם נעקסטען הונגריגען.

דריי טורמע - וועכטער פיהרען אריין מיט גרויסער פארזיכט א מענשען, וועלכער זעהט אויס אונגעוועהנליך שטארק און קרעפ־טיג. זיין קוק איז לויטער און פריי, רעדען רעדט ער איינפאך און רוהיג.

— הונגעריגער, וואס האסטו געטהאן?

— איך וויים ניט. איך האב ניט געטהאן גאר ניט. איך האף, אז דאס געריכט וועט מיך בעפרייען. איך האב שטענדיג גע־פאלגט און געטהאן, וואס מ'האט מיר געהייסען.

אלע זענען פערוואונדערט. דער קעניג הונגער סוד'עט זיך מיט די ריכטער, נאכדעם ווענדט ער זיך צו די צושויער:

— איך זעה, מיינע הערן, אז די שולד פון דעם דאזיגען מענ־שען איז פאר אייך ניט קלאר. זיין שולד איז גרויס — דאס וועט איהר תיכף פערשטעהען. ער איז א שקלאף — און פאר א שקלאף איז ער צו עהרליך און צו שטארק. שוין דערמיט אליין בעליידיגט ער אונז — מענשען, וואס געניסען אנ'ערעלע קולטור און זענען דעריבער ניט שטארק. ווייטער: היינט איז ער געהארכזאם, אבער ווער קען ערב זיין פאר מארגעדיגען טאג? זיין קראפט און זיין עהרליכקייט קענען ווערען אונזער גרעסטער און געפעהרליכסטער שונא. ניטא קיין ספק, אז ער האט פערדיענט דעם טויט — אינ'ם נאמען פון גערעכטיגקייט.

די צושויער רעדען צווישען זיך:

— דאס איז אינגאנצען גערעכט. שטארקע שקלאפען זענען געפעהרליך, אפילו ווען זיי פאלגען.

— יא. איך זעה, אז ד ע ר ק ע נ י ג ה ו נ ג ע ר איז אונז אנ'אמת'ער פריינד.

— ס'ארא ליעב! ס'איז דאך א חוצפה. א שקלאף זאל הא־בען אזוינע גלייבע פיס!

— אין קייטען פערשמיעדט איהם!
— ער וועט צעררייסען די קייטען. טויטען דארף מען איהם! טויטען!

דער קעניג הונגער.

איך בעט די הערען ריכטער מאכען א מינע ווי איינער וואס קלערט...

די ריכטער קלערען, דער טויט קלאפט מיט'ן פויסט:

— פער'משפט' — אינ'ם טייוועל'ס נאמען!

דעם יונגען מאן פיהרט מען אוועק מיט דערזעלבער פארזיכט, ווי מ'האט איהם אריינגעפיהרט. אויף זיין ארט ערשיינט א נייער הונגעריגער. דאס איז א בעשעפעניש, וואס זעהט אויס שרעקליך ווילד. לאנגע הענד ביז די קניה מיט אומגעלומפערטע שמוציגע איינגעשרומפטע פינגער. דער קאפ און דאס פנים זענען איינגאנצען בעוואקסען מיט פערפלאנטערטע האר, די אויגען טריב, דער גאנג — ווי ביי א חיה: שרעקעדיג און פארזיכטיג, די פיס אויסגעדרעהט מיט די שפיץ פינגער איינער אנטקעגען צווייטען. ס'איז אבער פאראן אויך סמנים פון מענשליכקייט. דאס בעשעפעניש איז אנגעטהאן אין א מאדנעם פארצייטיגען קאסטיום: צוזאמענגעבונדען קארע פון בוימער, גראבע, משונה'דיג פערפלאכטענע מאטעריע און עפיס בענדלעך. ארייגעהענדיג, פרופט ער זיך צוקעמען, נאר ער פערפלאנטערט זיך מיט די הענד אין די האר.

דער שמועס פון די צושויער.

— ס'איז דאך א מאלפע!
— גאט מיין גאט! מיר וועלען נאך, הייסט עס, משפט'ן א גאנצען זאאלאגישען גארטען! איך דארף געהן אין טהעאטער!
— ניין, ס'איז א מענש.
— וואס זאגט איהר! עס איז א מאלפע. בעטראכט נאר זיין קאפ.

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

— טהוט א קוק אויף די הענד!

— מען דארף איהם ניט אויסטהאָן דעם מויל־שלאָס. מסתמא בייסט עס!

— עס פערנויגט זיך!

— ס׳איז א מענש!

— איך זאָג איך אז ניין! ס׳איז נאָר אויסגעלערענט אזוי. וואָס איז דאָס?

— מען מוז האָבען א קאַטאַלאָג! אָהן קיין קאַטאַלאָג קען מען זיך דאָ גאָר ניט בעגעהן. ווי אזוי וועלען מיר משפט׳ן, אז מיר ווייסען ניט, ווי עס הייסט!

— ס׳א מאָדנער פאַסאָן. כ׳וואָלט א בעלן געוועין זיך בע־קענען מיט זיין שניידער.

דער קעניג הונגער.

אזוי ווי ביי׳ם עולם איז פאראן א ספק, טאָ זאָג אונז, הונגע־ריגער, פאר אלעמען: ווער ביזטו?

ד ע ר ה ו נ ג ע ר י ג ע ר שווייגט.

— עס פערשטעהט ניט!

— איך זאָג דאָך: א מאַלפּע!

דער קעניג הונגער.

ווער ביזטו, הונגעריגער? ענטפער. דו פערשטעהסט וואָס מען רעדט?

דער הונגעריגער ענטפערט מיט א דומפּען כאָרכלענדיגען קול:

— מיר זיינען פויערים.

— כ׳האָב דאָך געזאָגט, אז ס׳איז א מענש!

אלע לאכען.

— פאר וואָס לאכען די פּריצים?

— דאָס איז ניט דיין עסק, הונגעריגער. דו וועסט ניט פער־שטעהן. וואָס האָסטו געטהאָן, הונגעריגער?

— מיר האָבען דער׳הרג׳ט א שר.

✤✤✤

אלע לאכען.

— הערט! הערט!
— אויסגעצייכענט!
— ווי נאריש!

מען לאכט.

דער קעניג הונגער.
איהר האָט דאָך פערברענט א מענשען.
— ניין, א שד. דער גלח האָט אונז געזאָגט, אז ער איז א ניט־גוטער, האָבען מיר איהם פערברענט.

די צוישויער זענען אביסעל אונרוהיג.
— וואָס זאָגט ער?
— עס איז א ליגען. דאָס קען ניט זיין!

דער פּראָפעסאָר.
אָט דאָס איז די שעדליכע ווירקונג פון דער קירכע אויף די ענטוויקלונג פון די פאָלקס־מאסען. פערברעכען, וואָס שטאמען פון אבערגלויבען.

די מיליאָנערשע.
אָך, ליעבער פּראָפעסאָר, רעדט ניט קיין שלעכטעס וועגען דער קירכע ווען איך בין דערביי. איהר ווייסט דאָך — איך בין א גלויביגע.

דער גלח. מיט איין זייט פּנים קוקט ער פיינדליך אויפ'ן פּראָפעסאָר, מיט דער אנדערער שמייכעלט ער פריינדליך צו די צוישויער.
— קענטיג ער האָט ניט פערשטאנען, וואָס מ'האָט געמיינט. דער גלח האָט זיי נאָר געוואָלט איבערצייגען, אז ס'איז פאראן א גוטע און א בייזע קראפט, אָבער ניט, חלילה, הרג'נען... די רע־ליגיאָן, מיינע דאמען, פערוועהרט יעדען מאָרד.
— יא, אויב אזוי, איז גאָר אנ'אנדער מעשה.

✤✤✤

— דאָס איז גאָר אַנ'אַנדער מעשה. וואָס איז דאָ שולדיג דער גלח, אויב ער איז אזא נאַר.

— זאָגט, איך בעט אייך, א פּנים ווי א מאַלפּע, און ליגען זאָגט עס ווי א מענש.

— בעשולדיגט פּיינע מענשען.

— אַן אויסוואורף!

דער קעניג הונגער.

איך בעט די העררן ריכטער מאַכען א מינע ווי איינער וואָס קלערט.

די ריכטער זיצען א שטיקעל צייט מיט אזא מינע, פּונקט ווי זיי קלערען. נאָכדעם בויגען זיי אָן די קעפּ מיט יראת־הכבוד און פערנייגען זיך פאַר דעם ט ו י ט. ד ע ר ט ו י ט שפּרינגט אויף און קלאַפּט אין בלינדען כעס איבער'ן טיש.

— פּער'משפּט' — אינ'ם נאָמען פון דעם טייוועל! דעם טייוועל! דעם טייוועל!

אלע ווערען דערציטערט, אקוראט ווי מ'האָט זיי געבען א שטאַרקען שטויס. דער טויט, א הויכער, א שוואַרצער, א שרעקלי־כער, אלעמאָל מעהר וויטהענדע, קלאַפּט מיט'ן פויסט איבער'ן טיש און דרעהט אין אלע זייטען די ווייסע אויסגעשטערעטע צייהן.

— דעם טייוועל! דעם טייוועל! דעם טייוועל! דעם טיי־וועל! דעם טייוועל!

דער קעניג הונגער.

בערוהיגט זיך, געעהרטער . . .

— דעם טייוועל! דעם טייוועל! דעם טייוועל!

אלע שטעהען אויף דערשראָקען מיט אָפענע מיילער.

— דעם טייוועל! דעם טייוועל!

סוף כל סוף ווערט ד ע ר ט ו י ט אנטשוויגען, בלייבט זי־צען בייז־אונבעוועגליך.

דער קעניג הונגער, שטיל:

— דאָס איז גאָר ניט, מיינע הערען. אביסעל מיעד, מסתמא. זעצט אייך אלע. פיהרט אוועק דעם הונגעריגען.

אלע זעצען זיך מיט אָפענע מיילער און קוקען נאָך א שטיק צייט אויפ'ן טויט. דער קעניג הונגער סוד'עט זיך מיט די ריכטער און זאָגט נאָכדעם פרעהליך:

— אין א גוטער שעה, מיינע הערען. פאר היינטיגען טאָג האָבען מיר שוין פערענדיגט אונזער שווערע, אונדאנקבארע ארבייט. לויט אנ'אלטען מנהג, וועלכע האָט א סימבאָלישע בעדייטונג, מוזען מיר, ריכטער, נאָך אויסטרינקען יעדערער א בעכער פון אָט דעם געטראנק. הערר ריכטער, גיסט אָן. האָט ניט מורא, מיינע הערען, דאָס איז ניט קיין בלוט, כאָטש דער קאָליער איז אביסעל עהנליך צו בלוט — אזוי פאָדערט, לײדער, דער אלטער מנהג — דאס איז מעהר ניט ווי וויין.

זיי שטעהען אויף, פערנויגען זיך איינער פאר'ן אנדערען און טרינקען אוים דעם וויין. דעם טויט דערלאַנגט מען אויך א בעכער, נאר ער שטויסט איהם אב פון זיך מיט דער ביינערדיגער האנד.

דער קעניג הונגער.

צום שלום — וועל איך זיך ערלויבען א קורצע רעדע, ווי עס פאָדערט דער מנהג. איך וויל אייך בעווייזען, אויף וויפיעל מיר זיינען בעסער, גערעכטיגער און העכער פון אלע אנדערע מענשען. מיינע הערען! איהר האָט דאָ היינט געזעהען פאר אייערע אויגען אזוינס, וואס קען אונז געבען א טיעפען מוסר. דורך אונז, ריכטער, אייערע משולחים האָט די אייביגע הימלישע גערעכטיגקייט זיך בעוויעזען אויף דער ערד מיט איהר גאנצער פראכט. אָהן פערברעכערישער רחמנות, גלייכגילטיג צו געבעט און צו קללות, פאָלגענדיג נאָר די געזעצען פון אייביגער גערעכטיגקייט, געהאָרכענדיג נאָר דער שטים פון אונזער אייגענעם געוויסען — האָבען מיר בעלויכטען די ערד מיט דעם ליכט פון מענשליכען פערשטאנד

און דעם גרויסען, הייליגען אמונ. ניט פערגעסענדיג אויף איין מי־
נוט, אז גערעכטיגקייט איז דער פונדאמענט פונ'ם לעבען, האָבען
מיר פארצייטען געקרייציגט יעזוס קריסטוס און פון דעמאלסט אן
הערען מיר ניט אויף צו פערציהרען די וועלט מיט נייע מזבחות.
פערשטעהט זיך, נאָר מערדער, נאָר מערדער. מיר האָבען אפילו
גאט ניט געשוינט — אלץ צוליעב די געזעצען פון אייביגער גע־
רעכטיגקייט — קען אונז שוין ריהרען דאָס וואָיען פון אָט די
הונגעריגע כלבים, זייער פלוך און זייער כעס? זאלען זיי שיל־
טען, אונז וועט בענשען דאס לעבען אליין, מיט זיין מאנטעל וועט
אונז בעשיצען דער הייליגער אמת, און דער משפט פון דער גע־
שיכטע וועט ניט זיין גערעכטער ווי אונזער אייגענער משפט.

הילכיגע אפלאָדיסמענטען. דער קעניג הונגער
טהוט א מאך מיט דער האנד, עס זאָל ווערען שטיל, און רעדט וויי־
טער, שמייכלענדיג שטיל, מיט א צישען, ווי א שלאַנג:

— וואס האָבען זיי אויסגעשפּיעלט מיט זייערע קללות?
וואס? זיי זיינען דארטען, און מיר זיינען דאָ. זיי זיינען אין
טורמע, אויף קאטארגע, אויף תליות — און מיר וועלען געהן אין
טהעאטער. זיי פגר'ן — און מיר וועלען זיי עסען — עסען —
עסען!..

ער קוקט אויף אלעמען מיט פרעהליכע גיעריגע אויגען.
פלוצלונג הויבט אן צו לאכען איין מאָגערער ריכטער. ער זיצט
גלייך, אויסגעצויגען, די הענד אויף די קניע און לאכט מיט א
דינינקען קול'כעל, אקוראט ווי ס'מעקעט א צאפּ. נאָך איהם הויבט
אָן דער צווייטער, דער דריטער, איינער פון די דיקע האָט ארויפ־
געלעגט זיין האנד אויפ'ן פעטען בויך און לאכט ווי פון א פאַס.
דער בויך וויעגט זיך און טאנצט — און ער לאכט מיט א נידערי־
גער שטימע, קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטעם. עס קומט אויס אזוי:
— חי־חי־חי־חי־חי־חי!
— חו־חו־חו!

דאס געלעכטער וואקסט, ווערט ברייטער, פערשפרייט זיך, ווי א פייער פון ווינד, אין אלע עקען. מען ווערט וויטהענד, הייזעריג. אלעס האט זיך צונויפגעגאסען אין איין שווארצען, אפענעם, ווילד־לאכענדיגען מויל.

נאר **דער טויט** איז עפּים ניט צופריעדען. ער לאכט ניט. פלוצלונג קלאפט ער איבער׳ן טיש, אז מען זאל שווייגען. אלע ווערען שטיל און קוקען אויף איהם מיט שרעק. ער דראהט זיי מיט זיין דינעם טונקעלען פינגער און לעגט אריין די פאפירען אין פארטפעל. אלע שטעהען אויף. שנעל, מיט קורצע טריט, ניט גריסענדיג קיינעם, געהט **דער טויט** צו דער טהיר.

דער פארהאנג פאלט.

דאס פיערטע בילד.

דער אויפשטאַנד פון די הונגעריגע
און דעם קעניג הונגער'ס פעררעט.

די נאכט פונ'ם גרויסען אויפשטאנד.

א רייכער, גרויסארטיג פערפוצטער זאַל. סטאַטוען, בילדער פון אַלטע און נייע קינסטלער, מאָזאאיק, מארמאָר, טראָפישע וואַזאָנען. רעכטס, דורך א ברייטע ארקאַדע, זעהט מען מארמאָרטרעפּ, וועלכע פיהרען אראָב. לינקס, אויך דורך אנ'ארקאַדע, זעהט זיך א ביבליאָטעק-זאַל — אסך שרענק אנגעפילט מיט ביכער אין רייכע איינבונדען.

וועגען פארזיכטיגקייט ברענען נאר ווייניג לאמפען, און דער זאַל איז בעלויכטען ניט העל; די הינטערשטע וואַנד איז פון לויטער פענסטער, וועלכע דערגרייכען כמעט ביז צו דער פּאָדלאָגע; פון יענער זייט פענסטער וויעגט זיך און וויקעלט זיך ווי קנוילען דער העלער רויט־פייערדיגער אבשיין פון די שריפות. ווען אין זאַל ווערט פינסטערער, ציהען זיך פון די פענסטער ברייטע פור־פור־רויטע פאסען און לעגען זיך אויף דער פּאָדלאָגע, און פון די מענשען, וועלכע שטעהען נאָהענט צו די פענסטער, פאַלען דאַן לאנגע טונקעלע שאָטענס. סמנים פון שרעק און ערוואַרטונג לאַזען זיך מערקען אומעטום: די מעבעל איז פאנאנדערגעשטעלט אָהן ארדנונג, די בעלי־בתים איז שווער צו דערקענען צווישען די געסט, די טאנצענדע בעוועגען זיך עפּיס אונרוהיג און דער עולם

בכלל פערגעסט א סך כללים פון דרך־ארץ. די מוזיק אויף דער גאַ־לעריע שפּיעלט אַמאָל הויך און רויִשיג, אַמאָל ווערט זי ביסלעכ־ווייז אַנשווייגען, און נאָר איין טרומייט ציהט נאָך אַ שטיק צייט אומגעלומפּערט זיין טאָן און האַקט זיך פּלוצלונג איבער — ווי מיט אַ דערשראָקענעם קרעכץ.

דער פּאַלאַץ, וועלכער איז אונטען אַרומגערינגעלט מיט אַ וואַך, רעכענט זיך פאַר אַ זיכער אָרט; אַהער האָט דער אויפ־שטאַנד פערטריבען אַלע, וועמען ער איז פיינדליך און ווער עס האָט פאַר איהם מורא. ווי די צ ו ש ו י ע ר אין געריכט, זיי־נען דאָ אויך פאַראַן רייך געקליידעטע דעקאָלטירטע דאַמען און מיידלעך, שעהנע, לויטערע, בעהאַנגען מיט טייערע ציערונג; עס זיינען פאַראַן מענער אין פראַקען. עס זיינען אָבער אויך פאַראַן מענשען, וואָס זיינען אַנגעטהאַן אין סורדוטען און אפילו אין בלו־זען: די גרופּע ק י נ ס ט ל ע ר און שריפטשטעלער זיינען אומישנע נאָכלעסיג געקליידעט. ד י ג ע ל ע ה ר ט ע זיינען כמעט אַלע אין סורדוטען און פּידזשאַקעס, אייניגע שמוציג. צווי־שען עולם איז פאַראַן עטליכע גייסטליכע מיט צנוע'דיגע רחמנות־פּנים'ער; די איבעריגע פערהאַלטען זיך צו זיי אונפריינדליך, אָפּט־מאָל טאַקי גראָב.

דער עולם בעוועגט זיך אונרוהיג. מען פערזאַמעלט זיך אין רעדלעך און מען געהט זיך שנעל פאַנאַנדער, ווייל מען זוכט עפּיס נייעס, אַזוינס וואָס זאָל בערוהיגען די נשמה. זיצען זיצט כמעט קיינער ניט. מען געהט פאַרזיכטיג צו די פענסטער און מען קוקט אין גאַס, אייניגע פּרופען פערציהען די פענסטער מיט די דורכ־זיכטיגע גאַרדינען, נאָר עס העלפט ניט.

די גאַנצע צייט קלינגט ערגיץ נאָהענט דער שטורעם־גלאָק און רופט, דאַכט זיך, מיט זיינע הונגעריגע קלאַנגען; נאָך יעדען שטאַרקען קלונג דאַכט זיך, אַז העלער איז געוואָרען דער פייער־אַבשיין און אונרוהיגער די בעוועגונגען פון די געסט. אַמאָל ווערט דאָס קלינגען לעבעדיגער, דעמאָלט פיהלט מען אין איהם אַ האָפ־נונג, אַ פרייד, שעור ניט אַ זיעגעס־שטאָלץ, אַמאָל ווערט עס לאַנג־

זאמער, שווער און טרויעריג, אקוראט ווי ס'איז מיער געווארען די האנד און דאס הארץ פונ'ם אלטען גלאקען־קלינגער.

אהן אן אויפהער שאלט איך דער הייזעריגער טרומייט פונ־ם טויט, אמאל ווייט, אמאל גאר נאהנעט, אז ס'פאלט אזש אן אימה. אפטמאל פערהילכט ער אלע איבעריגע טויטע און לעבעדיגע קלאנגען; דאמאלס ווערען, ווי פון זיך, אויסגעלאשען א סך ליכט און אלעס ווערט פערשטארט־אונבעוועגליך, און אויף דער פאדלאגע לעגען זיך לאנגע שווארצע שאטענס פון די פורפור־גליהענדע פענסטער.

ווען דער פארהאנג ווערט אויפגעהויבען, הערען זיך די אלער־ליי פערשיעדענע קולות: עס שפיעלט לעבעדיג, אבער צורודערט, די מוזיק, עס רופט דער הייזעריגער טרומייט און ס'פאלען שווער די קלאנגען פונ'ם גלאק.

דער שמועס פון די געסט.

— איך קען מיר נאך אליץ ניט גלויבען, אז עס האט אויפגע־פלאקערט אנ'אויפשטאנד. ס'ארא שרעק!

— ניט נאר איהר אליין קענט זיך ניט גלויבען. אזוי פלוצלונג איז דאס געווארען. ערשט נעכטען איז נאך אלעס געווען רוהיג און פריעדליך.

— הערט נאר, וואס דארט טהוט זיך. אט דער טויט...

— יעדער קלונג האקט אין קאפ, ווי א האמער!

— עס איז עפיס א שפילכעל, וואס? יעדע מינוט קענען זיי קומען אהער און אלעמען אויס'הרג'נען: די מאנסבילען, די ווייבער און די קינדער.

— עס איז דא א וואך.

— אי, לאזט צורוה! איהר גלויבט טאקי זעהר אט די גע־דונגענע כלבים דארט אונטען? זאלען יענע נאר ווערען שטארקער, אזוי איז אויס. וואו איז דער קעניג הונגער?

— דארט!

— רבונו של עולם! קען דען זיין, ער זאל אונז פערראטען.

איך האָב אבער שטענדיג געזאגט, אז מען טאָר זיך ניט פערלאָזען אויף אָט דעם נידערטרעכטיגען משרת, אָט דעם שלעפער, דעם פראָוואָקאטאָר!

— האָט אביסעל צייט מיט'ן זידלען. איהר ווייסט דאָך ניט, צי איז ער אויף אונזער צד, צי אויפ'ן צד פון די מורדים.

— צו וואס שפּיעלט די מוזיק? זאגט איהר, זי זאל אנשוויגען ווערען.

— עס איז היימליכער, אז זי שפּיעלט.

— דולט ניט א קאָפּ! מען קען נאָך דערהערען פון גאס.

— דאָרט הערט זי זיך ניט. דאָרט איז אנ'אנדער מוזיק. הערט!

זיי הערען זיך צו.

— ס'ארא שרעק, מיין גאָט! מען קען זיך נאָך דערוויסען, אז מיר זענען דא. העי, מוזיקאנטען, זאל זיין שטיל!

— עס פּאַסט ניט אָהן די בעלי־בתים.

— וואס מיר בעלי־בתים אין אזא צייט. ווערט זשע אנשוויגען דאָרט, איהר!

די מוזיק ווערט ביסלעכווייז אנשוויגען. אנ'אימה פאלט אויף די געסט.

— וואס איז, וואס איז?

— פאר וואס שווייגט די מוזיק? וואס טהוט זיך דארט?

— מען געהט אהער!

א הויכע ציטערדיגע שטים:

מען געהט אהער! געוואלט, מען געהט!

אלע לויפען ארום איבער'ן זאל. א היסטעריש געוויין.

— עס איז דאך א טעות! בערוהיגט אייך, עס געהט ניט קיינער.

— פערבאריקאדארט די טהירען!

דעם בעל־הבית'ס שטים:

— וואס איז דא אזוינס? וואס איז?

— עמיצער האָט געהייסען דער מוזיק אויפהערען שפּיעלען, איז געפאלען א פּחד אויף אלע.

— ווער האָט געהייסען? ווער האָט דאס די העזה? שפּיעלט, מוזיקאנטען! מיינע הערען, ס'איז גאר ניט געשעהען. מיר'ן באלד טאנצען. קאוואליערען, אנגאזשירט די דאמען אויף א קאָטיליאָן.

מען בערוהיגט זיך אביסעל. ערטערוויז הערט זיך אפילו א געלעכטער.

— קען איך אייך איינלאדען צום טאנץ?

— איהר האָט מיר אנגעטרעטען אויפ'ן קלייד.

— פּארדאָן!

א שמועס פון די געלעהרטע:

— געוויס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען. כל זמן דער קעניג הונגער איז אונזערער...

— און איהר זענט דערין זיכער?

— יעדענפאלס, די געשיכטע...

— דאס איז אלץ אזוי אונזיכער, אונבעשטימט: איהר זאגט „די געשיכטע". מיר קענען דען די אמת'ע געשיכטע?

— דאס זאגט איהר, א היסטאָריקער?

איינגעהאלטענער געלעכטער און שמייכלען.

— איך וויים נאר איינס — אז דאס איז שרעקליך. ווי קען מען איבערמעסטען די ענערגיע, וואָס דער קעניג הונגער האָט אָנגעזאמעלט צווישען אָט די פינסטערע, אומגליקליכע מאסען? אפשר וועט זי קלעקען נאָר אויף א קורצען אויפברוך, ס'קען אבער זיין, אז זי זאל אומוואָרפען אלעם, אונזער גאנצע קולטור. (ער ווייזט אויף די פענסטער) איהר ווייסט, וואס דארט ברענט? ס'איז נאָך גוט, אויב עס איז הייזער. וואס טהוט מען אבער, אויב דאס ברענען שוין מוזעען? ביבליאָטעקען?

— דעם פייער איז אלץ איינס!

✤✤

— גאָט מיין גאָט!

— זאל דאָס שוין אומקומען אלצדינג!

עמיצער פערלעשט א טהייל לאָמפּען. ס'ווערט פינסטערער און די פענסטער הויבען אן העלער גליהען. וויעדער אנ'אימה.

— וואס איז דאָס?

— פאר וואס איז פינסטער? וואס איז דאָרט?

— מיינע הערצען!

— דער עלעקטרישער שטראָם האָט זיך איבערגעריסען.

— באלד וועט ווערען פינסטער־חשך.

— צינדט אָן ליכט! וואו איז ליכט? גיכער!

— בערוהיגט זיך, ס'איז גאר ניט. ס'ארא טרוסען!

— קען איך אייך איינלאדען?

— משוגע זענט איהר? טאַנצען?

די מוזיק שפּיעלט א וואלס.

— פאר וואס עפּיס א וואלס? מ'האָט געזאגט א קאָטי־ליאָן?

— אַי, ס'איז אייך ניט אלץ איינס: א וואלס, א קאטיליאן, א שווארץ יאהר!

— איהר זענט צו גראָב!

— פּארדאָן!

אין דער האלב־פינסטערניש דרעהט זיך עפּיס א פּאָרעל איי־נע אליין און ווערט באלד פערשוואונדען.

— נייעס, נייעס! ס'איז דא נייעס!

— וואס איז?

— נייעס! הערט!

די מוזיק ווערט ביסלעכוויז אנשווייגען. אינמיטען סצענע טרעט ארוים א יונגער מאַן. זיין קאָסטיום איז צעקנייטשט, דאָס פּנים בלייך, אויפ'ן שטערן א בלוטיגער פלעק. מען רינגעלט איהם ארום.

✤✤

— איך בין פון דארטען.

— מיין גאָט!

— רעדט! רעדט!

— ס'א שרעק! ס'דאכט זיך מיר, איך בין אנטלאפען פון אנ'אנדער וועלט, וועלכע מען קען נאָר זעהען אין א חלום. די גאסען — לעדיג, איבער זיי אין דער לופטען ציהט זיך א ברומע־ריי. פון וואנען — ווייס איך ניט. א בלוטיגע פינסטערניש. שווארצע שאָטענס. טויטע קערפער אונטער די פיס. שווייגענדיגע, גליהענד־ברענענדע חורבות, קיין מענשען ארום זיי איז ניטא. וואו זענען די מענשען?

— מען האָט אייך פערוואונדעט?

— פלוצלונג — א מענגע, א מבול געשרייען, א וויכער פון קערפער, אויסגעשטעלטע צייהנער. ווער איז דאָס? — איך האָב זיי ביז אהער קיינמאָל ניט געזעהען. זיי צערשטערען אלעס. זיי טויטען איינער דעם צווייטען. זיי הרג'נען קינדער. כ'האָב געזע־העז: זיי האָבען פערברענט א גרויס הויז, פול מיט ווייבער און קינדער, וועלכע זענען אהין אנטלאָפען.

— ס'ארא שרעק!

עמיצער וויינט היסטעריש.

— שטילער!

— דאָס זענען די הונגעריגע!

— דאָס איז דער המון! זיי וועלען קומען אהער אויך.

— עפיס ווילדע, האלב־נאקעטע צושויבערטע בעשעפענישען. ווער איז דאס? איך האָב זיי ביז אהער קיינמאָל ניט געזעהען. מען זאגט: דאָס דאַרף האָט זיך אויפגעהויבען, אלע דערפער גע־העז אהער, צו ראבעווען די שטאָדט.

— דאָס איז דער סוף!

— פערפאלען אונזער לעבען!

— דאס איז א רעוואָלוציע!

— בעלייִדיגט ניט די רעוואָלוציע. דאָס איז אַ בונט. איהר האָט געהערט: זיי פערברענען ווייבער און קינדער.

— די חיות זענען ארויס פון די וועלדער!

— די וועלדער געהען אויף אונז!

— אויס. אַ סוף!

— מען זאגט: עס הערט זיך שוין, ווי עס סקריפען די רעדער פון זייערע וואָגענס. אויף די וואָגענס ווילען זיי אוועקפיהרען אַלצדינג, וואס ס'וועט בלייבען פון אונזער שטאָדט.

— אַ מחנה באַרבאַרען געהט אויף אונז!

— חיות זענען ארויס פון די וועלדער!

— איך הער, ווי עס סקריפען די רעדער. וועה איז צו אונז!

— פערלעשט די לאָמפען!

נאָך עטליכע לאָמפען ווערען פערלאָשען. דעם ט ו י ט'ס טרומייט הערט זיך ערגיץ גאַר נאָהענט.

— און איך האָב געזעהען, ווי מען האָט קינדער און ווייבער געברענט. און מעהר קען איך ניט לעבען. איך בין נאָר געקומען אייך דערצעהלען, אָנזאָגען, איהר זאָלט וויסען. ערגיץ דאָרט אין מיין פאָטער — מיין מוטער... זאגט זיי, אז איך בין געשטאָרבען.

ער נעהמט שנעל ארויס אַ רעוואָלווער. שיסט זיך. אַ שרעק. מען לויפט אַהין און אַהער. דעם טויטען קערפער נעהמט מען אויף די הענד און מען טראָגט איהם שנעל אוועק.

— וואס איז דאָ?

— מען איז שוין געקומען. גאָט!

— ניין. עמיצער האָט זיך דערשאָסען.

— צו וואס זשע שרעקט ער אונז!

— ווישט אָב דאס בלוט.

— מוזיקאַנטען! מוזיקאַנטען!

— ער האָט געזאָגט, אז עס ברענט די נאציאָנאַל־גאַלעריע.

— וואס?

— עס ברענט די נאציאנאל־גאלעריע.

****

— מיינע העררן! א נייעס. עס ברענט די נאציאנאל־גאַ־לעריע.

פּיעלע לויפען צו די פענסטער.

— וואו? וואו?

— אָן דאָרט.

— טאקי אמת!

— פאַרזיכט. היט זיך!

— פערציהט דעם פאָרהאַנג.

— עס ברענט די נאציאנאל־גאַלעריע.

— זייט זשע מוחל, איהר האָט מיר אָנגעטרעטען אויפ'ן פוס.

— ס'ארא פייער!

— וואס? וואס? וואס?

פון דער ביבליאטעק לויפט ארויס א קינסטלער מיט א גרויסען ווייסען קראוואט און מיט א סאמעטענער בלוזע. ער איז שרעקליך אויפגערעגט. נאָך איהם געהען ארויס אנדערע קינסטלער.

— טאקי אמת? עס ברענט די גאַלעריע?

— יא. יא. קוקט.

— עס ברענט די גאַלעריע? עס ברענט מורילִיאָ! עס ברענט וועלאַסקעז? רובענס? דזשיארדזשאָנע?

— יא. יא. קוקט. ס'ארא פלאם.

— א חידוש? אייל־פארבען!

דער קינסטלער וויינט, פערדעקט דאס פנים מיט די הענד. פלוצלונג שרייט ער ווילד:

— איך וועל ניט לאָזען! איך וועל ניט לאזען ברענען ביל־דער. איך וועל ניט לאָזען! (לויפט צו דער טהיר.)

— וואוהין לויפט ער?

— ער איז פון זינען אראָב!

— האלט איהם!

— אוועק!

— איך וואלט א בעלן געוועזן זעהען, ווי ער וועט ניט לאָזען.
מאָדנע פאנטאזיארען — די ארטיסטען.

די גרופע קינסטלער:

— עס ברענט מורילא!

— עס ברענט וועלאסקעז!

— עס ברענט דזשיארדזשאָנע!

— גאָט מיין גאָט!

אייניגע פון די קינסטלער שטעלען זיך אויף די קניע פאר אנ'אלטען שווארצען בילד און רעדען מיט אראָבגעלאזענע קעפ ווי בעת א תפילה:

— דו, אונשטערבליך בילד!

— דו, וואונדערבארע שעפפונג פונ'ם מענשליכען זשעניע!

— אויף דיר איז אויסגעגאסען די געטליכע שעהנהייט. און דו וועסט שטארבען!

— דו גיסט א זין און א ווערטה צו אונזער גאנץ לעבען. און דו וועסט שטארבען!

— און די מענשען וועלען אומקומען צוזאמען מיט דיר.

— און עס וועט אומקומען די שעהנקייט. ווער וועט וועלען לעבען, ווען די שעהנקייט וועט שטארבען?

— זיי אונז מוחל, דו גרויס געטליך בילד. מיר האָבען ניט קיין מאכט דיך צו בעשיצען.

— מיר אליין וועלען אויך מוזען שטארבען.

די געסט לאכען האסטיג, איראָניש. שטימען:

— דאָרט שטארבען מענשען, און זיי — אליץ מיט זייערע בילדער.

— פאנאטיקער. זיי ווייסען נאר די בילדער. מיר אליין זיי־נען אין א סכנה, אָט וואס ס'איז וויכטיג.

— בילדער זענען גוט אין א רוהיגער צייט.

— אונז וועלען ניט ראטעווען זייערע בילדער! בילדער!

— ס'איז אבער פארט א שאָד.

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

— אַי, לאָזט צורוה! וואָלטען מיר נאָר געווען געזונד — וועלען זיי אונז אויסמאָלען נייע בילדער.

— נאָך שעהנערע.

— וויפיעל איהר ווילט. מיר אליין שטעהען אין געפאהר — אָט דאס איז דער עיקר.

— גאָט וועט ניט דערלאזען, אז ס'זאלען אומקומען אזוי פיעל אונשולדיגע.

— אָך, לאָזט צורוה, הייליגער פאטער. בעסער וואלט איהר פריהער געווען געלערענט די כלבים, אז דער הונגער פיהרט צו עולם־הבא, ניט צו קיין אויפשטאנד!

— מ'האָט געלערענט, נאר... עס העלפט ניט.

— מען גלויבט ניט!

— זיי גלויבען יא, נאר... ער זאגט שעמעודיג: — היינט האָבען זיי אויפגעהאנגען א גלח. ס'איז דאָך א גרויל ווען מען טהוט א קלער, וואס וועלען זיי ענטפערן אויף יענער וועלט.

— וואס זשע? דאס שטריקעל האָט זיך איבערגעריסען?

דער גלח רוקט זיך אב פערשעמט.

אנ'אלטינקער אין א מונדיר:

— איך האָב שטענדיג געזאָגט, אז ס'איז נויטיג רעפאָרמען. מען טאר ניט צו שטארק אָנציהען די סטרונע. ווארפט זיי נאר ארוים צו דער צייט א שטיקעל ברויט, אדער אפילו פשוט א ליעב־ליכען שמייכעל...

ער פרובט פארשטעלען מיט זיינע איינגעשרומפענע ליפען, ווי מען שמייכעלט ליעבליך.

— רעפארמען ווילט איהר? אדרבא. זאל זיין רעפארמען. זאל זיין וואס איהר ווילט. מיר אליין זענען אין א סכנה, אָט דאס איז דער עיקר. איהר פערשטעהט: מיר!

אלע רינגלען ארום דעם אלטינקען; מ'איז העכסט אויפגעבראכט, מען קלאפט זיך מיט די הענד אין הארצען און מען שרייט:

✠✠

— מיר זענען אין א סכנה, אָט דאָס איז דער עיקר. מיר!

— מיר!

— איהר פערשטעהט: מיר!

— מיר! מיר!

שרייענדיג מיט ווילדע קולות „מיר! מיר! מיר!" רוקען זיי זיך אלע צום אלטינקען און פערשטופּען איהם ערגיץ אין א ווינקעל. דער פייער־אבשיין ווערט גרעסער, דער גלאָק און דער טרומייט קלינגען שארפער. פערצווייפעלטע שטימען:

— שוין זשע וועט אונז אויסקומען שטארבען!

— לעבען איז אזוי גוט. אויב זיי וועלען קומען אהער, וועל איך זיך שטעלען אויף די קניע און וועל זיי בעטען: טויט מיך ניט, לעבען איז אזוי וואויל.

— גאָט מיינער, איך האָב זיך נאר וואס געלאזט נייהען א ניי קלייד. גאָט מיינער! איך האָב זיך נאר וואס געלאזט נייהען א ניי קלייד!

— ס'ווילט זיך אזוי ניט שטארבען!

— איך וויל ניט שטארבען! איך וויל לעבען! קיינער טאָר מיך ניט הרג'נען, אז איך וויל לעבען!

— לעבען! לעבען!

מיט יאמער־געשרייען „לעבען! לעבען!" לויפען זיי הילף־לאָז איבער'ן זאל און שטויסען זיך איינער אָן צווייטען. די מוזיק הויבט אָן שפּיעלען עפּיס א משונה'דיג־אומגעלומפּערטע זאך און ווערט באלד אנשווייגען מיט א הויכען קרעכץ, אקוראט ווי זי האָט זיך דערשראקען פאר זיך אליין. עס קומט אריין דער פּראָפעסאר, שטארק צוטראָגען. קיינער קוקט זיך אויף איהם ניט אום. מען שטויסט איהם.

— וואַרט נאר אוים! וואַרט אוים! וואַרט אוים! — ער וויינט שיער — איך דארף אייך עפּיס זאגען! איך דארף עפּיס זאָגען!

— וואס איז?

— וואס וויל ער?

— ווער איז דאס? וואס וויל ער?

— מיינע העררן, א נייעס!

עס פערזאמעלט זיך ארום דעם פּראפעסאר א הויפעל צורודערטע מענשען.

— הערט! איך בין אקארשט געגאנגען איבער'ן גאס — זיי ברענען די ביכער!

— וואסערע ביכער?

— וואס זאגט ער?

— מען ברענט עפּיס ביכער!

— נו איז וואס? וואס וויל ער פון אונז?

— אונזער אוצר, אונזער מענשליכען שטאלץ — אונזער גרעסטען הייליגטהום — די ביכער ברענען זיי, די ביכער. וואס טהוסטו, בלינדער המון! וואס טהוסטו! אך, טהייערע פריינד, טהייערע פריינד מיינע — אז איך... אז איך בין צוגעלאפען אויסרייסען... אויסרייסען ביי זיי איין קליין... ביכעלע... א קלייניגקען in quarto*) האט ער, דער כלב, מיר דערלאנגט א קלאפּ. (ער ווייגט; שטרעקט אויס די הענד אהנמעכטיג, נאר ארום איז לעדיג.) פאר וואס האט ער מיר געגעבען א קלאפּ? איך האב דען ביי איהם אויסגעריסען ברויט? איך האב עהרליך געארבייט, איך האב גאר ניט אחוץ אט דעם שווארצען... שווארצען ראק. און ווייטער גאר ניט. אפילו קיין אנדער ראק האב איך ניט! ניעדערטרעכטיגער! (ער ווייגט. קוקט ארום דעם צימער מיט זיינע קורצזיכטיגע פערוויינטע אויגען.) ווען איך טהו נאר א קלער, אז אט דאס אלעס וועט מוזען אומקומען — אט די שעהנע סטאטועו, אט די וואונדערבארע שרענק מיט די ביכער — אין אזוינע איינבונדען — אט די ליעבע, עדעלע געזיכטער... פריינד מיינע! (ער שטרעקט אויס די הענד, קוקט זיך ארום. זיי שווייגען. קוקען אויף איהם מיט חוצפּה. פּלוצלונג זאגט ער שטיל, פערוואונדערט:)

— וואו זשע זענען די געזיכטער? וואו זשע זענען די גע־

---

*) א פיערטעל בויגען די גרויס.

זיכטער? וואס איז דאָס? ווער איז דאָס? (הויך) ווער איז דאָס?

ער זוכט מיט ציטערדיגע הענד די ברילען, טהוט זיי אָן, קוקט — זיי געהען אוועק פון איהם, שמייכלענדיג, אהן א פיצעל אבשיי, ניט ענטפערענדיג קיין ווארט, אקוראט ווי מען האנדעלט מיט א משוגע'נעם אדער א קינד. ער קוקט זיך אלץ ארום פערוואונדערט, שווייגענדיג, געהט זיי נאָך מיט זיין זקנ'ישען אונזיכערען גאנג און ווערט פערשוואונדען אין ביבליאטעק. דאָ האָט מען דערוייל וויעדער אנגעהויבען יאָמערען. איצט זענען שוין אבער די געשרייען טריבע, דערשלאָגענע, האָפנונגסלאָזע, כמעט אונטערטהעניגע.

— דער טויט איז נאָהענט.
— מיר מוזען שטארבען!
— ווער וועט אונז ראטעווען? עס געהט דער טויט.
— ניטא שוין קיין האָפנונג. עס געהט דער טויט.
— גאָט האָט פערבארגען זיין פּנים פון אונז.
— דער טויט! — דער טויט! — דער טויט!

עס קומט אן דאס מיידעל אין שווארצע קליידער. זי רעדט הויך.

— וואס איז אייך? וואס טאנצט איהר ניט? וואו איז די מוזיק? מוזיקאנטען, שפּיעלט! (מען שווייגט. ד א ס מ י י ד ע ל קוקט זיך ארום פערוואונדערט. נאָכדעם זאגט זי צארנדיג): — אזוי גאר? איהר האָט מורא? פאר וואס ברענען ניט אלע לאָמפּען? איהר האָט מורא? אָ, טרוסען! איך שעם מיך צו זיין דא מיט אייך! טאנצט זשע כאָטש! (זי טופּעט מיט'ן פוס.)

שטילע, בייזע, צבועק'ישע שטימען:
— זי איז משוגע.
— איצט — טאנצען!
— לאָ'מיר פון איהר אוועקגעהן.
— זי איז משוגע. מען דארף זי ארייננזעצען אין דול־הויז.

— לאָ׳מיר אוועקגעהן.

— לאָ׳מיר אוועקגעהן. מיט איהר איז געפעהרליך. זי שרייט גאר.

— מען קען נאָך דערהערען. לאָ׳מיר אוועקגעהן! — לאָ׳מיר אוועקגעהן!

דאָס מיידעל אין שווארצע קליידער:

ניט אין דער פינסטער, נאר אין העלען ליכט פון אונזער לעבען דארפען מיר זיי בעגעגענען פנים אל פנים. איהר הערט, טרוסען. מיר דארפען זיי בעגעגענען טאנצענדיג — טאנצענדיג — טאנצענדיג! זאָל זיין א שעהנקייט אין אונזער טויט! איהר הערט!

אלע האָבען זיך אויסגעקירעוועט צו איהר מיט די פלייצעס און רוקען זיך אָב — פּאוואָליע, אויף די שפּיץ פינגער, מיט איינגעבויגענע רוקענס. מען זעהט נאר רוקענס: איינגעהויקערטע, שרעקעדיגע, צבועק׳ישע. און מען שעפּטשעט שטיל, דערשראקען, מיט א בייזער שמחה:

— זי איז משוגע.

— לאָ׳מיר אוועקגעהן פון איהר.

— לאָ׳מיר אוועקגעהן!

— שטילער! שטילער!

— לאָ׳מיר זי אבנארען! לא׳מיר אוועק שטילערהייט!

— שטילער! שטילער!

— אבנארען!

— שטילער!

דאס מיידעל אין שווארצע קליידער:

— אָ, טרוסען! גאָט מיינער, וואס איז דאס אזוינס! טאנצט זשע, זאג איך אייך, טאנצט! (זי וויינט פאר כעס, טופּענדיג מיט די פיס.)

— שטילער! שטילער! לאָ׳מיר אוועקגעהן! שטילער!

— ווילט איהר ניט! טאָ זעהט, איך וועל טאנצען אליין.

❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖❖

זי וויל זיך אנהויבען דרעהען. צו איהר געהט צו א יונגער מאן, וועלכער איז ביז אהער געשטאַנען שטיל נעבען א זייל, און זאָגט צו איהר מיט גרויס העפליכקייט:

— איך האָב די עהרע אייך איינצולאדען.

אָהן מוזיק דרעהען זיי זיך א שטיקעל צייט איבער'ן לעדיגען רוים אינמיטען זאל. יענע שטעהען איינגעבויגען הינטער זייערע פלייצעס, קוקען אויף זיי איבער די אקסלען און שעפטשען אזוי, אז עס שיפעט איבער'ן גאנצען זאל:

— משוגע'נע! משוגע'נע! משוגע'נע! משוגע'נע!

ד ע ר י ו נ ג ע ר מ א ן (שטעלט זיך אָב): — לאָ'מיר אוועקגעהן פון דאנען. דאָ איז פאר אונז ניט קיין פלאץ.

ער פיהרט דורך דאָס מ י י ד ע ל צווישען די רייהען ג ע ס ט, וועלכע טרעטען זיי אָב דעם וועג. ווי נאָר זיי פערשווינדען, טהוען זיך אלע, לאכענדיג, א שאָט אויפ'ן מיטען זאל. זיגעס־פרעהלי־כע שטימען:

— זי איז אוועק!
— חא־חא־חא! אוועק.
— מיר האָבען זיי אָבגענארט!
— ס'ארא טאנץ זיי האָבען געטאנצט!
— חא־חא!

אַ בייזע שטים:

זי דארף מען ארייגזעצען אין דול־הויז. מיט איהר געשריי קען זי נאָך צונויפרופען אהער די גאנצע שטאָדט.

— בינדען!
— פערשטאָפּען איהר דאָס מויל.
— נאָך א מינוט — וואָלט איך זי אנגעכאפּט פאר'ן גאָרגעל.
— טאנצען גאָר? מיר זענען אין געפאהר — אָט דאָס איז דער עיקר.

— מען דאַרף גאָט בעטען.

— לאָזט צורוה. גאָט ווייס בעסער פאַר אייך, וואָס דאָ טהוט זיך. מיר דאַרפען בעטען דעם טייוועל!.. דעם טייוועל!..

— וואָס רעדען זיי? — דאָס איז א חלול־השם! גאָט איז אונזער בעשיצער!

— איך וויל ניט שטאַרבען. איך וויל לעבען — לעבען! ווער וועט מיר שענקען דאָס לעבען, צי גאָט צי דער טייוועל, איז מיר אלץ איינס.

— ער איז פון זינען!

— ניין, ער איז גערעכט! מיר דאַרפען בעטען דעם טייוועל!

א געפּילדער. עס לויפט אריין א משרת און זאָגט דעם בעל־הבית פון דעם הויז:

— מען געהט אהער! שוין נאָהענט!

— וואָס?

— מען געהט אהער!

דער בעל־הבית, הויך, קוים כאַפּענדיג דעם אָטעם: מיינע העררען, אכטונג. זיי געהען אהער. פערלעשט די לאָמפּען. פערלעשט די לאָמפּען. גיכער! ס'איז נאָך דאָ א האָפנונג, אז זיי וועלען אונז ניט בעמערקען, אין דער פינסטער. לעשט די לאָמפּען!

א בהלה, אָבער שטיל, אָהן קולות. אין שרעקליכער אימה, שווייגענדיג, דרעהט מען זיך אהין און אהער און ווי בלינדע שטויסט מען זיך אָן איינער אָן צווייטען. מען לעשט די לאָמפּען. פון אומעטום, פון אלע טירען קומען אריין נייע פיגורען, אלץ אזוינע צושראָקענע, צומישטע. עס קומען אויך אריין די קינסטלער. דאָס לעצטע לעמפּעל איז אויסגעלאָשען, ס'איז געוואָרען פינסטער־חשך, און אין דער פינסטערניש טרעטען ארויס העל און שרעקענדיג די רויט־בעלויכטענע פענסטער. דורך דעם מיטעל־סטען גרויסען פענסטער מיט די שפּיעגעל־שויבען זעהט זיך איצט דער שווארצער אומרים פונ'ם אלטען קירך־טהורעם און הינטער

איהם רויטע קנוילען רויך און אפילו, דאכט זיך, פייער־צונגען. פון דאָרטען הערט זיך אָהן אנ'אויפהער א קלינגעריי. דער הייזע־ריגער טרומייט פונ'ם טויט איז אויך גאָר נאָהענט. אין דער פינסטער הערען זיך לאנגזאמע, וויינענדיגע שטימען:

— עס קומט דער טויט.

— זיי געהען, מען הערט שוין זייערע אכזריות'דיגע טריט.

א סוף צו די בילדער! א סוף צו וועלאסקעז, מוריליאָ, דזשיאָרדזשאָנע!

— א סוף צו אונז! צו אונז! צו אונז!

— עס קומט דער טויט!

— האָט רחמנות, הונגעריגע.

— זייט אונז מוחל, הונגעריגע. מיר'ן טהאָן, וואָס איהר ווילט.

— א סוף צו וועלאסקעז!

— גאָט, האָב רחמנות אויף אונז!

— ער הערט ניט! ער האָט אונז פערלאָזען.

— ער איז קיינמאָל מיט אונז ניט געווען. בעט דעם טייוועל!

— טייוועל! טייוועל!

— גאָט! גאָט!

— קום, טייוועל, בעוויז דיך!

— בעשיץ אונז, טייוועל!

— גאָט! גאָט!

— טייוועל! טייוועל!

— עס קומט דער טויט!

מען קרעכצט. פלוצלונג לאָזט זיך הערען פון דער פינסטער, דאָרט וואו די טרעפ איז, א דינע, אָבער רוהיגע, זיכערע, הויכע שטים:

— וואָס איז דאָ אזוינס? פאר וואָס איז ביי אייך פינסטער? דער שטראָם האָט זיך אפשר איבערגעריסען?

✤✤

שטימען, פרעהליכע און דערשראָקענע:

— דער טייוועל! דער טייוועל!

ביי דער טהיר צינדען זיך אָן עטליכע לעמפּלעך און בעלויכ־טען די קליינע פיגורקעלע פונ׳ם א י נ ז ש ע נ ע ר. ער איז א נידעריג מענשעלע, מיט א פּליך, אָנגעטהאָן שמוציג, אָבער האל־טען האלט ער זיך גאוה׳דיג־זיכער. ער איז ניט קיין שעהנער נאָר זיין קיילעכדיגער שטערען איז שעהן. ער רעדט עפּעס מיט א שמייכעל צום לאקיי — ער איז דעמאָקראַטיש, און הלכות־דרך־ארץ שפּיעלען ביי איהם א קליינע ראָלע — יענער ענטפערט איהם מיט כבוד און ווייזט אויף עפּעס מיט די הענד.

ד ע ר א י נ ז ש ע נ ע ר.

אהא, איך פערשטעה! ניש׳קשה, ניטאָ זיך וואָס צו שרע־קען, מיינע הערען. איהר מעגט אָנצינדען די לאָמפּען. צינד נאָר אָן, זיי מוחל, אליין זענען זיי איצט לא־עליכם׳דיג...

ער נעהמט ארוים א שמוציג נאָז־טיכעל און שנייצט זיך היל־כיג די נאָז. אן אלגעמיינע פרייד, געשרייען: „דער אינזשענער! דער אינזשענער!“ מען צינדט אָן אלע לאָמפּען. דער בעל־הבית פון דעם הויז אומארמט ד ע ם א י נ ז ש ע נ ע ר.

— נייעסען, מיין ליעבער, נייעסען!

— מיינע הערען, נייעסען! דער אינזשענער האָט געבראכט נייעסען!

— זאָל ער רעדען!

— הערט, הערט!

דער אינזשענער:

ניט אזוי וויכטיג, מיינע הערען. איך מוז אייך זאָגען...

ער נעהמט ארוים דאָס נאָז־טיכעל און הויבט אָן הילכיג צו שנייצען די נאָז. אויפגעבראכטע, אונצופריעדענע שטימען:

— וואָס איז דאָס?

— דאָ וואַרט מען, און ער...
— א שנייצעניש אויף איהם...

דער אינזשענער:

איהר מעגט זיין זיכער, אז ווען איך וואָלט אליין געבויעט מיין נאָז, וואָלט מען קיין טיכעל גראָד ניט געדאַרפט. אָבער וואָס טהוט מען, דער קאַטער...

— נייעסען! נייעסען!

— קיין בעזונדערע נייעס איז ניטאָ. דער אויפשטאנד האָט נאָך ניט אויפגעהערט. עפּיס האָבען זיי דאָרטען ווידער אונטער־געצונדען, איך ווייס ניט, דאכט זיך, די נאַציאָנאַל־גאַלעריע. אזוי־נע אידיאָטען! איבעריגענס קען זיין, אז די גאלעריע האָבען אונ־טערגעצונדען אונזערע גראַנאַטען.

— איז דאָס טאקי אמת! ווייטער! דעם תוך!

— איך קען נאָך מודיע זיין, אז דער אויפשטאנד פערכאַפּט, דאכט זיך, איינציגע נייע ראַיאָנען. נאָר מיר, אינזשענערען, האָבען אָנגעווענדט מיטלען...

— אויף וועמעס צד איז דער קעניג הונגער? איהר האָט אפשר געזעהען?

— איך ווייס ניט, דאָס האָט מיך ניט אינטערעסירט. זאָג איך, הייסט עס, אז מיר האָבען אָנגעווענדט איינציגע מיטלען... איך בין אָבער אין ספק צי איז דאָ פאראַן אזוינע, וואָס פערשטעהען גוט מאַטעמאַטיק.

— רעדט אָהן מאַטעמאַטיק.

— נו־נו. האָבען מיר, הייסט עס, איך און מיינע חברים, געמאַכט עטליכע גראַנאַטען, וועלכע האָבען גאָר א בעזונדערע, ווי זאָגט מען דאָס, אויסערגעוועהנליכע צערשטערונגס־קראַפט; די גרויס פון דער קראַפט קען איך אייך, מיינע דאַמען, ניט פאַרשטע־לען קלאָר. לאָ'מיר זאָגען, אָט איז א פּלאַץ, א געוועהנליכער שטאָדט־פּלאַץ פול מיט מענשען, און אָט איז איינע־צוויי גראַנא־טען, איז גענוג...

שטימען:

— אַהאַ!

— גוט! אזוי, אזוי. — אויף פיץ־פיצלעך!

— ס'אַרא שרעק!

— לאָזט צורוה. איך האָב אָבער געזאָגט, מען דאַרף בעטען דעם טייוועל. בראַוואָ!

— בראַוואָ! בראַוואָ!

אַפּלאָדיסמענטען. ד ע ר א י נ ז ש ע נ ע ר פערנייגט זיך און נעהמט ווידער ארויס דאָס טיכעל.

— האָט קיין פּאַראיבעל ניט, איך בעט אייך, איך האָב אזא שווערען קאַטער...

— ניש'קשה, ניש'קשה, וואָס מאַכט דאָס אויס!

— שוין זשע האָט ער ניט קיין ריין טיכעל.

— אַי, לאָזט, ער איז אַזאַ וואָוילער מענש.

— ווייטער, אויף דעם זונען־בארג האָבען מיר אוועקגעשטעלט עטליכע ריעזיגע האַרמאַטען. אויב דער אויפשטאַנד וועט נאָך ווייטער דויערען, וועלען מיר פערוואַרפען די שטאָדט.

— ווי איז דאָס מעגליך? און מיר!

— עס וועלען אומקומען אונשולדיגע.

— ווי איז דאָס מעגליך!

— געוויס, מיינע העררן, א שטיקעל סכנה פאַר אייך איז דאָ פאַראַן. אָבער איצט אַ, ווען עס ארבייטען מיינע חברים...

— בראַוואָ!

— מען קען אזוי גענוי אַנצילעווען די האַרמאַטען...

— בראַוואָ! בראַוואָ!

אַפּלאָדיסמענטען. ד ע ר א י נ ז ש ע נ ע ר פערנייגט זיך מיט א זייט און רופט צו זיך צו מיט א וואונק דעם לאָקיי.

— אפשר קענסטו מיר ברייננגען א גלעזעל קאָניאַק?

דער בעל־הבית מיט אַ דונערנדער שטים:

קאָניאַק פאַר'ן העררן אינזשענער!

— ס'אזא קעלט, פערשטעהט איהר מיך. צום שלום, מיינע העררן, נאָך א קליינע נייעס, וואָס וועט איך הנאה טהאָן. צוויי־שען די הונגעריגע גופא האָבען מיר פאר א בערך גאָר ביליגען פרייז געפונען איינינע קלוגע און פלינקע חברה, וועלכע מיר האָבען גע־געבען צו פערשטעהען, וואָס זיי האָבען צו טהאָן. דער פועל־יוצא איז, אז אָט די אידיאָטען האָבען איצטער אָנגעהויבען אויסקויילען איינער דעם אנדערען גאָר אויפ'ן שענסטען אופן.

א געלעכטער.

— אָט אזוי! אָט אזוי!

— וואָס דען — זיי פערשטעהען עפּיס? אידיאָטען! — בהמות! — נאַראָנים!

— גוט! גוט! בראַוואָ!

דער גלח שאָקעלט שעמעוודיג דעם קאָפּ אויף „ניין.“ דער אינזשענער נעהמט דאָס געבראַכטע גלעזעל קאָ־ניאַק, פערנויגט זיך און טרינקט.

לחיים, געעהרטע דאַמען!

זעהר א שעהנע דאַמע, דעם בעל־הבית'ס ווייב, זאָגט הויך:

— הערר אינזשענער! איהר זענט ניט שעהן, איהר האָט א שמוציג נאָז־טיכעל, איהר זענט וואולגאר און פערשטעהט ניט, ווי מען דארף זיך האַלטען אין א לייטישער געזעלשאַפט, נאָר איהר האָט אונז גערעטעט, און דעריבער שטעל איך זיך פאר אייך אויף די קניע.

זי שטעלט זיך אויף די קניע. די איבעריגע דאַמען שרייען:

— איך אויך! איך אויך! איך אויך!

די דאַמע רעדט ווייטער:

פון אייך שמעקט עפּיס זעהר ניט גוט, נאָר אויב איהר וועט וועלען, וועל איך זיין אייערע.

— איך אויך! איך אויך!

— און מיין מאן וועט דאָס ערלויבען, ווייל ער ווייסט, און מיר אלע ווייסען, אז איהר זענט אונזער גואל. איך וועל אייך א קוש טהאָן די האנד.

זי ציהט זיך אויף די קניע צו זיין האנד. די איבעריגע דאַ־מען אויך.

דער אינזשענער, וואולגאר:

נארישקייטען, נארישקייטען, מיינע דאמען. שפּעטער וועל איך אפשר אמאָל אויסניצען אייער פריינדליכען פּאָרשלאג, דער־ווייל אָבער... בין איך זעהר מיעד און איך וואָלט א בעלן געוועזן מיר וואשען די הענד.

ער געהט אוועק. א מחנה דאמען און מיידלעך בעגלייטען איהם. שטימען:

— טאַנצען.

— אנגאזשירט די דאמען!

— ווי ליכטיג!

די מוזיק שפּיעלט. איינינע טאנצען. דער גלאָק קלינגט שוין עפּים ניט אזוי אָפּט, נאָר ד ע ם ט ו י ט 'ס טרומייט הערט זיך א שטיק צייט גאָר אָהן אנ'אויפהער. אָט האָט ער שוין פער־הילכט דעם גלאָק, אָט האָט ער פערהילכט און איבערגעשריען די מוזיק — אָט האָט ער שוין אָנגעפילט דעם זאַל, א הייעזריגער, א זיעגעס־פרעהליכער, א ווילדער. אלע הערען זיך איין מיט אויס־געשטרעקטע העלזער. מען רעדט שטיל, שיער־ניט שעפּטשענדיג:

— דער טויט!

— ווי ער קאָסעט דאָס אביסעל!

— שרעקליך!

— איהר הערט?

— מען פיהלט, ווי עס פאלען הונדערטער מענשען.

— טויזענדער!

— ער איז ווילד־צעריצט.
— דער טויט! דער טויט!

פלוצלונג קומט אַן אַ טויטע שטילקייט, אַזוי אומגעריכט, מיט אַמאָל, אַז זי גיעט אַזש ווי אַ קלאַפּ איבער די קעפּ. עס ווערט אַנ־שוויגען דער גלאָק. עס טהוט נאָך אַ קרעכץ דער טרומייט און ווערט שטיל. אַ פערגליווערטע שטילקייט. העל ברענען די עלק־טרישע לאָמפּען. אַלע זענען פערשטאַרט געוואָרען אויף זייערע ער־טער און קוקען זיך פערוואונדערט, אויפגערעגט ארום.

עמיצער געהט אויף די טרעפּ. שווערע, לאַנגזאַמע טריט.
— וואָס איז דאָס?
עס געהט אריין דער קעניג הונגער. ער איז פערבלוטיגט און זיין פערמאַטערטער פּנים איז טויט־בלייך. אויפ׳ן קאָפּ אַ שפּיציגע רויטע קרוין; אויף די שפּיצען איז עפּיס רויטס, בלוטיגס, ווי שטיקלעך מענשען־פלייש. ניט קוקענדיג אויף קיי־נעם געהט ער ביז אין מיטען זאל און בלייבט שטעהען אין דער פּאָ־זע פון שווערען קומער און טיעפען יאוש.

מען שעפּטשעט:
— וואָס איז דאָס? וואָס איז איהם?

דער קעניג הונגער הויבט אויף דעם קאָפּ; זיי־נע אויגען זעהען גאָר ניט, אַקוראַט ווי זיי זענען געוואָרען בלינד; ער זאָגט שטיל:

— אוים. זיי אַלע — ליעגען אונטען. און וועלען שוין קיינמאָל ניט אויפשטעהן. און איך בין ווידער — אי׳ער — משרת.

די מוזיק שפּיעלט אַ פייערליכען זיעגעס־מאַרש.

דער פּאָרהאַנג פאַלט.

דאָס פינפטע בילד.

די מפּלה פון די הונגעריגע
און דער שרעק פון די זיעגער.

די זון געהט אונטער, רויט ווי בלוט. דער גאנצער הימעל פון אויבען ביז אראָב איז איין גרויסער תהום פון שטילען, שוויי־גענדיגען רויטען פייער — אַקוראַט ווי פערפּלייצט מיט געדיכטען, טונקעל געוואָרענעם בלוט. און די ערד, מיט אלצדינג וואָס געפינט זיך אויף איהר, זעהט אויס כמעט שווארץ.

א וויסטע, אונפּרוכטבארע געגענד: ניט קיין בוים, ניט קיין קוסט, ניט קיין איינציגע הויכע פיגור. אלצדינג פלאך — נאָר אינמיטען, נעהנטער צום לינקען ראנד, שטעהט א הויך בערגעל, פול גריבער, און פון אויבען א לאנגער אלטער הארמאט מיט הויכע רעדער. אָנגעלעהנט אויפ׳ן הארמאט שטעהט ד ע ר ק ע נ י ג ה ו נ ג ע ר, הויך, אונבעוועגליך, דאָס פנים אויסגעקירע־וועט אהין, וואוהין עס איז אָפען דאָס מויל פונ׳ם הארמאט.

פאר׳ן הארמאַט ליעגען די קערפּער פון די גע׳הרג׳טע, האלב פערשוואומען אין דער טונקעלהייט פון דער נאָהענטער נאכט. און איבער׳ן טויטען פעלד זעהט זיך אונדייטליך די שארפע פיגור פון ד ע ם ט ו י ט. ער שטעהט אָהן בעוועגונג — ווי אויף דער וואך.

הינטער דעם הארמאַט, אביסעל ווייטער, זעהט מען ד י ז י ע ג ע ר — די אייגענע, וואָס זענען געווען צ ו ש ו י ע ר אין געריכט און וואָס האָבען אין דער נאכט פונ׳ם גרויסען אויפשטאנד זיך געפונען אינ׳ם רייכען זאל. זיי געהען פארביי, שטיל, פערוויי־

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

קעלט אין שאָטענס. איינינע שטעהען גרופּענווייז, צוגעדריקט איינער צום צווייטען; זייערע פיגורען זעהען זיך דייטליך אָנט־קעגען דעם רויטען הימעל.

זיי ריידען שטיל, איינגעהאלטען, ווייל ניט ווילענדיג האָבען זיי אָבשיי פאר ד ע ם ט ו י ט. אויף אלצדינג ווארפט דער פּורפּור־גליהענדער הימעל זיין אָבשיין.

דער שמועס פון די זיעגער.

— ס'אַרא פינסטערקייט!

— און דער זון־אונטערגאנג איז אזוי שעהן. פּונקט א ים פייער אָדער בלוט.

— מאָרגען וועט זיין א ווינד.

— פּאָרזיכטיג, הויבט אויף דאָס קלייד, דאָס איז בלוט.

— אזוי, איך דאנק אייך.

זיי מיידען אוים דעם טונקעלען פלעק, אונטערהויבענדיג די קליידלעך.

— און ווי שטיל דאָ איז!

— יא — קיין שאָרך.

— אזוי איז שטענדיג דאָרט, וואו ס'איז דאָ א סך טויטע.

— וויפיעל ליעגט דאָרט?

— פיעל. זעהר פיעל.

— יא. פאר היינטיגס מאָל גענוג. אויב דאָס וועט זיי אויך ניט אָנלערנען...

— און ווי רוהיג זיי זענען!

— ווי שטיל!

— ווי קינדער אין וויעגעלע.

— און ווי האָבען זיי געשריעגען! איהר געדענקט די שרעק־ליכע געשרייען, דאָס וואָיען?

— און געפּאָדערט מיט אזא געפּילדער!

א שטיל געלעכטער. ניט הויך, אָבער פעסט קלינגט די שטים פון דעם מיידעל אין די שווארצע קליידער:

— לאכט ניט פון געפאלענע.
— זי איז ווידער דאָ.
— דאָס מיידעל אין שווארצען.
— ס'איז פון איהר ניט צו דערליידען.
— וואָס וויל זי האָבען?
— זיי זענען מוטהיג געשטאָרבען.
— ווידער זי.
— מען דארף זי אריינזעצען אין דול-הויז.
— ניט כדאי. מען דארף ניט זיין קיין נוקם ונוטר. איצט קען זי ניט שאדען.
— זאָל זי רעדען.
— זאָלען זי הערען די טויטע. זיי איז אזוי אנגענעהם דאָס צו הערען.

א שטיל האסטיג געלעכטער.

— זיי זענען מוטהיג געשטאָרבען.

מען שווייגט. טונקעלע פיגורען געהען שטיל פארביי.

— פאַרזיכטיג! דאָ איז בלוט.

מען שווייגט.

— איהר האָט זיי געזעהען פון דער נאָהענט?
— יא. היינט אינדערפריה זענען מיר געווען דאָ מיט דעם אינזשענער. ער איז זעהר צופריעדען מיט דער ווירקונג פון זיינע גראַנאטען.
— ווי שטיל.
— פאָרזיכטיג. דאָ איז ווידער בלוט.
— יא, איך זעה. ווען וועט מען דאָס שוין אָברייניגען.
— יא, כדאי וואָס גיכער. ס'איז געפעהרליך צו לאָזען ליעגען אזוי פיעל מתים.
— וואָס איז, זיי ווילען דען אויפשטעהן?

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

א שטילער געלעכטער און ווידער דעם מיידעלס׳ם קול:

— לאכט ניט פון געפאלענע!

מען שווייגט.

— זי ווערט באלד הייזעריג ווערן, רעדענדיג די אייגענע ווערטער. מחשבות׳ן, איהר זענט היינט געווען אויפ׳ן טויטען פעלד ווען מען האט געזונגען די פייערליכע געזאנגען צום הארמאט?

— יא, איך בין געווען מיט דער מאמען. ס׳איז געווען אזוי פייערליך. מיר האבען אלע געוויינט. ווער האט אויסגעטראכט די ווערטער פון דער תפלה, אפשר ווייסט איהר? זיי זענען אזוי שעהן.

— מען זאגט, אז דער גלח.

— דאס איז ניט אמת. דאס פאלק אליין האט זיי אויסגע־טראכט אין זייער גרויסער פרייד.

— ס׳איז געווען אזוי ריהרענד, ווען די מאמעס האבען צוגע־טראגען זייערע קליינע קינדער צום הארמאט און געהייסען איהם קושען. צארטע קינדערשע הענדטעלעך נעהמען פערטרויליך ארום דאס דאזיגע קופערנע בעשעפעניש — ס׳איז דאך אזוי ריהרענד!

— ווי שעהן. איך בין א מאנסביל — פונדעסטוועגען האב איך אויך געוויינט.

— אלע האבען געוויינט.

— מען האט געמאכט מיט די טיכלעך. געשריען.

— עס האבען די פאהנען געפלאטערט!

— און די זון איז ארויסגעגאנגען פון הינטער די וואלקענס און אונז בעלויכטען.

— נאר אונז.

— יא — די זענען די גאנצע צייט געלעגען אין שאטען. די זון האט ניט געוואלט אויף זיי א קוק טהאן.

— און מיר טהוט באנג, וואס מען ווערט דאס אלעס באלד אבראמען. דער דאזיגער פלאץ וואלט אזוי געפאסט צו שפאציר־רען אויף איהם אין אוונד. דא איז אזוי שטיל.

— פּאַרזיכטיג, בלוט!

— ניש׳קשה, עס ווערט שוין פערטרוקענט. און אין שטאָדט איז איצט ניט אויסצוהאַלטען, אזוי הילכט דאָרטען און גרילצט דאָס אייזען.

— יא, אומעטום שמיעדט מען קייטען. צום בעדויערען, מוז מען דאָס.

— קען מען דען נישט טהאָן דאָס אייגענע שטילער! מען ווערט פּשוט טויב פון די האַמערס. דאָס קלאַפּען צורודערט די נערוועז. די גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט א אונענדליכע אייזערנע קייט, וועלכע נעהמט ארום די גאַנצע ערד. מען מוז אָבּ־פאָהרען אויף א שטיקעל צייט.

— אמת, דאָ איז אזוי שטיל!

מען שווייגט.

— איהר גלויבט דעם קעניג הונגער?

— יא. ער האָט עהרליך ערפילט זיין חוב.

— ער איז אָבער צו טרויעריג. שוין די צווייטע נאַכט שטעהט ער דאָ און רעדט ניט קיין וואָרט. ס׳איז גלאַט ניט קיין דרך־ארץ.

— איך האָב געהערט, ער גרייט זיך צו אַ רעדע.

— אזוי? דאָס וואָלט געווען זעהר גוט. איהר געדענקט זיין רעדע אין געריכט?

— ער איז צו טרויעריג.

— און איהר ווילט געהן מאָרגען אויף דעם פּראָפעסאָר׳ס לעקציע?

— וואָס, ער לייענט דען?

— יא. וועגען קולטור.

— מען האָט דאָך געזאָגט, אז ער איז שווער קראַנק, אז ער האַלט ביים שטאַרבען.

— שטעלט אייך פאָר, געזונד געוואָרען. אזא אַלטער: עס נעהמט איהם קיין קויל ניט. מיר אַלע זענען צו איהם געפאָהרען

יעדען טאָג און ער האָט אונז געקושט די הענד און געזאָגט: „מייַנע ליבע דערבאַרעמדיגע שוועסטער".

— שטילער! דאַכט זיך, דער קעניג הונגער וויל רעדען.

— דאָס איז אינטערעסאַנט.

— הערט אויף אַרומגעהן.

— ער האָט אויפגעהויבען די האַנד.

— שטילער! שטילער!

דער קעניג הונגער פערלאָזט זיין אונבעוועגליכע פּאָזע. ער שטרעקט אויס די האַנד צו די טויטע און רעדט שטיל און איינגעהאַלטען:

— וואָס האָט איהר אויסגעפיהרט, דולע? — וואוהין זענט איהר געגאַנגען? — אויף וואָס האָט איהר געהאָפט? מיט וואָס האָט איהר גערעכענט צו שטרייטען? מיר האָבען האַרמאַטען, מיר האָבען פערשטאַנד, מיר האָבען כח — וואָס האָט איהר, אומגליקליכע נבלות? אָט ליעגט איהר אויף דער ערד און קוקט אין הימעל אַריין מיט אייערע טויטע אויגען — דער הימעל וועט אייך ניט ענטפערען גאָר ניט. היינט ביינאַכט וועט אייך איינשלינגען די שוואַרצע ערד, און אויף דעם אָרט, וואו איהר וועט זיין בעגראָבען, וועט אויסוואַקסען פעט גראָז; און מיר וועלען דערמיט האָדעווען אונזערע בהמות. אָט דאָס האָט איהר, דולע, געוואָלט?

לעבעדיגע שטימען:

— וואוהין זענט איהר געגאַנגען?

— וואָס האָט איהר אויסגעפיהרט?

— באַלד וועט אייך איינשלינגען די שוואַרצע ערד. עס גייען שוין די בעגרעבער.

— מען טראָגט שוין די רידלען. געהט אין דער ערד, משוגעים!

— וועה צו די בעזיעגטע!

— וועה צו די בעזיעגטע!

עס בעוויזט זיך א שווייגענדיגע גרופּע בעגרעבער מיט רידלען אויף די אקסלען. אָהן גערויש שטעלען זיי זיך אָב ביי'ם עק פונ'ם טויטען־פעלד. דער קעניג הונגער רעדט ווייטער:

— צו וואָס זענט איהר געשטאָרבען, צו וואָס? אָט טראָגט מען רידלען, מען געהט שוין צו נאָהענט — גיכער! קומט צו זיך, שטעהט אויף, הויבט זיך אָן ריהרען, זאָג איך אייך. איהר קענט ניט? שטיל געוואָרען? דער טויט האָט פערקאָוועט דאָס מויל? יא, דער טויט איז א גרויסער שמיעד, און ניט איהר וועט צורייסען זיינע קייטען! און אייך האָב איך דאָס אָנגערופען קינדער, איהר מיאוס'ע, אומגליקליכע נבלות.

בייז־קאלטע נצחון־שטימען:

— וועה צו די בעזיעגטע!

— זוהן מיינער, זוהן מיינער! דו האָסט געשריען אזוי הויך, וואָס זשע שווייגסטו אצינד? טאָכטער מיינע, טאָכטער מיינע, דו האָסט געהאסט אזוי טיעף און אזוי שטארק, דו ביזט געוועזן די אומגליכליכסטע אויף דער וועלט — שטעה זשע אויף. הויבט זיך אויף פון דעם שטויב! צעררייסט די קייטען פון טויט, זיי האָבען דאָך ניט קיין ממשות! שטעהט אויף! איך בעשווער אייך מיט'ן נאָמען פונ'ם לעבען! — איהר שווייגט? טאָ זייט זשע...

פלוצלונג הויבט זיך אָן אויף דעם טויטען־פעלד עפּיס א אונ־בעשטימטע בעוועגונג; עס הערט זיך א שאָרך, עס קנאקען די אי־בערגעבראָכענעביינער, שארפע טויטע נעגעל קראצען און דראפּען די ערד — דערשראָקען, מיט אויסגעצויגענע העלזער, הערען זיך איין די זיעגער. דומפּ און ווייט, ווי פון אונטער דער ערד, הערט זיך דאָס ברומען פון טויזענטער שטימען:

— מיר'ן נאָך קומען. מיר'ן נאָך קומען. וועה צו די זיעגער!

דער קעניג הונגער.

— וואָס הער איך?

✣✣✣

אַ טויט ברומען פון ווייטען:

— מיר׳ן נאָך קומען!

— מיר׳ן נאָך קומען!

— וועה צו די זיעגער!

זיי ווערען אנשווינגען. און ווידער איז אויפ׳ן טויטען־פעלד רוהיג און שטיל, און אונדייטליך זעהט זיך ארוים די אונבעוועגליכע פיגור פונ׳ם טויט. א מינוט שטעהען אלע פערטראכט. פלוצלונג לויפט דער קעניג הונגער מיט א הילכיגען געלעכטער אריבער אויף דער זייט און שרייט גרויזאם, מיט א ווילדער פרייד:

— חא־חא! איהר האָט געהערט! זיי וועלען נאָך קומען. זיי וועלען נאָך קומען. וועה צו די זיעגער!

ער לאכט. אויף יענע פאלט אָן א שרעק. מען לויפט. דער־שראָקענע שטימען:

— גיכער! גיכער!

— טויטע ערוואכען!

— טויטע ערוואכען!

— זיי יאָגען אונז נאָך!

— גיכער!

— לויפט! לויפט! טויטע ערוואכען!

שטויסענדיג איינער דעם צווייטען, פאלענדיג, טרעטענדיג די אומגעפאלענע וויינענדע ווייבער מיט די פיס, אנטלויפען זיי מיט א ווילדען וואָיען. צו זיי ציהט זיך דער קעניג הונגער מיט זיין גאנצען מאָגערען ליב און שרייט זיי נאָך מיט א ווילדער, וואהנזיניגער פרייד:

— גיכער! גיכער! די טויטע ערוואכען!

דער פאָרהאנג פאלט.

ענדע.

דיא טעג פון אונזער לעבען

פערזאָנען:

יעוודאָקיא אנטאָנאָוונא.
אָלגא ניקאָלייעוונא, איהר טאָכטער.
גלוכאָווצעוו, ניקאָלאי,

אנופרי,
מישקא,
בלאכין,
פיזיק,
ארכאנגעלסקי,
אננא איוואנאָוונא,
סטודענטען און קורסיסטקעס.

זינאאידא וואסיליעוונא,
עדוארד פאָן־ראנקען, א דאָקטאָר.
מיראָנאָוו, גריגאָרי איוואנאָוויטש, אן אָפיצער.

גרישא,
א הענדלער,
אן אלטער גענעראל מיט זיין טאָכטער,
מיליטער־שרייבער,
דאָס פובליקום אויפ'ן בולוואָר.

אנושקא און פיאָטער, דיענער אין האָטעל.

פלאץ — מאָסקווא. צייט — לעצטע העלפט פון די 90־גער יאָהרען.

ערשטער אקט.

וואראביאָווע בערג. אָנהויב סעפּטעמבער, עס פאַנגט שוין אָן דער גאָלדענער הערבסט. אַ שעהנער זוניגער טאָג.

צום ברעג פון באַרג־אָבּרים געהען צו צוויי: דער סטודענט ניקאָלאַי גלוכאָווצעוו און אָלגא ניקאָלאַיעוונא, אַ מיידעל פון אַ יאָהר אַכצעהן. גלוכאָווצעוו טראָגט אַ רויט רוסיש העמדעל, און אויף דעם, אַרויפגעוואָרפען אויף די אַקסלען, אַ גרויע סטודענטישע טו־זשורקע, און אַ זומערדיגע היטעל מיט אַ ווייסען דעק. די מיידעל איז אָנגעטהאָן אין אַ לייכטער זומערדיגער בלוזקע, מיט אַן אָפענער האַלז; איהר אויבערשטען געוואַנדענעם יאַקעל טראָגט איהר בעגלייטער אויף זיין אָרעם.

זיי שטעלען זיך אָב און קוקען מיט בעגייסטערונג אויף דער שטאָדט מאָסקווא, וואָס זעהט זיך פון וויימען.

א ל ג א נ י ק א ל. (דריקט זיך מיט'ן שולטער צו גלוכאָווצעוו): אַך, ווי גוט, קאָליא! איך האָב זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אז דאָ קען זיין אזוי שעהן!

ג ל ו כ א ו ו צ ע ו ו: יא, אמת'ע שעהנקייט! א פּראַכט־פולער טאָג. טהו נאָר א קוק ווי עס גלאַנצט דער קופּאָל אויפ'ן כראם ספּאַסיטעליא, און אויף איוואן וועליקי — זעה נור!

א ל ג א (מאַכט האַלב צו די אויגען): וואו? וואו? זעה ניט.

ג ל ו כ א ו ו צ ע ו ו: אָט, אָט־צו־רעכטס... נאָך, נאָך אַ ביסעל מעהר רעכטס. (נעהמט מיט ביידע הענד איהר קאָפּ און גיט אַ קעהר) זעהסטו?

א ל ג א: וואָס פאַר אַ פּראַכט, קאָליעטשקא! און וואָס איז

דאָס פּאָר אַ קליינע צערקוועלע דאָרט אונטען, אַזאַ קליינטשינקע, גאָר ווי אַ צאַצקעלע?

גלובאָווצעוו: איך ווייס ניט. עפּעס אַזוי זיך אַ צערקווע. יאָ, אָט דאָס הייסט שעהן. און ווען מען בעדענקט, אַז פון דאַנען האָבען אַראָבגעקוקט יאָהאַן גראָזני, נאַפּאָלעאָן...

אָלגאַ: און איצט — קוקען מיר. און וואו מיר וואוינען, קאָליעטשקע, קענסטו געפינען?

גלובאָווצעוו: געווים קען איך. אָט... אָט... אָט זעהסטו די צערקוועלע, עטליכע אין איינעם זיינען זיי דאָרט — איז אַ ביסעלע לינקס פון זיי, זיינען אונזערע נומערען. ווי מאָדנע: ניט שוין זשע וואוינען מיר ווירקליך דאָרט אין יענעם געמויערטען מישמאַש? און אָט ניט שוין־זשע איז דאָס טאַקע — מאָסקווע?

אָלגאַ: ווען איך קוק פון דאַנען, דוכט זיך מיר ווי איך וואָלט אונז אַליין דאָרט זעהן, ווי מיר לעבען דאָרט, און מיר זיינען ביידע אַזעלכע קליינעטשקע, פּונקט ווי צוויי פליגעלעך... ווי ליעב איך האָב דיך, קאָליעטשקע!

גלובאָווצעוו (ברומט): ררר־ררר־ררר.

אָלגאַ: וואָס איז מיט דיר?

גלובאָווצעוו: ס'איז גוט! זעהר גוט! צום טייפעל! — פאַר וואָס איז דאָס אַלעס אַזוי שעהן: די זון, די בעריאָזעס, און דו? ווי שעהן דו ביזט, אָליעטשקע! ווי צויבערליך דו ביזט! ווי בלענדענד!

אָלגאַ: ווירקליך?

גלובאָווצעוו: איך וועל דיך אויפפרעסען אָיל־אָיל, (שרייט) אָיל־אָיל־אָיל־אָיל!.... (פון גאַנץ וויט הערען זיך ענטפערשטימען: „אַאו" און אויך: „אָיל־אָיל־אָיל!"...)

אָלגאַ (הילכיג): אָיל־אָיל־אָיל! פאַר וואָס זשע קומען זיי ניט?

גלובאָווצעוו: געווים. אָט דאָ וועלען מיר זיך אָבשטעלען. קיין שעהנערען פּלאַץ וועסטו ניט געפינען.

אַ ל ג אַ: איך האָב פאַר זיי אַ ביסעל מורא, קאַליאַ, פאַר דיינע קאַמעראַדען.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: פאַר זיי? געפונען פאַר וועמען מורא צו האָבען!

אַ ל ג אַ: און די צוויי פרייליינס וואָס זיינען מיט אונז — זיינען זיי קורסיסטקעס?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: קורסיסטקעס.

אַ ל ג אַ: פאַר דער, וואָס אין ברילען, האָב איך ניט אַזוי מורא: צו איהר שדכנ'ט זיך יענער, איך וויים ניט ווי מען רופט איהם.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: מען רופט איהם — פיזיק.

אַ ל ג אַ: ווי קאָמיש דאָס איז, קאַליאַ, ווען פערליעבטע טראָגען ברילען. (קוקט איהם אַריין אין די אויגען) דאַרפסטו אפשר אויך ברילען, קאַליאַ, כדי זיך אין מיר איינצוקוקען?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: אַ טעלעסקאָפּ וואָלט מען גענאַרפט — אויף שטערענדלעך קוקט מען אין אַ טעלעסקאָפּ. אָבער דו, גיב נאָר אַ טראַכט, וואָס עס וועט זיין, ווען די לבנה וועט אויפגעהן.

אַ ל ג אַ (ענטציקט): וועלען מיר נאָך היינט די לבנה אויך האָבען?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: ווי דען, מען האָט זי בעשטעלט. אָבער דו ערקלעהר מיר נור, וואָס איז אַזוינס ליעבע? פריהער גאָר ניט געוועז — מיט איין מאָל זי איז דאָ! און דאָס הארץ ווערט אַזוי ברייט, אַזוי גראָם, אַזוי ליכטיג און פריי, פונקט ווי פליגלען וואָלטען ביים האַרצען אויסגעוואַקסען. איל־אָיל, דו ליעבליכע מיינע, שטערענדעל דו מיינער — איך בין בנאמנות גליקליך!

אַ ל ג אַ: און מיר ווילט זיך קניהען פאַר דיר, קאַליאַ. ווען דו רעדסט אַזוי, פיהל איך ווי דאָס האַרץ שטאַרבט אין מיר אָב און זינקט, זינקט, זינקט...

(עס בעווייזען זיך סטודענטען מיט קלומקעס און פעקלעך. אַלע זיינען זיי מיעד, פערשוויצט, די היטלען פעררוקט אויפ'ן פּאַטילניצע, אָבער זעהר פרעהליכע.)

מ י ש ק א (מיט אַ באַסאָווער שטימע): אָיל־אָיל־אָיל־אָיל! וואוהין האָט אייך דער רוח פּערטראָגען? מיר זיינען אָבגעגאָסען געוואָרען מיט שוויים זוכענדיג אייך.

א נ ו פ ר י (מיט אַ לייכטער טענאָר־שטימע): מיינע העררען, גלוכאָווצעוו איז אַ געמיינער מיידעל־יעגער: אַלץ וואָס ער האָט געטהאָן, גענומען אַ יאַקעלע, ווי אַ בלאָז, אויף דער לינקער הענט׳ל און אונטער דער רעכטער האָט ער אונטערגעכאַפּט די בעצויבערענדע אָיל־אָיל, בעת דאָס מאַטעריעלע, די ג ע ו ו י כ ט י ג ע זאכען, האָט ער איבערגעלאָזט פאַר אונז.

מ י ש ק א: אַ העסליכער דאָן־זשואן — די כפּרה זאָל ער ווערען!

אָ ל ג א (אין פערלעגענהייט): מיר האָבען אויסגעקליבען אַ פּלאַץ, מיר האָבען דאָך די גאַנצע צייט צו אייך געשריען.

א נ ו פ ר י (ווייך): אַך, מיר שפּאַסען דאָך דאָס, אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ, איהר דאַרפט זיך פון אונז ניט בעליידיגען.

פ י ז י ק (פערקוועטשט קורצזיכטיג די אויגען): וואָס פאַר אַ ברייטער האָריזאָנט!

א נ נ א א י ו ו.: און אָן איז דער אינסטיטוט! זינאַאידאַ וואסיליעוונאַ, קוקט, דער אינסטיטוט זעהט זיך!

ז י נ א א י ד א: וואו? וואו?

א נ נ א א י ו ו.: אָן דאָרט, זעהט איהר, אַ ווייסער.

א ר כ א נ ג ע ל ס ק י: און די טאַגאַנסקע טורמע זעהט זיך ניט?

א נ נ א א י ו ו.: איז זי דען אייך בעקאַנט?

א ר כ א נ ג ע ל ס ק י: ניין. איך בין נאָר געזעסען אין אַר־באַטשקען אוטשאַסטאָק.

א נ נ א א י ו ו.: און איך מיט זינאַ זיינען געזעסען אין בוטירסקער טורמע. פון דאַנען זעהט מען ניט.

פ י ז י ק: פון דער טאַגאַנסקער טורמע, פון קאַמער 129 זעהט מען גוט די וואָראָביאָווע בערג. הייסט דאָס, אז מען דאַרף פון דאַנען קענען זעהן די טאַגאַנסקע טורמע.

ב ל א כ י ן (זינגט אין אַ שרעקליך פאַלשען טאָן): „וודאלי טעביא יא אבעזדאָלען, מאַסקווא, מאַסקווא, ראדימאיא סטראנא...“

מ י ש ק א (מיט שרעק): מיינע העררען, בלאכין האָט זיך צור־זונגען; איך האַלט ניט אויס, איך געה אוועק. איך וויל נאָך לעבען.

א נ ו פ ר י: הער נור, בלאכין, אָט האָסטו שוין זיך ווידער אָבגעריסען פון די גלאָקען. דו קענסט דאָך אַזוי אַמאָל דער׳הרג׳עט ווערען.

א ר כ א נ ג ע ל ס ק י: די מיטעלע טענער זיינען ביי איהם נישקשה: נו, זיינען אָבער פאַראַן אַזעלכע קרומע יאַסענאָווע פּלאַכעס, וואָס איהר קענט זיי בשום אופן ניט איינלעגען צוזאַמען, זיי קריכען נור אין בויבעריק.

ב ל א כ י ן (בעליידיגט): געהט צו אַל־די רוחות!

(זיי צולעגען זיך אויפ׳ן גראָז, אונטער די בעריאָזעס, לעגען אוועק די מאַנטלען, צועפענען די פעקלעך, קאָרקעווען אָב די פלעשער. אננא איוואנאָוונא איז די ווירטהין.)

מ י ש ק א: ביי־גאָט, עס איז געווען מעהר ביער! דאָס האָסטו, בלאָכקע, אויפ׳ן וועג אויסגעזשלאָקעט אַ פלעשעל. און ווי קען עס אַ מענש מיט אַזאַ פערדאָרבענעם געוויסען נאָך זינגען?

ב ל אָ כ י ן: געהט צום טייפעל!

א נ נ א א י ו ו.: און אַ סאַמאָוואר? וואו זשע ווע‌לען מיר נעהמען אַ סאַמאָוואר?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: אָהן טהעע, געפעלט מיר אויך ניט.

א נ ו פ ר י: הויכגעעהרטע לאָרדען און מארק־גראַפינען, און בעזאָנדערס איהר, באַראָנעסע. אויף אונזער פאַמיליען־ראַטה האָבען מיר בעשלאָסען צו בעגעהן זיך אָהן פערמיטלער, און דאַרום אָט האָט איהר, באַראָנעסע, אַ קעראָסין־לעמפּעל, און אָט איז אייך אַ טהעע־קענדעל. אַליין אויף דער אייגענער ברוסט געשלעפּט.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (היציג): דאָס איז דאָך אַ געמיינהייט, מיינע הערען! מען האָט דאָך אָבגערעדט אַז אַ סאַמאָוואר זאָל זיין. טרינקען פון אַ קענדעל — פע, דאָס איז דאָך דער טייפעל וויים וואָס!

א נ ו פ ר י: נור אָהן כעס, קאַליאַ, ווען דו טרינקען ביער.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: איך וויל ניט קיין ביער!

מ י ש ק אַ: ביזט אַ בורזשוק. אַ מענש, וועלכער איז ביים ריכטיגען שכל און פולען זכרון, און וויל קיין ביער ניט, איז — אַ בורזשוק!

א ר כ אַ נ ג ע ל ס ק י: אָבער נאָך וואַסער, ווער וועט געהן נאָך וואַסער?

אָ ל ג אַ נ י ק. (שטיל): טרינק היינט ניט, ליעבינקער. איך האָב אַזוי מורא פאַר שכורים.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: נו, וואָס רעדסטו נאַרישקייט? מיר וועלען אַלע אַ זופּ טהאָן צו ביסלעך. נו — געלאָפּען!

אָ ל ג אַ נ י ק.: אַי! (לויפען ביידע אַראָב באַרג; עס הערט זיך אַ בראַזג פון טהעע־קענדעל, וואָס איז אַרונטערגעפאַלען. די חברה טרינקען און פערבייסען.)

א ר כ אַ נ ג ע ל ס ק י: וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז, מיינע העררען, ווען מען קומט צוריק אין הערבסט קיין מאָסקווע. דאָרט, ביי אונז, קען מען משוגע ווערען.

אַ נ נ אַ א י ו ו.: אייער פאָטער איז אַ גלח?

א ר כ אַ נ ג ע ל ס ק י: ניין, אַ שמש. דער פאָטער איז אַ שמש.

ב ל אָ כ י ן: וואַסיאַ, דו ביזט אין אַ דאָרף, ערקלערט זיך עס. אָבער האָסט געדאַרפט זעהן זומער ביי אונז אין אַריאָל — אַ שטאָדט, און טויט ווי אויף אַ בית־עולם.

מ י ש ק אַ: זאָל אייך זיין געזונט. עס איז אומעטום גוט. לחיים, ברידער, פאַר מאָסקווע!

א ר כ אַ נ ג ע ל ס ק י: איהר הערט דאָך, איך פאָהר אַזוי פאַרגעסטערן פון קורסקער וואָקזאַל — און ווי איך האָב דערזעהן, ברידער מיינע, דעם טהעאַטער־פּלאַץ מיט דעם גרויסען טהעאַטער...

מ י ש ק א: און מיט דעם קליינעם טהעאַטער. איז לחיים פאַר'ן גרויסען און פאַר'ן קליינעם.

אַ נ נ אַ א י ו ו.: אין פּראָווינץ איז טאַקע אומעטיג. איך

האָב אין איין פּלאַץ געאַרבייט אַ גאַנצען זומער אַלס אַ פעלדשעריצע — אַ שרעק! דער דאָקטאָר, נאָך גאָר אַ יונגער, און שוין אַזאַ שכור און אַ קאָרטעזשניק....

פ י ז י ק : אַ שכור — דאָס מאַכט ניט. אַ קאָרטעזשניק — פע!

מ י ש ק אַ : זאָל איך שוין געניג זיין הספדים מאַכען. נו, זייט איהר דאָך אַנטלאָפען פון דאָרט, פרעהט זיך. יונגע מענשען דאַרפען זיין פרעהליך — דערצעהל אונז בעסער, פּרושאַנטשיק, ווי מען האָט דיך ווידער משלח געווען פון אַ שטילער פאַמיליע.

ז י נ אַ א י ד אַ : וואָס פאַר אַ וואוילינקע מיידעלע וואָס איז מיט גלוכאָווצעוו'ען. ווער איז זי?

אַ ר כ אַ נ ג ע ל ס ק י : זיינע אַ בעקאַנטע. אמת, זעהר אַ ליעבליכע, אָבער אַ צו בעשיידענע — נור עפּעס ווערט זי רויט.

מ י ש ק אַ : נו, נו, דערצעהל דאָך, פּרושאַנטשיק.

ב ל אָ כ י ן : דאָס איז דאָך מערקווירדיג. אַזאַ סקאַנדאַליסט ווי אנופרי וועט מען אין גאַנץ מאָסקווע ניט געפינען. איז פאַר וואָס קריכסטו דוקא צו אַ שטילער פאַמיליע?

אַ נ ו פ ר י : אַזאַ מזל. לויט מיין נאַטור, אין גרונד גענומען, בין איך אַ מענש ניט קיין טרינקער.... (אַלע לאַכען.)

מ י ש ק אַ : פיזיק, ערקלעהר.

אַ נ נ אַ א י ו ו : זיין ספּעציאַליטעט איז — כעמיע.

פ י ז י ק : אָבער ניט אַלכעמיע. דאָ אָבער שמעקט שוין צו שטאַרק מיט עטוואָס טייוועלשעס.

אַ נ ו פ ר י : גאַנץ ערנסט, אננאַ איוואַנאָוונאַ. און ניט נור ניט קיין טרינקער נור אַ מענש וואָס האָט ליעב די שטילסטע פריידען. וואָס טויגען מעבלירטע צימערען? אייער פאַלצפיין, צום ביישפּיעל? שמוץ, העסליכקייט, שכרות — איך קאָן דאָס אַבסאָלוט ניט פערטראָגען, זינאַאידאַ וואַסיליעוונאַ. נו, זוך איך זיך אויס דורך די אַנאָנסען אַ שטילע, אינטעליגענטע פאַמיליע. איך קלייב זיך אַריבער, און אַלע זיינען מיט מיר זעהר צופריעדען. געקומען

אַנופרי ניקאָלייעוויטש צו פאָהרען, ריידען זיי צווישען זיך. ווי נור אָבער....

מ י ש ק אַ: אַן אונגליקליכער מענש ביזטו, אַנופרי. איז לאָמיר מאַכען לחים פאַר דער שטילער פאַמיליע.

אַ נ ו פ ר י: מיט פערגעניגען, מישקאַ. נו אָט דאָ, אַננאַ איוואַנאָוונאַ, הויבט זיך אָן די טרויעריגע פערבינדונג פון אומשטענדען. אָט האָב איך זיך עטליכע טעג צוריק אַריינגעקליבען צו אַן אַדוואָקאַט — אַ מענש, פערשטעהט איהר מיך, אַן אַנגענעהמער, און שטיל איז דאָרטען, אַז ווען אַ פליִיה געהט אַריין אין טהיר, הערט מען ווי זי קלאַפּט מיט איהרע פיסלעך. אָבער, אָבער שוין די ערשטע נאַכט האָב איך זיך ווי עס איז אָנגע׳שכור׳ט און בין געקומען אַהיים אַן ערך אַ זייגער זעקס...

ב ל אָ כ י ן: ז... זעקס אין דער פריה?

אַ נ ו פ ר י: ניין, סעריאָזאַ — זעקס נאָך האַלבער נאַכט. וואָלט דאָס נאָך אַלץ ניט אויסגעמאַכט, נור, אַך, מיין אונגליקליכע ליעבע צו מענשען, אַננאַ איוואַנאָוונאַ. מיט איין מאָל דערפיהל איך אַזאַ רחמנות אויפ׳ן אַדוואָקאַט אַז איך האָב ניט געקענט אויסהאַלטען, האָב זיך אויסגעוויינט און גענומען באַראַבאַנען מיט די קולאַקעס איבער׳ן טהיר פון זייער שלאָף־צימער: שטעה אויף, זאָג איך, אַדוואָקאַט, און שלעפּ אַרויס דיין פלונית׳טע אויך, און לאָמיר געהן אויפ׳ן בולוואַר שפּאַצירען! אויפ׳ן בולוואַר, ברודער, זינגען פויגעלעך, ס׳איז אַזוי גוט! נו איז ווי מיינט איהר?...

אַ נ נ אַ א י ו ו.: האָט מען געבעטען מסתמא אַרויסקלייבען זיך?

אַ נ ו פ ר י: ניין, מען האָט אפילו גאָר ניט געבעטען. נור גאָר פּשוט, דער אַדוואָקאַט אַליין האָט צונויפגענומען מיינע זאַכען און איז אפילו אַליין, דאַכט זיך, געלאָפען נאָך אַן איזוואָזטשיק. אויף וויעדערזעהן, אַנופרי ניקאָלאַיעוויטש, זוכט זיך אַן אַנדער שטילע פאַמיליע.

מ י ש ק א: אונגליקליכער מענש, וואָס דו ביזט! לאָמיר נעהמען אַביסעל.

אנופרי: מיט פערגעניגען, מישא. אָבער וואו זיינען זיי דאָס פערפאַלען געוואָרען?

זינאַאידאַ: צום טייך איז ווייט, ביז זיי וועלען דערגעהן.

בלאָכין: לאָמיר עפּעס זינגען דערווייל, מיינע העררן, וואָס פאַר א שווארץ יאָהר!

זינאַאידאַ: יא, יא, זינגען! מיכאיל איוואַנאָוויטש, נו רייסט זיך אָב פון פלעשעל, כאָטש אויף א מינוט.

מישקאַ (מיט פערצווייפלונג): ברידער, וואָס הייסט דאָס? געקומען בין איך אַהער אויף די בערג, געמיינט מיין נשמה וועט זיך דאָ אביסעל אָברוהען, איז נאָ דיר — בלאָכין וויל גאָר זינגען.

אנופרי: בעליידיג איהם ניט, מישא, איז ער שולדיג, אַז ער האָט קיין שטימע ניט? זינג, בלאָכקע, זינג. נור הויך פער־נעהם זיך ניט — ס'איז געפעהרליך.

(קומען צו לויפען אָלגאַ מיט גלובאָווצעוו.)

גלובאָווצעוו: אָי, אָי, אָי! — פּרעסען ווילט זיך.

אָלגא ניק.: און איך אויך. מעג מען זיך דאָ צוזעצען?

אננא איוו.: ביטע, ביטע ליעבינקע. אָט איז וואורשט און אָט קעז. סאַרדינקעס ראטה איך ניט, זיי האָבען א גערוך.

מישקאַ: איך האָב געזאָגט, בעסער א הערינג מיטנעהמען, א הערינג נארט קיינמאָל ניט אָב.

גלובאָווצעוו: גיס אַקאָרשט אָן, מישא.

אָלגא ניק.: איהר האָט דאָך געזאָגט, איהר ווילט ניט טרינקען, ניקאָלאַי פּעטראָוויטש.

גלובאָווצעוו: איין גלעזעלע נור.

אננא איוו.: האָט איהר ניט געענדיגט די מאָסקוואער גימנאַזיע, אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ?

אָלגא ניק.: ניין. איך בין געווען אין אינסטיטוט.

פּיזיק: אין אינסטיטוט? דאָס דארף מען גוט ארום־קוקען. (טהוט אָן אויף דיברילען א פּענסנע.)

מ י ש ק אַ: ברידער, דער פּיזיק האָט אָנגעטהאָן אַ צווייטע פּאָאר ברילען.

אַ נ ו פ ר י: אָן אַכט פיסיגער מיט פיער אויגען.

פ י ז י ק: פאר וואָס עפּעס אָן אַכט־פיסיגער?

ב ל אָ כ י ן: די אויגען זיינען שוין פאראן, די פיס וועלען נאָך קומען.

ז י נ אַ א י ד אַ: איהר האָט אַזאַ שעהנע שטימע, מיכאַיל איוואַנאָוויטש, פאר וואָס זינגט איהר ניט?

מ י ש ק אַ: נו, גוט. (ער הויבט אָן און אַלע כאָפּען אונטער אין האַרמאָנישען כאָר):

„ניע אָססעני מעלקי דאָזשדיטשעק
בריזשעט, בריזשעט סקוואָיז טומאַן —
סליאָזי גאָרקיאַ ליאָט מאָלאָדיעץ
נאַ סוואָי באַרכאַטני קאַפּטאַן.
פּלאָכאַ, בראַט מאָלאָדיעץ,
טי וויעד ניע דיעוויצאַ,
פּעי, טאָסקאַ פּראַידיאָט,
פּעי, פּעי — טאַסקאַ פּראַידיאָט.“

מ י ש ק אַ: ברידערלעך, בלאָכין פּאַלשעוועט שוין ווידער.

ב ל אָ כ י ן (שפּרינגט אויף): דאָס איז אַ שווינעריי! דאָס איז — דער טייפעל וויים וואָס! אויס, מעהר קיינמאָל ניט.... (געהט אַוועק אָן אַ זייט באַרג און שטעהט דאָרט אָן אָנגעבלאָזענער.)

ש ט י מ ע ן: סערגיי, סעריאָזשאַ! סערגיי וואַסילעוויטש! ער האָט געזאָגט אומישנע, ער האָט געשפּאַסט. קום אהער!

ב ל אָ כ י ן: שעהנע שפּאַסען. דאָס זיינען אויך חברים.

מ י ש ק אַ (געהט אונטער פון הינטען און נעהמט איהם אַרום): נו, זיי ניט אין כעס, סעריאָזשאַ, איך האָב דאָך דאָס געשפּאַסט. אין אמת'ן האָסטו אַ קול, טאַקע נור פאר דער אָפּערא.

ב ל אָ כ י ן: לאָז מיך אָב, מיכאַיל, איך וויים אַז איך האָב אַ שלעכטע שטימע, אָבער מיר ווילט זיך זינגען, ווי אַזוי פערשטעהסטו דאָס ניט? איך וואָלט אפשר מיין לעבען אָבגעגעבען נור

צו האָבען אזאַ שטימע ווי דיינע. דו ווייסט ניט און קיינער פון אייך ווייס ניט, אַז ביי מיר אין דער נשמה קלינגט די גאַנצע צייט מיט מוזיק.

מ י ש ק אַ : אָבער אַז דו פאַלשעוועסט, סעריאָזשאַ. ווען דו וואָלסט ניט אַזוי פאַלשעווען.

ב ל אָ כ י ן : נו פאַלשעווע איך. דערויף זייט איהר דאָך חברים אַז....

מ י ש ק אַ (מיט חרטה) : אמת, ברודער, אמת. דאָס איז אַ שווייגעריי. גיב מיר אַ קוש! מעהר, ברודער, וועל איך קיינמאָל אַ וואָרט ניט זאָגען. פאַלשעווע וויפיעל דו ווילסט. (מיט אַ מיטלייד־ענדער שטימע) דו האָסט אַ טענאָר־שטימע, צי וואָס?

ב ל אָ כ י ן (אָנגעבלאָזען) : אַ טענאָר.

מ י ש ק אַ : נו, גאָרנישט, ברודער. קום נעהמען אביסעל. (זיי געהען.)

(די זון געהט אונטער און בעגיסט מיט פורפור די בוימער און די גאָלדענע בלעטער. איבער מאָסקווע הוזשעט און לאַנגזאַם צופליסט זיך אין דער לופט דער גלאָקען־קלאַנג. מען קלינגט צום נאַכט־געבעט.)

אַ ר כ אַ נ ג ע ל ס ק י : מאָסקווע האָט זיך צוקלונגען. אַך, ווי איך ליעב זי!

אַ נ ו פ ר י : וואָס איז עס פאַר אַ יום טוב וואָס זי האָט זיך אַזוי צוקלונגען?

אַ ר כ אַ נ ג ע ל ס ק י : מאָרגען איז דאָך זונטאָג. עס קלינגט צום נאַכט־געבעט.

מ י ש ק אַ : ששאַ, הערט! (לאָזט אַרויס אַ ברומט־קלאַנג אינ'ם טאָן פון גלאָקען). האו־או־או, האַ־או־או־או!....

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (שפּרינגט אויף) : ניין, איך קען ניט! דאָס איז אַזוי שעהן, אַז מען קען פון זינען אַראָב. אָליאַ, אָלגאַ ניקאָלאַיעווגאַ, קומט צום אַראָב־באַרג.

ש ט י מ ע ן : מיר אויך, מיר אויך. זאָל אייך שוין זיין געגוג מיט אייערע ביער, אַנופרי ניקאָלאַיעוויטש. (אַלע גיבען זיך אַ לאָז

צום ברעג פון אראַב־באַרג, מישקאַ מיט אַ גלאָז ביער אין האַנד, אַנופרי מיט אַ פלעשעל. הערען זיך צו.)

אנופרי: דער אבענד־קלאַנג, דער אבענד־קלאַנג, וויפיעל רופט ער ארוים געדאַנקען! (זינגט.)

מישקאַ: ששאַ!

אננאַ איוו.: מאָסקווע איז ווירקליך שווער צו דערקענען.

גלוכאָווצעוו (מיט היץ): אזא שעהנקייט! אזא שעהנקייט!

אַלגאַ (שטיל): מיר האָט זיך פערוואָלט גאָט בעטען.

גלוכאָווצעוו: שווייג, איל־איל. דאָ איז געבעט אויך וועניג.

מישקאַ (אומעטיג): געענדיגט. נור אויב דו, אַנופרי, וועסט נאָך אַמאָל אין אזא יום טוב׳דיגען פאַל פּרובירען מוקען אזוי ווי אַ פערבלאָנזשעטער באָק, וועל איך דיר...

אנופרי: אכזר׳ישער אונפערשטאַנד. בייזער מזל, די בעסטע זעעלען־הינרייסונגען ווערען פערלאָשען, דערפליהען ניט צום הימעל. דעם גאַנצען לעבען זוך איך אַ שטילע פאַמיליע — און וואָס קומט ארוים? אַ פינסטערער מזל מיינער — אַננאַ איוואַ־נאָוונאַ! איהר זייט אַ פרוי אַ שטרענגע, אַ וואָהלטהעטיגע, קומט נאָר, לאָמיר בילדען אינאייינעם אַ שטילע פאַמיליע.

אננאַ איוו.: איהר זייט שכור, אנופרי ניקאָלאַיעוויטש.

אנופרי: געטרונקען, אָבער ניט שכור. דאַמען קענען דעם אונטערשיעד ניט פערשטעהן, אָבער ער איז זעהר בעדייטענד.

בלאָכין: מיר זיינען געבוירען פיר בעגייסטערונג, פיר קלאַנגען זיסע און געבעט.

זינאַאידאַ: אי־אי, דער טהעע לויפט אויס.

ארכאַנגעלסקי: לאָמיר לויפען! כאַפּט איהם!

מישקאַ: אַ שווידערליכער מענש ביזטו, אַנופרי, דיר בלייבט נור צו טרינקען.

א נ ו פ ר י: איך האָב נור פאַר איין זאַך מורא, מישאַ: ניט בלייבען אָהן כחות.

מ י ש ק אַ: דו, אנושאַ, מיש נור ניט קיין ביער מיט בראַנפען. טרינק אוים פריהער איינס, דערנאָך דאָס אַנדערע, וואָרום צוזאַמען, זאָל גאָט אויסהיטען: קיין שטילע פאַמיליע וועט דיך ניט אויסהאַלטען.

א נ ו פ ר י: גוט, מישאַ, וועל איך פּרובירען אַזוי.

(אַלע געהען אָב, ביים באַרג־אַראָב בלייבען נור גלוכאָווצעוו מיט אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ.)

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: פאַר וואָס אַזוי אומעטיג געוואָרען, אָיל־אָיל? — פאַר וואָס אַזוי פערוואָלקענט, זונעלע ליכטיגע?

אָ ל ג אַ נ י ק. (מיט אַ זיפץ): אַזוי. דיינע קאָמעראַדען געפעלען מיר זעהר, קאָליאַ. און דער, ווי רופט מען איהם, דיין.... אנופרי, איז זעהר אַ ליעבליכער. איז דאָס אמת טאַקע אַז מען טרייבט איהם פון אומעטום אַרוים?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: דו ווייסט נאָך ניט וואָס פאַר אַ גוט הארץ ער האָט. ער וועט די לעצטע קאָפּיקע אוועקגעבען זיינע קאָמעראַדען. אָבער ער איז אַ שרעקליכער סקאַנדאַליסט.

אָ ל ג אַ נ י ק.: און פאַר דער זינאַאידאַ וואַסיליעוונאַ האָב איך מורא. מיר דוכט זיך אַלץ, אַז זי פעראַכטעט מיך.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: וואָס פאַר אַ נאַרישקייטען! ווער קען דען דיך פעראַכטען? דו ביזט אַזוי פּרעכטיג, אַזוי צויבערליך, אַז אָט ווילסטו — וועל איך פאַר אַלעמען אין די אויגען פאַלען אויף די קניע פאַר דיר.

אָ ל ג אַ נ י ק. (דערשראָקען): ניין, ניין, קאָליאַ, געה, מיין ליעבינקער צו דיינע קאָמעראַדען, און איך וועל דאָ זיין אַ ווייליגקע אַליין. עס ווילט זיך אַ ביינק טהאָן אַ ווייליגקע.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: וועגען וואָס, אָיל־אָיל?

אָ ל ג אַ נ י ק.: אַזוי, וועגען לעבען. ליעבסטו מיך ז ע ה ר, קאָליאַ?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: זעהר, אָיל־אָיל.

אָ ל ג אַ   נ י ק.:   ניין, זאָג — ווירקליך זעהר? איך דאַרף, אַז דו זאָלסט מיך זעהר, זעהר שטאַרק ליעבען.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: שטאַרקער ליעבען קען מען שוין ניט. זעהסטו, אָלינקאַ, אמת'ע ליעבע קען מען דערקענען דערפון, אויף וויפיעל דער מענש ווערט דורך איהר בעסער, און נאָך דערפון, אויף וויפיעל די ליעבע מאַכט איהם ליכטיג אויפ'ן האַרצען. און מיר איז אַזוי ליכטיג אויפ'ן האַרצען, אַז איך וואונדער זיך. דו ווייסט דאָך, אָלעטשקאַ, ווי מיך האָבען געמאַטערט אַלערליי פערפלוכטע פראַגען, און איצט גאָרנישט — איצט פיהל איך נור פרייד, נור ליכטיגקייט, נור ליעבע. און עס ווילט זיך אַלץ זינגען, זינגען, אַזוי ווי בלאָכין'ען.

אָ ל ג אַ   נ י ק.:   נו גוט, מיין ליעבער, זינג. (קושט שטיל זיין האַנד.) איך דאַנק דיר.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (ענטפערט אויך מיט אַזאַ קוש):   אויף איין מינוט נאָר געה איך; פערגעס מיך ניט!

אָ ל ג אַ   נ י ק.:   און דו פערגעס מ י ך ניט. (בלייבט אַליין. שווייגט אַ ווילע, זינגט דערנאָך שטילינקערהייד):

„קיין וואָרט, מיין פריינד, קיין זיפץ,
שווייגען וועלען מיר ביידע;
עס שווייגט דאָך אויך איבער'ן קבר
אָנגעבויג'ן דער וויינענדער ווידע־בוים....“

אַ נ ו פ ר י (שרייט):   פאַר אייער געזונדהייט, אָלגאַ ניקאָ־לאַיעוונאַ.

אָ ל ג אַ   נ י ק. (שטיל):   דאַנק אייך. (זינגט שטיל ווייטער):

„וואָס געוועזן זיינען טעג פון ליכטיגער פרייד,
און די ליכטיגע פרייד איז שוין מעהר ניטאָ...“

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (שרייט):   זינגען קומט, אָלגאַ ניקאָ־לאַיעוונאַ!

מ י ש ק אַ (שרייט):   קומט זינגען, עס פעהלט אונז איין שטימע.

אָ ל ג אַ   נ י ק.:   ניין, איך וועל דאָ זיין. (זינגט ווייטער שטיל): „געוועזן טעג פון גליקליכער פרייד, און דער גליק איז שוין

מעהר ניטאָ" — יא, מיין ליעבער, טהייערער קאָליעטשקאָ, מיין אָרעמער קאָליעטשקאָ!

ס ט ו ד ע נ ט ע ן (זינגען): —

„שנעל, אַזוי ווי די כוואַליעס
זיינען די טעג פון אונזער לעבען,
וואָס אַ טאָג, אַלץ ווייטער,
אַלץ נעהנטער צום קבר, —
גיס זשע אָן, מיין חבר, דעם לחיים־כוס,
ווער וויים, ווער וויים, וואָס מאָרגען
פּאַסירען וועט מיט אונז —
בעקלעהר, בעקלעהר, וואָס מאָרגען
פּאַסירען קען מיט אונז..."

מ י ש ק אַ: אַזוי, אַזוי, בלאָכינקע, האַלט אונטער.

ס ט ו ד ע נ ט ע ן (זינגען ווייטער): —

„וועסטו שטאַרבען, וועט מען בעגראָבען,
ווי ניט געוועזען אויף דער וועלט;
דו וועסט שוין מעהר ניט אויפשטעהן,
צו שמחות פון דיינע פריינד —
גיס אָן, גיס אָן, מיין חבר, דעם לחיים־כוס,
ווער וויים, ווער וויים, וואָס מאָרגען
פּאַסירען קען מיט אונז,
בעקלעהר, בעקלעהר, וואָס מאָרגען
פּאַסירען וועט מיט אונז."

אַ נ ו פ ר י: מיינע העררן, ווער האָט דאָס אונטער מיר אונטערגעלעגט די סאַרדינקעס? ערשטענס בין איך ניט קיין הוהן; צווייטענס, אפילו אַ הוהן בריהט ניט אויס קיין סאַרדינקעס; און דריטענס, בין איך דאָך ניט קיין מאַרקיז, איך זאָל אַלע טאָג אָנטהאָן אַ נייע פּאָאַר הויזען. (געלעכטער.)

אָ ל ג אַ נ י ק. (ווידערהאָלט): „דו וועסט שוין מעהר ניט אויפשטעהן צו שמחות פון דיינע פריינד" — איין פריינד איז ביי מיר, ווי איין הארץ אין ברוסט; איין לעבען; איין ליעבע.

(אַז אַ זייט פון די סטודענטען, אויפ'ן פעלד, הערען זיך האַלבע ווערטער פון אַ הייסען ויכוח.)

אַ ר כ אַ נ ג ע ל ס ק י: דו האָסט קיין רעכט ניט, מישאַ, אַזוי צו ריידען. ניטשע איז...

מ י ש ק אַ: און איך וועל ריידען.

אַ נ נ אַ א י ו ו.: מיינע הערען, עס דאַרף זיין אָרדנונג. וואָס האָט איהר געוואָלט זאָגען, בלאָכין.

ב ל אָ כ י ן (אָהן אָטהעם): איך זאָג, איך זאָג... אַז ניט דעריין בעשטעהט די קראַפט, תמיד צו צושטערען און קיין זאַך, קיין זאַך ניט שאַפען... דער שאַפ.... שאַפענדער גייסט.

מ י ש ק אַ: ריכטיג, סעריאָזשאַ!

ב ל אָ כ י ן: וואַרט מיכאיל... איך זאָג....

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: און איך זאָג, מיכאַיל, אַז דאָס איז דום. צו אַלעס וואָס דיר געפעלט ניט און וואָס דו פערשטעהסט ניט צוקלעפען דעם נאָמען בורזשוי. אויף דעם אופן איז גרינג צו אָב־זונדערן זיך.....

ז י נ אַ א י ד אַ: פאַר וואָס דוקא זיך אָבזונדערן, גלוכאָוו־צעוו? און אויב אַ מענש איז איבערצייגט, אַז אַ בעשטימטער פאַקט אָדער א בעשטימטע פערזאָן...

אַ נ ו פ ר י: אָט ווען מיר וואָלטען איצט גלייך געווען אין אַ שטילע פאַמיליע!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: אַנופרי, דאָ איז ניט קיין באַלאַגאַן. מיך עמפערט די לייכטקייט, מיט וועלכע דיעזער הערר קלעפט צו צעטלעך. מיר זיינען ניט קיין אינזעקטען...

אַ נ ו פ ר י: מיר זיינען גראָז־פרעסענדע אַלקאָהאָליקער.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: אַנופרי! מיינע הערען, ענטוועדער דיסקוטירען אָדער חוזק מאַכען — איך פערשטעה דאָס ניט.

אַ נ נ אַ א י ו ו.: איהר זייט שכור, אַנופרי ניקאָלאַיע־וויטש, זאָגט איבער נאָך אַמאָל וואָס איהר האָט געזאָגט, מיכאַיל איוואַנאָוויטש.

מ י ש ק א (בייזלער): אט דאס האב איך געזאגט. איך האב געזאגט אז אייער פרידריך ניטשע איז א בורזשוי —.

ג ל ו כ א ו ו צ ע ו ו: א, געהט איהר אלע צו טייפעל. (ער געהט צו אלגא ניקאלאיעוונא.)

א נ ו פ ר י: געה ניט אוועק, קאליא, מיר וועלען איהם גלייך צווינגען ענטשולדיגען זיך. מיכאיל, איך בעט דיך, נעהם דיינע ווערטער צוריק.

ג ל ו כ א ו ו צ ע ו ו (צו אלגא'ן): ניין, בעטראכט נור, אליא, אט דער שכור, דער „טראמבאן" ערקלעהרט פלוצלונג אז ניטשע איז א בורזשוי. דיעזער גרויסער, זשעניאלער פילאזאף ניטשע, דיעזער הייליגער משוגע'נער, וועלכער האט זיין גאנץ לעבען געברענט אינ'ם פייער פון די טיעפסטע יסורים, וועמעס געדאנקען האבען געברענט אינ'ם סאמע הארץ די בורזשויעס (גיט זיך א קעהר).... מישקא, און ווער זשע, נאך דיין מיינונג, בין איך?

מ י ש ק א (ברומט): אויך א בורזשוי.

ג ל ו כ א ו ו צ ע ו ו: אהא — און דו אליין?

מ י ש ק א: אויך א בורזשוי. (אלע לאכען. די דיסקוסיאן געהט אן.)

א ל ג א נ י ק.: רעג זיך ניט אויף, ליעבינקער. זעה, אט האט זיך שוין בעוויזען די לבנה — ס'ארא רויטע. מען קען מיינען אז עס איז א שרפה.

ג ל ו כ א ו ו צ ע ו ו: וואו? ניין, איך זאג, ער איז א מערקווירדיגער עזעל!

א ל ג א נ י ק.: אט, אט איז זי דאך! זעה! מיין גאט, וואס פאר א גליק דאס איז, ווען איך בעטראכט אז צוריק וועל איך געהן מיט דיר צוזאמען — וואס פאר א גליק עס איז צו לעבען אויף דער וועלט!

ג ל ו כ א ו ו צ ע ו ו (ווייכער): יא. דאס איז וואהר אילי-איל, א גרויסער גליק! מישקא פערשטעהט פשוט ניט וואס ער רעדט.

(עס קומט צו אנופרי שאקלענדיג זיך א שכור'ער.)

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

א נ ו פ ר י: איהר זייט דאָ? מיינע ליעבע קינדער! ענט־שולדיגט וואָס איך מיש זיך אריין אין אייער גליק, נור מיין ליעבע צו מענשען לאָזט מיך ניט רוהען. איך האָב שוין פריהער בעמערקט, ווען מיר זיינען געגאַנגען אהער, און נאָך פריהער אפילו, אז איהר, מיינע קינדער, זייט פון גאָט אליין ווי צוגע־פאַסיג־דיקע־וועט, ד. ה. צוגעפּאַסט, פערשטעהט איהר?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: ניט זיי דיך מטריח צו ערקלעהרען. מיר פערשטעהען.

א נ ו פ ר י: און איך, ווי אן עלטערער, ווי א גייסטיגער פאָטער...

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: א גייסטיגע מוטער...

א נ ו פ ר י: ניין טאַקע ווי א גייסטיגער פאָטער. איך בעט דיך פרוי, ווי מען זאָל דיך ניט רופען, ליעב מיין קאַליאַ. דאָס איז דאָך אזא נשמה, אזא נשמה (שלוכצעט) און ווען איהר וועט חתונה האָבען און וועט בילדען א שטילע פאַמיליע, וועל איך זיך בעזעצען ביי אייך אויף אימער. דו וועסט דאָך מיך ניט ארויסטרייבען, קאַליא, ווי יענער אדוואָקאַט?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: נו, וואוין זיך שוין, אנופרי, וואָס קען מען מאַכען.

א נ ו פ ר י (קושט איהם): איך האָב תמיד געגלויבט אין דיין עדעלקייט, קאַליאַ. איך דאַרף בלויז אויספּאַקען מיין קעסטעל מיט ביכער; שוין צוויי יאָהר ווי איך שלעפּ איהם ארום פון איין שטילער פאַמיליע צו אן אנדער שטילער פאַמיליע. און אייך, שעהנע אונבע־קאַנטע, מעג איך א קוש טהאָן? ווי א פאָטער בלויז. קאַליאַ, מיין קוש איז ריין ווי דער אָטהעם פון אן עופה'לע.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: יא, נור פון אזא עופה'לע, וואָס האָט זיך ניט וועניגער פון א יאָהר געוויקט אין אלקאָהאָל.

אָ ל ג אַ: איך וועל מיט פערגעניגען אייך א קוש טהאָן, אנופרי ניקאָלאַיעוויטש. (קושט איהם.)

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: דו קוק זיך בעסער צו צו דער לבנה.

א נ ו פ ר י: וועלכע? אָט די? ווי גרין זי איז! מיינע

הערר'ן די לבנה איז אויפגעגאנגען און קענטיג, אז זי איז ניט ניכטער.

ב ל אָ כ י ן (זינגט): און נאכט, און ליעבע, און די לבנה, און דער דונקעלער צושפרייטער גאָרטען... (ער פערקריכט ערגעץ בויבעריק און רייסט זיך איבער.) ווער פון אייך קאָן דיעזען ראָמאנס?

מ י ש ק א: סעריאָזשע, ניט אזוי גדלות'דיג און ניט ניץ אוים אומזיסט דיין שטימע. וועסט זיך נאָך איבעררייסען. און ווי וועסטו דערנאָך זינגען וואגנער'ן?

ז י נ א א י ד א: זייט איהר געווען הערען זיעגפריעד, מיכאיל איוואנאָוויטש?

מ י ש ק א: געווען.

(זיי פערזאַמלען זיך ביים ברעג פון בארג, און ליכט פון דער לבנה, ווערען ענטשוויגען בעצויבערטע.)

ב ל אָ כ י ן: מיר דוכט זיך אז איך ווער א.... ווער א צו־שמאָלצענער אין דער ליכטיגקייט פון דער לבנה, אז איך צוגעה, אז איך בין שוין ניטאָ. מיינע הערען, זאָגט מיר אויף אייער עהרענ־וואָרט: עקזיסטירט בלאָכין, אָדער ניט?

מ י ש ק א: ס'אַרא שמחה! דער הימעל און די ערד האָבען זיך דערפרעהט. וואָס איז היינט, יום־טוב, אָדער וואָס?

א ר כ א נ ג ע ל ס ק י: מאָרגען איז זונטאג. האָסט ניט געהערט ווי מען האָט געקלונגען צום נאכט־געבעט?

א נ ו פ ר י: זאָגסט ליגען, פאָטער דיאקאָן. היינט איז זונטאָג. פאר וואָס זאָל זיין מאָרגען זונטאָג, ווען עס איז היינט? מישא, זאָג דעם פאָטער דיאקאן, אז זייער קאלענדאר איז — בורזשויסקע...

א נ נ א א י ו ו.: וואָס פאר א שטילקייט. זייט איהר דאָ, אנדריי וואסיליעוויטש?

פ י ז י ק: אפנים אז דאָ.

א נ נ א א י ו ו.: קומט אהער, פון דאנען זעהט זיך בעסער.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (שטיל): איל־איל, ליעבסטו מיך?

א ל ג א: איך ליעב. און דו?

ג ל ו כ א ו ו צ ע ו ו: איך ליעב.

א נ ו פ ר י: נו, אָט בין איך אין א שטילער פאמיליע, א שטילע לבנה, שטילע שטערן, שטיל די גאנצע ערד.

ב ל אָ כ י ן: זעה, מען וועט ווידער ארויסיאָגען.

א נ ו פ ר י (אומעטיג): לאַכט ניט, קינדערלעך מיינע, פון דעם אונגליקליכען אַנופרי. איהם איז אומעטיג. מענשען טרייבען איהם ווי א נביא, און ווארפען אפילו מיט שטיינער; אָבער ער גלויבט, אז עס איז פאראַן אויף דער וועלט שטילקייט. אויב ניט, ווי אזוי וואָלט מען פער'משפּט'ן אין געריכט פאר שטערען די רוהע און אָרדנונג!

מ י ש ק א: א שמחה! אָבער פון דעסטוועגען לאָמיר געהן דערטרינקען די איבעריגע ביער.

א נ ו פ ר י: ביער? מיט פערגעניגען, מישא. אָבער מיר דוכט זיך, אז איך האָב שוין אויסגעטרונקען די גאַנצע ביער.

מ י ש ק א: איך האָב נאָך צוויי פלעשער בעהאַלטען. קום! פון דיעזער שמחה האָט מיר אָנגעהויבען צו זויגען עפּעס אונטער'ן הארצען.

א נ ו פ ר י: אונטער'ן הארצען? אך מישא, מישא! קורץ איז אונזער לעבען. פערצייה מיר, מישא, אָבער מיר דוכט זיך, אז איך האָב דיר אַרויפגעטראָטען אויף א היהנער־אויג.

ב ל אָ כ י ן: דו הויבסט שוין ווידער אָן ענטשולדיגען זיך, אַנופרי, דו וועסט שוין נעכטיגען היינט אין אוטשאַסטאָק.

ז י נ א א י ד א: אייך איז אומעטיג, מיכאיל וואסי־ליעוויטש?

מ י ש ק א: יא, אומעטיגלעך. ווייניג ביער מיטגענומען.

ז י נ א א י ד א: ביער?... אין אַזאַ נאַכט?...

א נ נ א א י ו ו.: קאַלט! עס ווערט קאַלט. ווער האָט מיין יאַקעל, מיינע הערצן? צייט צו געהן — ביז מיר וועלען נאָך דערגעהן....

(געהען אוועק איבער'ן פעלד, ביים בארג־אברים בלייבען
בלויז גלוכאוועצוו און אלגא. שטעהען פעסט אומגעארעמט.)

אלגא (שטיל): מען וועט דאך דערזעהן, קאליא.

גלוכאווצעוו: זאל מען.

(פון פעלד הערט זיך הויכער געשפרעך און געלעכטער.)

מישקא: אהיים? אהההיים? ווער האט געזאגט אהיים? דאס זאגט איהר, אננא איוואנאוונא?

אנופרי: א פאלשע פארשטעלונג ווענען זאכען וואס עקזיסטירען ניט. ניטא קיין היים. א היים, דאס איז א פינף־גארענדיגער פאראורטהייל.

בלאכין: געוויס, וואס פאר אהיים. מיר וועלען נאך פונאנדערלעגען א פייער.

מישקא: אמת, ברודער סעריאזשע, א פייער פונאנדערלעגען.

פיזיק: און איך וועל בעאבאכטען דעם זונען־אויפגאנג.

אנופרי: און איך וועל שפרינגען איבער'ן שייטערהויפען, ווי א פליהענדער פיש. פיזיק, זאג דאך: בובליק.

אננא איוו.: מען דארף ניט, זאגט ניט, אנדריי וואסיליעוויטש!

פיזיק: ניין, איך וועל זאגען. (דענקט נאך) בובליק.

אנופרי: ריכטיג פיזיק, הייסט דאס, אז דו קענסט אויך שפרינגען איבער'ן שייטערהויפען. אלע וועלען מיר שפרינגען.

ארכאנגעלסקי: מען טאר קיין פייער ניט צולעגען, ברידער.

מישקא: מען מעג! מען מעג, פאטער דיאקאן! וואס ווילסטו אונזער בלאכ'ען פערפיהרען? זעהסט ניט, זעהסט ניט, אז די בלאכע (פליגע) איז אין איין העמדעל?

זינאאידא: א שייטערהויפען! א שייטערהויפען! ווער געהט מיט מיר צווייגען אנקלייבען?

ארכאנגעלסקי: נו, איהר וועט זיך עפעס אנלויפען.

אנופרי: אויב דו וועסט זיך אזוי צאפלען, פאטער

דיאַקאָן, וועלען מיר דיך אויפ׳ן שייטערהויפען אָבפּרעגלען. וועלען מיר דאַן האָבען אַ פּאַרעוועץ מאכל.

מ י ש ק אַ: נר־שוין! עי, נאָך טרוקענע צווייגען! (זינגט) „עי, איהר בלויע מונדירען, זוכט דורך אַלע קוואַרטירען. אַלע קוואַרטירען דורכגעדרונגען, קיין ציציליסטען ניט געפונען.“

ס ט ו ד ע נ ט ע ן (געהען אָב מיט געזאַנג און פייפען):
„טשאָרנאַיאַ גאַלקאַ, טשיסטאַיאַ פּאָליאַנקאַ —“ א. ז. וו.

(פּ אָ ר ה אַ נ ג.)

צווייטער אקט.

אויפ'ן „טווערסקי בולוואר". אבענד צייט. עס שפּיעלט דער מיליטערישער אָרקעסטער. אָן אַ זייט פון דער הויפּט־אַלעע, וואו עס שפּאַצירט אַ געדיכטער עולם, זיצען אויף אַ באַנק אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ, גלוכאָווצעוו, מישקאַ, אַנופּרי און בלאָכין. פון ווײַלע צו ווײַלע שפּאַצירען דאָ פערביי אַמאָל אַ פּאָארעל, אַמאָל איין מענש אַליין. אָן אַ זייט געהט אַרום אַ פּאָליציאַנט אין אַ גרויען שינעל. ערגעץ פון לינקס טראָגען זיך אַהער־צו די קלאַנגען פון אָרקעסטער, וועלכער שפּיעלט דעם וואַלס „קליקאַ", די מוזיק פון „טאָרעאַדאָר" און דעם וואַלס „ערוואַרטונג".

מ י ש ק אַ: אזוי איז דאָס, אַנושאַ.

אַ נ ו פּ ר י: אזוי איז דאָס, מישאַ.

מ י ש ק אַ: איך קען מיט בלאָכין'ען צוזאַמען ניט זיצען: אַלע קוקען אויף מיר. ווי קומט דאָס, זאָגען זיי, צו מיכאיל איוואַנאָוויץ אַזאַ אונאַנשטענדיגע בעקאַנטשאַפט!

אַ נ ו פּ ר י: וואָס איז דאָס עפּעס, סעריאָזשאַ, גאָר אין אַ מונדיר? קלייבסט זיך ערגעץ וואו אויף אַ באַל?

ב ל אָ כ י ן (אָנגעטהאָן אין אַ פּאַראַדנעם, אָבער זעהר אָבגעניצעוועטען מונדיר): אָ, געהט צום טייפעל! איך האָב ערשט היינט בעצאָהלט פאַר איהם דריי רובעל אויף דער „טאַלקוטשקע".

אַ נ ו פּ ר י: ווירקליך? דאָס איז ניט טהייער.

ב ל אָ כ י ן: קוים אויסגעדונגען. ער האָט געבעטען פינף. דאָס גענעה אַליין, זאָגט ער, איז ווערטה פונפצעהן רובעל.

מ י ש ק אַ: ווייז נור! (ער און אַנופּרי קוקען זיך צו און

טאַפּען מיט די פינגער דעם שטאָף.) נישקשה׳דיג, גרויסאַרטיג — נור אַביסעל צופרעסען פון מאָיל.

אַ נ ו פ ר י: און אַביסעל צו גרויס. אָבער עס מאַכט נישט. דו וועסט נאָך אונטערוואַקסען, סעריאָזשאַ.

(פּויזע.)

ב ל אָ כ י ן: דו קאַליאַ, וואָס האָסטו זיך אַזוי פערביינקט?

ג ל ו כ אָ ו צ ע ו ו: גאָרנישט. אַזוי זיך.

מ י ש ק אַ: איז וואו וואוינסטו איצט, אַנופריייטשיק?

אַ נ ו פ ר י: ביי אַרכאַגענגעלסקי, ביי דעם הייליגען שמש האָב איך מיין געצעלט אויפגעשטעלט. נו, ברידערלעך, צי געפינט זיך ניט ביי אייך עפּעס אַזוי אַ פערוואָרפען אוראָקעל?

ב ל אָ כ י ן: דו עפּען נור די קעשענעס! ווען עס וואָלט געווען וואָס, וואָלטען מיר אַליין גענומען.

מ י ש ק אַ: אַי, אַנופרייטשיק, דעם מאָגען אַביסעלע אונ־טערהאַלטען?

אַ נ ו פ ר י: יאַ, אונטערהאַלטען, מישקאַ. איך וואָלט גע־גאַנגען נור פאַר׳ן עסען און קוואַרטיר.

ב ל אָ כ י ן: און איך וואָלט זיך אויפ׳ן מהלך ניט אָבגע־שטעלט.

מ י ש ק אַ: נאַ, פּלוידער ניט, בלאָכין. (זינגט שטיל.) „געקו־מען איז די צייט, שיידען מוזען מיר זיך ווידער“....

ס ט ו ד ע נ ט ע ן (זינגען אונטער שטיל): „שווער ליעגט אויף דער ברוסט, די לאַסט פון לעבענס־לייד — זעגענען מוזען מיר זיך — אַדיע, אַדיע, מיין ליעבער פריינד.“

ב ו ל ו ו א ר ־ ו ו ע כ ט ע ר: דאָ איז פערבאָטען צו זינגען, מיינע הערען.

אַ נ ו פ ר י (פערוואונדערט): האָט דען ווער געזונגען? איהר ליידעט, מיין ליעבער מאַן, מיט האַלוצינאַציעס פון געהער. ווי דענקסטו, מישאַ, דאָס איז אַ געפעהרליכע חלאת?

מ י ש ק אַ: זעהר אַ געפעהרליכע! וואָרום נאָכדעם קומען די האַלוצינאַציעס פון זעהן.

ב ל אָ כ י ן: און פון גערוך!

וועכטער (בייז): צו אייך רעדט מען!...

אָנופרי: דו בעמערקסט, מישאַ, אַז מיט דעם מאַרקיז איז עפּעס ניט גלאַט?

מישקאַ: איך וואָלט אייך ראַטהען, געעהרטער הערצאָג, איהר זאָלט זיך ווענדען צו אַן אַקושער.

אָנופרי (כלומרשט פערוואונדערט): פאַר וואָס עפּעס, מישאַ, צו אַן אַקושער? רעכענסטו אַז די לאַגע פון קינד איז עפּעס אַן אוננאָרמאַלע?

מישקאַ: איך בין דעריין איבערצייגט.

אָנופרי: דאַן איילט זיך אונטער ווירדיגער גראַף, דאָס איז זעהר ערנסט, און אויב מען זאָל ניט פערכאַפּען בעצייטענס...

וועכטער (אויסער זיך פון צאָרען): דאָ טאָר מען ניט זינגען, זאָגט מען דאָך אייך! איך וועל אייך אַרויסיאָגען פון בולוואַר!...

אָנופרי: ווי דענקסטו, מישאַ, אַ שטייגער ווען איך פאָהר אריין דעם מאַרקיז אין פּאָליקליניצע? וועסטו מיך דערפאַר בענשען?

מישקאַ: הער אויף, אָנופרי. דיין ליעבע צו מענשען הרג'עט דיך אַוועק. וועסט דאָך אָהן דעם אויך מאָרגען דאַרפען אָבגעבען דין וחשבון דעם מיראָוואָי סודיאָ.

אָנופרי: נאָר ווי איז — אַז איך וועל שוין ענטפערען אויף אַלעם צוזאַמען? איבריגענס, הערר מאַרקיז, איך וועל אייך מאָרגען צושיקען מיינע סעקונדאַנטען.

וועכטער: און דאָס זיינען סטודענטען! — אַזעלכע האַלאַדריגעס! לאַפּאַדראַנצעס! (ער געהט זיך קלאָגען פאַר'ן פּאָליצייסקען; יענער גיט אַ קוק איבער'ן אַקסעל אויף די סטודענטען און גיט אַ מאַך מיט'ן האַנד אויף פּטור צו ווערען פון וועכטער.)

מישקאַ: אַהאַ, עס האָט זיך הפּנים ניט אויסגעקאָכט!

אָנופרי: איך בין איבערצייגט, מישאַ, אַז אין צוויי טויזענד יאָהר ארום וועלען אַלע פּאָליצייסקע...

מ י ש ק א: פערשווינדען, ווילסטו אפשר זאָגען? היט זיך, אנופרייטשיק. פאַר אַזעלכע געדאַנקען. דאָס איז דאָך, ברודער לעבען, אַנאַרכיזם פון ריינסטען וואַסער.

א נ ו פ ר י: ניין, מישא, ניט פערשווינדען, נור איך בין איבערצייגט, אַז זיי וועלען טראָגען גאָר אַנדערע מונדירען.

ב ל אָ כ י ן: דאָס איז שוין גאָר — דער העכסטער אָפּטימיזם...

מ י ש ק א: נו, זאָל זיין גענוג. שוין צוגעזעסען זיך! לאָמיר געהן אַביסעל אַ וואַנדער טהאָן. קאַליא, געהסט מיט אונז?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: ניין. מיר וועלען דאָ נאָך זיצען.

מ י ש ק א: נו, געגאַנגען זאָל ווערען!...

(זיי געהען אָב, — אַ קורצע צייט שטיל.)

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: וואָס איז מיט דיר, איל־איל? דו ביזט היינט עפּעס אַזוי אומעטיג דעם גאַנצען טאָג, אַז עס איז אַ רחמנות אויף דיר צו קוקען. האָט עפּעס וואָס פּאַסירט? און דיין מוטער איז עפּעס אויך אַזאַ זאָנדערבאַרע.

אָ ל ג אַ נ י ק.: קיין זאַך ניט, עס האָט גאָרנישט פּאַסירט. אָבער וואָס ביזטו עפּעס אַזאַ אומעטיגער?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: ווער, איך? איך וויים ניט. שלעכטע געשעפטען, אָט אַפּנים פאַר וואָס. נאָך גוט, וואָס מען גיט אין וואָהלטהעטיגען סטודענטישען רעסטאָראַן אומזיסט עסען, אַז ניט... עס האָט מיר דערעסען, איל־איל. איך בין דאָך אַ געזונדער יונג, וואָלט געקענט בערג איבערקעהרען, איז קיין ארבייט ניטאָ.

אָ ל ג אַ נ י ק.: אָרעמער אינגעלע מיינער!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: נו, הער אויף! דו האָסט געוויינט? פאַר וואָס זיינען ביי דיר אַזעלכע שוואַרצע רינגען אונטער די אויגען? זאָג מיר דאָך, אָליעטשקע מיינע, עס איז דאָך ניט גוט אַזוי. (אָלגאַ בויגט אָן דעם קאָפּ און ווישט זיך די אויגען מיט די פינגער אויף וועלכע זי טראָגט שוואַרצע האַנדשוה.) נו, זאָג דאָך, וואָס איז מיט דיר, אָליאַ?

אָ ל ג אַ   נ י ק.: דיר וועט ווערן זעהר שווער אויפ'ן הארצען, ווען איך וועל דיר זאָגען. אָן געהט נאָך די מאמע!

(עס געהט פערביי א ניעדריגע אַלטע פרוי אין אַ שוואַרצער פּאַלערינע, און מיט אַ שוואַרצען אָבגעניצעוועטען הוט. דער פּנים זעהט אויס אַנשטענדיג, נור אין דער זעלבער צייט עפּעס בעטלעריש.)

י ע ו ו ד אָ ק י א (פערבייגעהענדיג): זייט דאַ, אליא, געה ערגעץ ניט אוועק פון דאַנען. (חנ'דעלט זיך) וואָס פאַר אַ שעהנער אבענד, הערר סטודענט. (געהט).

אָ ל ג אַ   נ י ק. (שטיל, מיט פערראַכטונג): אוועק, מכשפה!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: וואָס איז מיט דיר, אָליא?

י ע ו ו ד אָ ק י א (גיט זיך א קעהר צוריק): וואָס פאַר אַ פּראַכטפאַלע מוזיק, אָליא! דענקסטו ניט אזוי, מיין הארץ?

אָ ל ג אַ   נ י ק. (שטיל): אוועק! אוועק! טהו נור אַ קוק ס'אַרא עהרווירדיגע אַלטיטשקע, האָט ערשט נעכטען געסטראַשעט, אַז זי וועט מיך דערקוילען.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: אָליא, רייד מיט אַ טאָלק, וואָס איז געשעהן?

אָ ל ג אַ   נ י ק. (בייז): ניט שוין־זשע פערשטעהסטו גאָר נישט? שוין אַ גאַנצער מאָנאַט ווי דו לעבסט מיט מיר און דו זעהסט גאָר נישט. וואו זשע זיינען דיינע אויגען?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: ווי זאָנדערבאַר דו זאָגסט — „לעבסט" מיט מיר. און וואָס האָב איך געדאַרפט זעהן.

אָ ל ג אַ   נ י ק. (קעהרט זיך אָב): אַז איך בין ניט קיין אונ־שולדיג מיידעל.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: נו, לאָמיר רעבענען, אַז איך האָב יא געזעהן. אָבער איז וואָס דערפון? אמת, דאָס איז אונאַרטיג, עס קען זיין אַז איך האָב געדאַרפט אַ טראַכט טהאָן וועגען דעם, נור מיר איז דאָס עפּעס גאָר אויפ'ן זינען ניט אַרויף. און אין אַלגעמיין.... (קוקט אויף איהר מיט פערדאַכט) אין אַלגעמיין האָב איך גאָר ווירק־ליך ניט אָבגעגעבען זיך מיט דער פראַגע, ווער ביזטו, ווער איז

דיין מוטער. איך ווייס אַז דיין פֿאָטער האָט געדיענט אין מיליטער, אַז דיין מוטער בעקומט פּענסיע...

אָ ל ג אַ נ י ק.: יאַ, אַכט רובעל אַ מאָנאַט.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: נו?

אָ ל ג אַ נ י ק.: און אַז איך בין אַ מעטרעסע, אַז איך בין אויף געהאַלט, דאָס ווייסטו?

(פּויזע. אָלגאַ ווענדעט לאַנגזאַם איהר געזיכט צום סטודענט.)

אָ ל ג אַ נ י ק.: וואָס זשע שווייגסטו? קאָליאַ, קאָליעטשקאַ!... דו האָסט דאָס ניט ערוואַרט? דיר טהוט זעהר וועה — זאָג דאָך! אַ, זאָג דאָך! ליעבער מיינער, ווען דו זאָלסט ווּיסען ווי אויסגעמאַטערט איך בין — אין גאַנצען, אין גאַנצען אויסגעמאַטערט!...

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: יאַ, איך האָב דאָס ניט ערוואַרט. אָבער... אָבער ווי־זשע איז דאָס מעגליך?... איך האָב דאָס ניט ערוואַרט. וואָס פֿאַר אַ זאָנדערבאַרע געשיכטע! דו — אַ מעטרעסע... זאָנדערבאַר! ווי זשע איז דאָס געשעהן?

אָ ל ג אַ נ י ק. (שנעל): ווען איך בין נאָך געווען אין אינסטיטוט האָט זי, אָט דיעזע נידערטרעכטיגע פרוי, מיך פערקויפט צו איינעם... נו, און איך האָב שוין געהאַט אַ קינד...

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: דו? ביזט דאָך ערשט אין גאַנצען אַכצעהן יאָהר אַלט!

אָ ל ג אַ נ י ק.: נו, יאַ, אַכצעהן... דאָס קינד איז געשטאָרבען... אין פּריאוט... און דערנאָך... איך קען ניט דערצעהלען, קאָליעטשקע, האָב אויף מיר רחמנות, ליעבינקער. (עס געהט פערביי אַ פרוי מיט זעהר אַ צוגעפּאַרבטען פּנים. גאַר אַזוי ווי איינע פון די „פרעהליבע“, זי בעמערקט דעם שטרענגען קוק פון פּאָליצייסקען, און קעהרט זיך אום שנעל צוריק, קוקט זיך צו יעדע ווײלע צום סטודענט און זינגט אונטער: „איך ליעבע דיך, איך ליעבע דיך.“)

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: אַזוי, אַזוי. און ביי וועמען ביזטו דאָס אויף געהאַלט?

אָ ל ג אַ נ י ק.: ביי איינעם אַ ווײנהענדלער.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: וואו זשע איז ער?

אָ ל ג אַ נ י ק. (דערשראָקען): דו מיין ניט, קאָליאַ, אַז איך בין איצט מיט איהם... און מיט דיר. ניין, ניין! שוין צוויי מאָנאַט ווי ער איז אַוועקגעפאָהרען אין קאַווקאַז.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: און וועט זיך אין גיכען צוריקקעהרען?

אָ ל ג אַ נ י ק.: ניין. ער וועט זיך ניט צוריקקעהרען, קאָליאַ. ער האָט צוגעשיקט אַ בריעף, אַז ער וויל מיך מעהר ניט, אַז איך קען געהן וואוהין די אויגען וועלען מיך טראָגען. און קיין געלד פאַר דעם מאָנאַט האָט ער שוין ניט געשיקט.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: וויפיעל איז דאָס?

אָ ל ג אַ נ י ק.: פונפציג רובעל.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: ניט פיעל!

אָ ל ג אַ נ י ק.: ער איז זעהר אַן אויסגערעכענטער און זאָגט, אַז זומער, אין צייט פון קאַניקולעס, קען ער ניט צאָהלען אַזוי פיעל וויפיעל ווינטער. אין ווינטער האָט ער געצאָהלט פינף און זיבעציג... היינט אויסער דעם פרעזענטען... פערפיום, אָדער אויף קליידער.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (שמערצליך קוקענדיג אויף איהר): און דאָס ביזטו? אויף פערפיום, אויף קליידער!... און ביזטו, אָיל-אָיל, מיין צויבער, מיין ליעבע! איך האָב דאָך געמיינט, אַז דו ביזט נאָך גאָר אַ מיידעלע... און... און, איך האָב איבערהויפּט קיין זאַך ניט גערעכענט, איך האָב איינפאַך געליעבט!...

אָ ל ג אַ נ י ק. (וויינט): האָב מיט מיר מיטלייד!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: פאַר וואָס זשע האָסטו ניט געאַרבייט?

אָ ל ג אַ נ י ק.: איך קען קיין זאַך ניט — און וואו קען מען דען געפינען אַרבייט, דו ווייסט דאָך ראָס אַליין. האָב רחמנות!... (פויזע. אָלגאַ וויינט שטיל. עס געהען שנעל פערביי צוויי מיליטערישע שרייבער, אַ הויכער און אַ ניעדריגער. דער צווייטער הינקט אונטער).

ד ע ר ה ו י כ ע ר: און פאַר וואָס פייניגסטו זיך אַליין,

פאַרוואָס פערגיפּטעסטו זיך דעם לעבען און פאַר וואָס מאַכסטו זיך אַזעלכע ענגע שיך? (געהען פאַראיבער).

אָ ל ג אַ נ י ק.: אַט קענסטו... אין וואָהלטהעטיגען סטודענטישען רעסטאָראַן... און איך האָב שוין צוויי טעג גאָרנישט געגעסען.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: וואָס? וואָס רעדסטו? וואָס הייסט?...

אָ ל ג אַ נ י ק.: אַט אַזוי. מען האָט אַלעס פער'משכנ'ט שוין, אַלעס פערקויפט, וואָס מען האָט נור געקענט, און די לעצטע צוויי טעג הונגערען מיר. דער קאָפּ שווינדעלט מיר זעהר, קאָליאַ.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: וועה מיר! — אָבער ווי אַזוי איז דאָס! דאָס איז דאָך שוידערליך. דו דאַרפסט דאָך וואָס עסען. פאַר וואָס האָסטו מיר דאָס גלייך ניט געזאָגט? איך וואָלט דאָך...

אָ ל ג אַ נ י ק.: וואָס וואָלסטו דען געקענט טהאָן, קאָליעטשקאַ, דו האָסט דאָך אַליין גאָרנישט.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (מיט פערצווייפלונג): גאָרנישט! דאָס איז דאָך אַזאַ שרעק, אַז עס קען איינעם טרייבען זעלבסטמאָרד צו בעגעהן. אָבער ניין, איך וואָלט דאָך עפּעס געקראָגען וואו ניט איז. איך וואָלט וואָס ניט איז פערקויפט... אי, צום טייפעל, איך וואָלט ענדליך גע'גנב'עט וואָס! דאָס איז דאָך אונמעגליך אַזוי, דאָס איז דאָך שוידערליך: צוויי טאָג זאָל אַ מענש ניט עסען. אָיל־אָיל, ליעבסטע מיינע, פערצייהע מיר, איך בין דאָך איינפאַך אַן עזעל! אָנשטאָט וואָס איך זאָל זיך נאָכפרעגען... אָי, אָי! ווילט זיך דיר זעהר שטאַרק עסען, האַ?

אָ ל ג אַ נ י ק.: ניין. נור דער קאָפּ שווינדעלט זעהר.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: איך וועל גלייך אָנהויבען שרייען קאַראַאול, זאָל מען זיך צונויפלויפען, זאָל מען זעהן.

אָ ל ג אַ נ י ק.: דו פערצייהעסט מיר, קאָליעטשקאַ?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: וואָס? פערצייהען? אַך, ווי קענסטו ריידען וועגען פערצייהען, ווען איך דאַרף פאַלען אויף די קניע פאַר דיר און וויינען, און וויינען: פערצייה דו מ י ר, אָליאַ.

אָ ל ג אַ נ י ק. (שמייכעלט): עס וואָלט זיך מיר וועלען

שטאַרבען מיט דיר צוזאַמען, קאַליאַ. דו ביזט אַזאַ גוטער, ביזט אַזאַ איידעלער!...

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (בייז): אַ, צום טייפעל! אַזאַ איידעלער. רייד מיר ניט וועגען איידעלקייט. ניין, דאָס איז אונמעגליך, דאָס איז שרעקליך! זייַ דאָ אַ מינוטעלע, איך וועל גלייך קומען, איך וועל לויפען דיר קויפען עפּעס צו עסען, ביי מיר זיינען נאָך פאַראַן פינף קאָפּיקעס. און אין אַלגעמיין, איך וועל לויפען און וועל שוין ווי עס איז קריגען...

אָ ל ג אַ נ י ק. (דערשראָקען): ניין, ניין, געה ניט אַוועק! (אַנופרי בעוויייזט זיך).

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: אַנופרי! הער, מיין פריינד! קום אַהער!

אַ נ ו פ ר י (קומט צו): וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: שוין צוויי טעג ווי זי האָט גאָרנישט געגעסען. גיב מיר געלד!

אַ נ ו פ ר י: געלד?... געלד, זאָגסטו?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: געווים געלד, וואָס דען?

אַ נ ו פ ר י (מאַכט מיט די הענד אין פערלעגענהייט): דו מוזט מיר פערצייהען, מיין ליעבער פריינד, ניט אַ גראָשען. דו פערשטעהסט, אָבער טאַקע קיין איין גראָשען נימאָ ביי דער נשמה! נעכטען האָט אונזער גאַנצע חברה מעהר ניט געהאַט ווי איין צוואַנציג־קאָפּיקענעס, האָבען מיר דעם לעצטען פערטרונקען ביי דעם דייטשוק אין ביעל־האַלע.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: איז וואָס־זשע, זאָל מען אַזוי שטאַרבען, וואָס?

אַ נ ו פ ר י: וואַרט, דו זאָגסט, צוויי טעג ניט געגעסען? צוויי טעג? (היציג) ניין, דאָס איז דאָך אַ שרעק. וועגען וואָס־זשע האָסטו דאָ געטראַכט די גאַנצע צייט, עזעל דו איינער!

אָ ל ג אַ נ י ק.: ער האָט דאָך ניט געוואוסט.

אַ נ ו פ ר י: האָט ער געמעגט יאָ וויסען! אַ תירוץ דאָס איז! וואַרט, קאַליאַ, וואַרט דאָ אַ מינוטעלע, איך וועל לויפען און

וועל שוין גלייך קריגען, ברודער'ל. איך האָב דאָ געזעהן וועריאָוורקינ'ען, ער דרעהט זיך דאָ אַרום מיט אַ מיידעל — אַזאַ הונד, מען קען פון איהם קיינמאָל אַ קאָפּיקע ניט אַרויסקריגען. נור איך וועל איהם זיין האַלז אַראָבדרעהען, ער וועט שוין פון מיר אַזוי ניט אַרוים! און אפשר זאָל איך אַ כאַפּ טהאָן מישקאַ'ן מיט זיך. פאַר מישאַ'ן ציטערט ער, האַ?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: ווי דו פערשטעהסט, נור מאַך דאָס שנעלער!

אַ נ ו פ ר י: און ווי דום, ווי דום דאָס אַלעס איז!... נו, אַביסעל געדולד, קאָליאַ, איך קום גלייך! (געהט אָב שנעל זאָגענדיג:) איהר וואַרט דאָ, איהר הערט!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (ערפרעהט): ער וועט שוין קריגען, אָליעטשקאַ! ווען ער מיט מישקאַ וועלען זיך אַ נעהם טהאָן, וועלען זיי מיט ליידיגע הענד ניט קומען. איך קען וועריאָווקינ'ען, ער איז אונזערער אַ קאַמעראַד, נור אַ ניעדריגער מענשעלע! אָבער זיי ווייסען ווי זיך אַ נעהם צו טהאָן פאַר איהם.

אָ ל ג אַ נ י ק. (צערטליך): נאַרעלע דו מיינער!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: הער אויף אָיל-אָיל! אָט ביז מאָרגען ווי עס איז דערליידען, און מאָרגען וועלען מיר שוין איינאָרדנען ווי עס איז. אָרעמע מיידעלע דו מיינע — נו, און אַ מאַמינקע האָסטו אָבער!... אָבער ווי אַזוי האָסטו דאָס איהר ערלויבט? ווי האָסטו דאָס איבערהויפּט דערלאָזען, אַז מען זאָל דיך, אַ לעבעדיגען מענשען, פערקויפען, עפּעס ווי אַ שמאַטע?

אָ ל ג אַ נ י ק.: זי סטראַשעט, אַז זי וועט מיך דערקוילען. איך האָב דאָך ביינאַכט מורא ווען איך בלייב מיט איהר שלאָפען. זי איז דאָך אַ וואַהרע משוגע'נע!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: נאַרישקייטען! זי וועט ניט קוילען!

אָ ל ג אַ נ י ק.: אַז דו ווייסט ניט וואָס זי איז. וואָלסט זעהן ווי פערריקט זי איז פאַר זיסע זאַכען, קאָליאַ? דאָס איז עטוואָס שרעקליך. זי טרינקט דאָך קיין אַנדער זאַך ניט, סיידען

זיסע נאַליווקע, אָדער ליקער, אָדער אַז ניט מישט זי שנאַפּס מיט צוקער, אָבער אַזוי אַז עס ווערט געדיכט ווי סיראָפּ, און טרינקט.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: דו האָסט אויך ליעב זיסע זאַכען, ווי איך האָב בעמערקט.

אָ ל ג אַ נ י ק.: איך? ניין, אַביסעלע נור, ווען עס איז. אָבער זי.... אָי, מיין גאָט, אָן געהט זי שוין!

(עס ווייזט זיך יעוודאָקיאַ, קומענדיג מיט עפּעס אַן אָפיצער. זי רעדט מיט איהם אַ ווילע. קענטיג אַז זי שמועסט איהם איין וועגען עפּעס. זי גיט איהם אַ ציה פאַר'ן אַרבעל פון מאַנטעל און קומט צו צום באַנק. דער אָפיצער בלייבט שטעהן ניט ווייט פון די זיצענדע; דרעהט זיינע וואָנצעס און קלאַפּט צו מיט'ן פוס צום טאַקט — מוזיק שפּיעלט דעם וואַלס „קליקאָ“.)

אָ ל ג אַ נ י ק.: קאָליאַ, קאָליעטשקאַ!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: וואָס איז דאָס פאַן אַן אָפיצער?

אָ ל ג אַ נ י ק. (אין פערלעגענהייט): איך ווייס ניט, אימי־צער איהרער אַ בעקאַנטער. קאָליעטשקאַ, אויב זי וועט מיך אָנהויבען רופען, זאָלסטו מיך, מיין טהייערינקער, ניט לאָזען. טראַכט עפּעס אויס וואָס ניט איז! זי געהט! האַלט מיך, קאָליאַ!

י ע ו ו ד אָ ק י אַ (צוגעהענדיג): וואָס פאַר אַ פּרעכטיגער אבענד! אָליענקאַ, קינד מיינס, בעט אום ענטשולדיגונג דעם העררן סטודענט. איך דאַרף דיך האָבען אויף אייניגע ווערטער. ביטע אום פערצייהונג, מאָסיע!...

אָ ל ג אַ נ י ק.: וואָס פאַר ווערטער! איך וועל ערגעץ ניט געהן פון דאַנען.

ע ו ו ד אָ ק י אַ: אָליאַ!

אָ ל ג אַ נ י ק.: אומזיסט דאָס שרייען, דאָס איז דאָך ניט אין דער היים.

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: פוי, ווי אונערצויגען דו ביזט! ביטע, הערר סטודענט, ערלויבט מיר צו פערבלייבען דאָ אַליין מיט מיין טאָכטער אויף אַ מינוט.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: איך וועל ניט אַוועקגעהן פון דאַנען

און וועל איך ניט ערלויבען צו נעהמען פון דאנען אָלגא ניקאָ־לאיעוונא.

י ע ו ו ד אָ ק י א : וואָס? יונגער מענש, א י ה ר זאָגט דאָס מיר אזוינס? ווי אונאַרטיג די היינטיגע יוגענד איז! אָלגא, אהער געה!

אָ ל ג א נ י ק. : איך וועל ניט געהן!

י ע ו ו ד אָ ק י א : אזוי גאָר? (זעהר הויך) ווילט איהר איך זאָל א רוף טהאָן א גאראדאוואָי? איך זאָל מאכען א סקאנדאל?

אָ ל ג א נ י ק. : שרייט ניט אזוי, מאַמע!

י ע ו ו ד אָ ק י א : אזא גראָביאַן, אזא פרעכער קערל! א שטיקעל סטודענטעל דאָרט, האָט די פרעכהייט מיר צו זאָגען: „איך וועל ניט לאָזען!" דו בעסער היט זיך, מיידעלע, פּאַסקודסטווע דו, פאַרגעס נור ניט וואָס איך האָב דיר נעכטען געזאָגט. נו?

אָ ל ג א נ י ק. (אונענטשלאָסען) : איך וויל ניט.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו : ווי זאָנדערבאַר דו זאָגסט דאָס, אָליא! דו בעטראַכט נור. אויב דו אַליין וועסט ניט פעסט זיין צו בלייבען דאָ, וועל איך דאָך גאָרנישט קענען אויספיהרען!

אָ ל ג א נ י ק. : איך האָב מורא.

י ע ו ו ד אָ ק י א : נו, איך וואַרט דאָך! האָסטו געזעהן א העזה — מישט זיך אין פרעמדע געשעפטען! איהר וואָלט בעסער אַליין ניט אַזוי פיעל גע'שכור'ט, און פרעמדע האָט איהר ניט וואָס צו לערנען!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו : זיי וויסען, אָלגא, אויב דו ריהרסט זיך איצט פון פּלאַץ, איז דאָס אויף אימער.

י ע ו ו ד אָ ק י א (ניט זעהר הויך) : גאראדאוואי, בעמיהט זיך אהער א ווייל'ע, הערר גאָראדאוואָי!...

אָ ל ג א נ י ק. (וויינענדיג) : איך האָב מורא פאַר איהר! לאָז מיך געהן, קאָליא, איך וועל... איך וועל זיך אומקעהרען צוריק!...

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו : ביטע... (גיט זיך א הויב פון פּלאַץ).

אָ ל ג א נ י ק. (כאַפּט איהם פאַר'ן אַרבעל) : אָ, ניין, ניין,

געה ניט אוועק! וואס זשע זאל איך טהאן, מיין גאט!

גלוכאווצעוו: טהוט וואס איהר פערשטעהט — וועהלט אליין אויס.

יעוודאקיא (רייסט אלגא׳ן אב פון סטודענט): איך וועל דיר ווייזען, פאסקודנע מיידעל! געהסטו אדער ניט, רייד! דו קענסט דאך מיך, אלינקע... געהסטו?...

אלגא ניק. (איינגעשפארט): איך וויים ניט, לאזט מיך אב.

גלוכאווצעוו: אדיע, אלגא ניקאלאיעוונא.

יעוודאקיא (שלעפט זי): אויף וויעדערזעהן, הערר סטודענט, אויף וויעדערזעהן! איך וויים אייער פאמיליע און וועל נאך מארגען אנשרייבען אייער נאטשאלסטווא, מיט וואס פאר זאכען איהר בעשעפטיגט זיך אין בולוואר. פרעכער יונג!...

גלוכאווצעוו: איהר זייט שכור?

יעוודאקיא: נו, האסטו מיר אפשר געגעבען צו טרינקען? האט א גראשען ניט ביי דער נשמה, און אויך א מענש...

אלגא ניק.: קאליא!

יעוודאקיא (שלעפט אוועק די טאכטער): איהר קאמפראמיטירט זיך נור, אלגא, קומט שוין, קומט!

(זיי געהען אוועק. מען זעהט ווי יעוודאקיא שטעלט פאר איהר טאכטער דעם אפיצער; יענער גיט א קלונג מיט די שפארען, גיט א ווארף א בליק אויפ׳ן סטודענט און לעגט פאר אלגא׳ן זיין ארעם. זיי געהען אב, פאראויס דער אפיצער מיט אלגא און יעוודאקיא שווימט פון הינטען. גלוכאווצעוו לאזט זיך שווער אראב אויפ׳ן באנק, דעם קאפ אנגעשפארט אן די הענד. מען אפלאדירט די מוזיק. לעבען גלוכאווצעוו׳ן זעצען זיך אוועק צוויי: א הויכער מאגערער בחור מיט לאנגע צוקודלעטע האאר און גרויסע שטיוועל, און א בעיאהרטער דיקער און גרויער, אויפ׳ן אויסזעהן א הענדלער.)

הענדלער: גוטע מוזיק ביי אונז אין מאסקווע!

בחור׳ל (אומעטיג): יא. זיי שפיעלען וואויל. נור אבער וועמען איז דאס נויטיג, ניקיטא פיאדראוויטש.

ה ע נ ד ל ע ר: וואָס הייסט וועמען? דער בעפעלקערונג איז עס אַנגענעהם. די סאָלדאַטסקע מוזיקאַנטען געהען סיי ווי סיי אַרום לייִדיג.

ב ח ו ר ׳ ל: פון דער צייט אָן זינט מיינע עלטערען זיינען געשטאָרבען, ניקיטאַ פיאָדעראָוויטש, האָב איך ניט וואו צו בעקעסטיגען זיך. פריהער האָב איך זיך בעקעסטיגט ביי מיין פערהייראַטהער שוועסטער. אָבער ביי זיי איז אַ גרויסע געזינד און אַרבייטען אַרבייט מעהר ניט ווי דער שוואָגער אַליין. נו, זאָגען זיי מיר: געה, גר שאַ, זוך זיך ערגעץ אויס אַן אַנדער פלאַץ, מיר קענען דיר מעהר קיין עסען ניט געבען. איז כאָטש נעהם און געה אויס פון הונגער...

ה ע נ ד ל ע ר: עהע־הע, ווי דער טרומייט האָט זיך דאָס אַביסעל צולאָזען.

ב ח ו ר ׳ ל: אַ, ניקיטאַ פיאָדעראָוויטש, ווען מען וואָלט מיך זאַט אָנקאָרמענען און געבען אַ טרומייט, וואָלט איך אויך זיך קענען צוטרומייטערען! דאָס איז אַ פוסטע בעשעפטיגונג. אָט אַנוסטען בעגעגענט מיך הערר אַניסאָוו, בין איך איהם הפנים געפעלען געוואָרען אָדער וואָס. זאָגט ער צו מיר: נאַ דיר געלד, גרישאַ, און פאָהר, האַלט אויס עקזאַמען אין דער יונקער־שוהלע. (זיפצט) נו, געפאָהרען בין איך, און קיין עקזאַמען האָב איך ניט געקענט אויסהאַלטען. און אָט איז שוין צוויי טעג, ניקיטאַ פיאָדעראָוויטש, ווי איך שלעפ זיך אַרום איבער'ן בולוואַר, אָנשטאָט צו עסען ווי אַלע מענשען, דאַרף איך גאָר הערען מוזיק.

ה ע נ ד ל ע ר: אַ מיאוס'ע מעשה מיט דיר, גרישאַ! וואָס פאַר אַ מוזיק קען שוין קריכען אין קאָפ, ווען עס טרומייטערט גאָר אין בויך. דאָס איז דאָך אַלץ איינס ווי אין אַ טראַקטיר, אָהן אַ קאַפ בראַנפען.

ב ח ו ר ׳ ל: קוק איך אַזוי און טראַכט, וואָס וועט דערפון ווערען. איך קען דאָך אַזוי גאָר קראַפירען. ווען מיינע עלטערען וואָלטען לעבען איז אַן אַנדער זאַך. און איצט וואָס, ניטאָ וואו אַהין צו טהאָן זיך, ניקיטאַ פיאָדעראָוויטש. מיין גאַנצע האָפענונג איז איצט נור אויף אייך.

ה ע נ ד ל ע ר: ווי? אויף מיר? ביי מיר, ברודער לעבען, זיינען פאַראַן גענוג אייגענע מיילער. קענען זיך ניט אָנזעטיגען. אַלזאָ, איך האָב די עהרע.

ב ח ו ר ׳ ל: איז וואָס זשע זאָל איך טהאָן? זאָל איך שטאַר־בען פון הונגער? זאָגט איהר מיר אין גאַנצען אָב?

ה ע נ ד ל ע ר: אין גאַנצען, אין גאַנצען. בעט גאָט, ער האָט רחמנות אויף יתומים. אַלזאָ, איך האַבע די עהרע...

(הענדלער געהט אָב. דער בחור׳ל קוקט איהם אַ ווײַלע נאָך, קוקט דערנאָך אויף דעם סטודענט; קענטיג אַז ער וואָלט מיט איהם וועלען אָנהויבען ריידען, זיפצט זיך אָב, גיט אַ געה לינקס, דערנאָך צוריק רעכטס. — עס געהט פערביי אַן אַלטער, פּאַראַליזירטער גענע־ראַל, אונטער איין אָרעם אַ קוליע, אונטער׳ן אַנדערען אָרעם האַלט איהם זיין שעהנע יונגינקע טאָכטער, אָנגעטהאָן אין טרויער. פון אונטער די געדיכטע ברעמען קוקט זיך די מיידעל אום אויף גלו־באָוצעוו׳ן, און ער, בעמערקענדיג איהר בליק, זיפצט זיך אָב און מאַכט צורעכט זיינע וואָנציקעס. ווען זיי געהען אַריבער און פער־קעהרען זיך אויף אַן אַנדער וועג, גיט די מיידעל נאָך אַמאָל אַ קוק איבער׳ן שולטער אויף דעם סטודענט.)

ג ע נ ע ר אַ ל (הייזעריג, פערבייגעהענדיג): דוראַק, זאָג איך איהם, באָלוואַן! ענטפערט ער מיר: „טאַק טאָטשנאָ, וואַשע פּרע־וואָסכאָדיטעלסטווא!“ וואָס דיר פּאַר אַ „טאַק טאָטשנאָ“? וואָס „טאַק טאָטשנאָ“, אַז דו ביזט אַ באָלוואַן? בעטראַכט נור. איך זאָג איהם: באָלוואַן — און ער....

(עס קומען צו מיט אימפּעט אַנופרי און מישקאַ.)

אַ נ ו פ ר י (פון וויטען): בערויבט דעם סוחר! האַלט זיך קאָליאַ!

מ י ש ק א: נו, געלויבט איז גאָט, ס׳איז דאָ, ס׳איז דאָ!

אַ נ ו פ ר י (צוקומענדיג): פון סאַמע הארצען ביי איהם אַרויסגעריסען! ווארט, און וואו איז דאָס אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ? וואו איז זי, הא? (גלובאָוצעוו שווייגט. זיי זעצען זיך לעבען איהם פון ביידע זייטען און קוקען זיך איבער, ניט פערשטעהענדיג.)

מ י ש ק א : זאָג מיר, אָט דער חלום וואָס בעטייט? ווי, מען האָט זי אוועקגערופען ערגעץ, וואָס?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו : אוועקגערופען.

אַ נ ו פ ר י : וואָס איז מיט דיר, קאָלענקאַ? קוקסט מיר עפּעס אויס אַזוי ווי דו וואָלסט וועלען וויינען. די ענטשולדיג מיר, וואָס איך מיש זיך אין דיינע עסקים. אָבער דו זעהסט מיר אויס אַן עקעל צו קוקען, אויף נאמנות. אָקוראַט ווי מען וואָלט נעהמען אַין זיסען האָניג און אַריינגיסען אַ פּלעשעל קעראָסין. געווען אַ מיידעל, האָט זי געוואָלט עסען, איז אַוועק דאָס מיידעל מיט דער מאַמינקען שפּאַצירען — איז זי ניט אַוועק מיט איהר מאַמע'ן? איז וואָס זשע דאָ אַזוינס בעזאָנדערעס? וועט קומען דאָס מיידעל צוריק, וועלען מיר זי אָנקאָרמענען, און אפילו איהר מאַמינקע'ן אויך. צו וואָס זשע דאַרף מען מעלאַנכאָליש זיין?

מ י ש ק א : אַך, אַנופּרייטשיק, דו פערשטעהסט דאָס ניט. עס איז דאָך אַ רחמנות אויף אַ מענשען. אחוץ דעם — פּלאָגט דאָס געוויסען: קאָלענקאַ אַליין איז אודאי זאַט, איז ווי האָט מען אַ האַרץ צו קוקען אויף אַ הונגעריגען? וואָס, ניט אַזוי, גלוכאָווצעוו?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו : ניט וועגען דעם האַנדעלט זיך.

מ י ש ק א : וועגען וואָס דען זשע?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (טרויעריג) : עך, פערשטעהט איהר דען ניט?

אַ נ ו פ ר י : ניין, קאָליאַ, איך הויב ערשט אָן עפּעס צו פערשטעהן. אַ, אַזוי איז דאָס די מעשה? — אינטערעסאַנט, זעהר אינטערעסאַנט!

(עס שווימט צו יעוודאָקיאַ, איינע אַליין. שטעלט זיך לעבען די סטודענטען און רעדט מיט חנ'דלעך.)

י ע ו ו ד אָ ק י אַ : וואָס פאַר אַן אַנגענעהמער אבענד, הערר סטודענטען!

אַ נ ו פ ר י (פערנייגט זיך) : יאַ, שעהנעם וועטער. און איהר שפּאַצירט?

י ע ו ו ד אָ ק י אַ : יאַ, איך שפּאַציר. אייך קומט פאַר זאָ־

✤✤

דערבאר, יונגע מענשען, וואס אן עלטערע דאמע וויל אויך שפא־צירען — מוזיק הערען?

מ י ש ק א: פאר וואס? שפאצירט זיך אייך, אויב איהר ווילט.

י ע ו ו ד א ק י א: שעהנעם דאנק אייך, הערר סטודענט! און אייך, הערר סטודענט, — פערצייהעט, וואס איך געדענק ניט אייער ערשטען נאמען, — הערר גלוכאוועצעוו, דוכט זיך... אייך וויל איך נור בעטען וועגען איין זאך. איהר וועט דאך מסתמא פריהער פון מיר קומען אהיים, אין אונזער האטעל, טא זייט אזוי גוט און זאגט דארט, אז אלינקא, מיין טאכטער, איז אוועקגעפאהרען אויף צוויי טאג אויף א דאטשע צו פריינד. (גלוכאוועצעוו הויבט זיך אויף א בלאסער און גיט א טראט צו איהר, אבער אנופרי טרעפט וואס ער וויל טהאן און גיט א כאפ די אלטע אונטער׳ן ארעם און ציהט זי אוועק.)

א נ ו פ ר י: אט וואס, מאמאשינקא, איהר געהט זיך אייך בעסער שפאצירען. אזא אנגענעהמער אבענד, מוזיק שפיעלט, א נחת פאר דער נשמה. נו, טראגט זיך, טראגט זיך פון דאנען, אלטעטשקע!

י ע ו ו ד א ק י א (איינגעשפארט): הערר גלוכאוועצעוו!...

ג ל ו כ א ו ו צ ע ו ו: נו?

א נ ו פ ר י: אך מאמאשינקא, ווי, איהר האט גאר קיין רחמנות ניט אויף אייער פריזור, אויף אייער היטעלע. איך אויף אייער פלאץ וואלט זעהר געזשאלעוועט אזא היטעלע, איהר וועט קוים קענען קריגען נאך איינע אזעלכע. זי קומט טאקע פון סאמע פאריז?

י ע ו ו ד א ק י א: וואס זשע, א פרויענצימער וועט ער שלאגען, הא? אזא יונגאטש!

א נ ו פ ר י (שלעפט זי אוועק): אך, מאמאשינקא! זייט איהר דען א פרויענצימער? ווער האט דאס אייך איינגעשמועסט? אפשר גלוכאוועצעוו? גלויבט איהם ניט: ער איז אזא געפעהרליכער מיידעל־יעגער.

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: אַזאַ פּרעבער קערל! (אַנופּרי פיהרט זי אַוועק.)

מ י ש ק אַ: גיב אַ שפּיי, ברודער קאַליאַ; ניט געריטה פאַר־בינדען זיך!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: דו פערשטעהסט? איך זאָג איהר: אויב דו וועסט געהן, איז בעסער ניט קום שוין צוריק מעהר. און זי נעהמט, מישינקאַ, ברודער'ל, און געהט. וואָס זאָגסטו דערצו?

מ י ש ק אַ: הייסט עס — זי איז אַ גאַרנישט. וואָס איז זי... פון די דאָזיגע... דיין אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: עס זעהט אויס אַזוי. ווי ווילד, ווי שרעקליך דאָס איז, מישאַ. אָן שפּיעלט די מוזיק, און אָט שפּאַצירען מענשען — איז עס מעגליך, אַז דאָס זאָל אמת זיין? געזעסען דאָ און געוועזן איל־איל, און איצט אוועק מיט אָן אָפיצער... מיט אָן אָפיצער. עפּעס מיט אָן אָפיצער, וועלכען זי זעהט צום ערשטען מאָל. און דאָס איז — ליעבע!... (לאַכט היסטעריש.)

מ י ש ק אַ: ליעבע? אַזאַ זאַך איז גאַר ניטאַ, קאַליאַ. דאָס איז פּשוט, ברודער'ל, אַ צוציהונג פון געשלעכטער, און אַלעס איבע־ריגע, ברודער לעבען, איז בעלעטריסטיק.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: נו, און איך האָב געמיינט, אַז עס איז פאַראַן.

(עס געהט ווידער פערביי די צוגעפּאַרבטע פרוי, אונטער־זינגענדיג: „איך ליעבע דיך, איך ליעבע דיך".)

אַ נ ו פ ר י (קומט צוריק): נו קאַליאַ, איצט צווייפעל איך זעהר, זעהענדיג אַזאַ שוויגער, אויב ביי אייך וועט זיין אַ שטילע פאַמיליע. אָבער אויפ'ן מיידעל איז אַ רחמנות: וואָס, אויס מורא, צי וואָס?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: יאַ, זי האָט מורא פאַר עפּעס.

אַ נ ו פ ר י: נו, געוויס אויס מורא. האָט מורא פאַר הונגער, האָט מורא פאַר דער מאַמינקע, האָט מורא פאַר דיר, — נו, און פאַר'ן אָפיצער שרעקט זי זיך דאָך אויך, איז זי נעבעך געגאַנגען. די אויגעלעך וויינען, און די ליפּעלעך שמייכלען. אַזוי איז דאָס,

קאַליאַ: גיב אַ שפּיי! און אויב דו קענסט, ערהויב דיך מיט בעגייסטערונג.

מ י ש ק אַ: איז ווי זאָל זיין, ברידערלעך, פון פרעמדע געלד קומט קיין גוטס ניט אַרויס; מען דאַרף דאָך פּטור ווערען פון דער דריי־רובעלדיגע.

אַ נ ו פ ר י: מיט פאַרגעניגען, מישינקאַ. אַלזאָ צום טייטשוק אין ביער־האַלע?...

מ י ש ק אַ: צום טייטשוק, זאָל זיין צום טייטשוק און לחיים פאַר אַ נשמה.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: פאַר וועמעס נשמה?

אַ נ ו פ ר י: יעדענס נשמה, קאַליאַ, דאַרף האָבען אַ תיקון.

ב ל אָ כ י ן (קומט צו אַ פעסאָפּעטער, אָהן אָטהעם): פּי... פּי... פינף רובעל. איך... איך האָב געזאָגט ווערי־אָוקינ׳ען, אַז איך וועל איהם בייננאַכט פערגיסען מיט קעראָסין און אונטערצינדען — האָט ער זיך נעבעך צואוויינט, אָבער געגעבען...

מ י ש ק אַ: אָט איז אַ געמיינער קערל! און ער האָט אונז געשוואָרען, אַז דאָס זיינען זיינע לעצטע דריי רובעל.

ב ל אָ כ י ן (קוקט זיך אַרום): אָבער... אָבער... וואו איז?...

אַ נ ו פ ר י (טרוימעריש): וואָס? דיר ווילט זיך זינגען, בלאָכקע?

ב ל אָ כ י ן (בייז): אַך, טייוואָלים!... און איך האָב טאַקע געמיינט, אַז דאָס איז אַן אמת... האַ, טייוואָלים איהר. איז וואוהין הייסט דאָס? צום טייטשוק?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: וועל איך זיך דאָס היינט אָנ׳שכור׳ן, ברידער, וועל איך זיך דאָס היינט אָנ׳שכור׳ן!...

אַ נ ו פ ר י: ניין, צופיעל געברויך מאַכען פון אַלקאָהאָל טאָר מען ניט, קאַליאַ. ווען דו געברויכסט צופיעל ציהט דאָס דיך צו אַ שטילער פאַמיליע. און ווי דו פאַלסט אַריין אין אַ שטילער פאַמיליע, דאַן איז קאַפּוט, ברודער! וואָרום זשעניאַליטעט און שטילקייט איז ווי פייער מיט וואַסער.

מ י ש ק אַ: העידאַ, ברידער! געגאַנגען!

ג ל ו כ אָ ו ו צַ ע ו ו: וועל איך זיך דאָס היינט אָנ׳שכור׳ען....

ב ל אָ כ י ן (טרוימעריש): עך, טייוואַליר! לאָמיר דאָך עפּעס א זינג־טהאָן, ברידער.

מ י ש ק א: מאַרש! געגאַנגען!

(אָרקעסטער שפּיעלט „טאָרעאַדאָר“.)

(פ אָ ר ה אַ נ ג.)

דריטער אַקט.

מעבלירטע צימערען „מאַדריד". — אַ גרויסער צימער, אין וועלכען עס וואוינט אַלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ מיט דער מוטער. אַ ניעדעריגע וועגטעל, וועלכע דערגעהט ניט ביז'ן באַלקען, טהיילט אָב אַ שלאָפ־צימער. די איבעריגע זאַכען זיינען: אַ רונדער טיש לעבען אַן אַלטען דיוואַן, עטליכע ווייכע שטוהלען, אַ שפּיגעל. שמוציגלעך; אויף איין שטוהל וואַלגערט זיך אַ קליידעל. דורך דעם אָפענעם פערטעל פון פענסטער הערט זיך דאָס שטילע קלינגען צום אַבענד־געבעט פון אַ נאָהענטען קלויסטער. אַלגאַ, אין גאַנצען אין שוואַרצען אָנגעטהאָן, זיצט ביים פענסטער, זי איז בלייך און לעזט דעם „מאָסקאָווסקי ליסטאָק". איבער'ן וועגטעל אין שלאָפ־צימער מאַכט די דיענסט פון די מעבלירטע צימערען, אַננושקאַ, צורעכט די בעט.

אָ ל ג א נ י ק.: אין „מאָסקאָווסקי ליסטאָק" שטעהט שוין ווידער געמעלדעט וועגען זעקס זעלבסטמאָרדען, אַננושקאַ. און אַלץ פּרויענצימער, און אַלע מיט קאַרבאָל־זויער... ווי קענען זיי דאָס? אַננושקאַ, האָסט איהר שטאַרק מורא פאַר'ן טויט?

אַ נ נ ו ש ק א (פון איבער'ן וועגטעל): און ווער האָט דאָס פאַר איהם ניט מורא, פריילין?

אָ ל ג א נ י ק.: איך האָב מורא פאַר'ן טויט. אַמאָל ווערט אַזוי שווער צו לעבען, אַזעלכע אונגליקען, אַזאַ ביינקשאַפט, אַז אָט איך וואָלט דוכט זיך גענומען און אויסגעטרונקען... אָבער ניין, שרעק איך זיך. און דאָס מוז מאַכען גרויסע שמערצען — דאָס ברענט דאָך, אָט די קאַרבאָלקע.

אַ נ נ ו ש ק א: די דיענסט, וואָס האָט דאָ געדיענט פאַר מיר, האָט זיך דאָך אויך פערגיפטעט מיט קאַרבאָלקע! אַ, זי האָט

זיך לאַנג געמאַטערט, צוויי טעג.

אַ ל ג אַ נ י ק.: און איז געשטאָרבען?

אַ נ נ ו ש ק אַ: בעגראָבען. און איהר שלאָפט צו שפּעט, פריילין! ליט געהען שוין צום אַבענד־געבעט, און איהר רייבט ערשט אייערע אויגעלעך. דאָס איז ניט גוט אַזוי!

אַ ל ג אַ נ י ק.: צו וואָס פריה אויפשטעהן? וואָס איז ניט אַלץ איינס! ווען דו שלאָפסט פּיהלסטו אַם ווענינסטען ניט, אַז דו לעבסט. און אויסער דעם חלום׳ט מען אַמאָל גוטע חלומות. אננושקאַ, איז דער סטודענט, גלוכאָווצעוו... צו הויז?

אַ נ נ ו ש ק אַ: ער איז נור וואָס געגאַנגען צו זיך אין צימער.

אַ ל ג אַ נ י ק.: איינער אַליין?

אַ נ נ ו ש ק אַ: מיט עפּעס אַ קאַמעראַד זיינעם, אַ לאַנגער אַזאַ — ווי אַ לייכטער זעהט ער אויס.

אַ ל ג אַ נ י ק.: געהט — גאָר ווי אַ לייכטער! הערט, אננושקאַ, טהוט מיר אַ געפעליגקייט: ווען זיין קאַמעראַד וועט אַוועקגעהן גיט איבער גלוכאָווצעוו׳ן דיזען צעטעלע.

אַ נ נ ו ש ק אַ: צו וואָס דאַרפט איהר דאָס פריילין! אַ סטודענט איז ער אַ וואָוילינקער, איז צו וואָס שטעלען איהם אין אַ פערלעגענהייט? אָבער, אַז איהר הייסט, וועל איך אייך פאָלגען. (געהט אַרויס פון יענער זייט ווענטעל). וואו איז דאָס צעטעלע? ווייזט, וועל איך איהם איבערגעבען.

אַ ל ג אַ נ י ק.: נאַט אייך. און פערמאַכט דעם פענסטער, אננושקאַ.

אַ נ נ ו ש ק אַ (מיט חניפה): וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגען, ליעבע פריילין. אָט זייט איהר שוין גאָר אויף אַן אַנדער אופן — עס קומען אָפּיצערען. געוויס, מיר מאַכט ניט אויס, דאָס איז דאָך ניט מיין זאַך צו מישען זיך... אָבער, איהר ווייסט דאָך, מען דאַרף אָפּטער די בעט־צייג איבערבייטען און עס איז מעהר אַרבייט, ליעבע פריילין.

אַ ל ג אַ נ י ק. (קעהרט זיך אָב): נו?

א נ נ ו ש ק א: איך האָב דאָס געזאָגט אייער מאמאשאַ'ן, האָט זי מיר פערשפּראָכען דריי רובעל א מאָנאט צו צאָהלען — זאָלט איהר דאָס אזוי גוט זיין און איהר דערמאָנען וועגען דעם.

אָ ל ג א נ י ק.: גוט. און ווי איז דאָס — די געסט גיבען אייך גאָרנישט?

א נ נ ו ש ק א: מען קען זיי דען איינהיטען; זיי מאכען זיך אזוי ארויס, אז אפילו ניט די קאַץ און ניט דער קאָטער קען זיי ניט בעמערקען.

(עס קומט אַריין יעוודאָקיא, טהוט זיך אויס. קענטיג אַז זי איז גוט אויפגעלעגט און ריידענדיג זינגט זי אַלץ אונטער אַ פראַנצויזישען ראָמאַנס.)

י ע ו ו ד אָ ק י א: געהט, אננושקא, מיר דאַרפען אייך דאָ מעהר ניט.

א נ נ ו ש ק א: איך האָב דאָס דאָ גערעדט מיט דער פריילען וועגען די דריי רובעל. געדענקט איהר, ליעבע מאדאם, וואָס איהר האָט פערשפּראָכען?...

י ע ו ו ד אָ ק י א: אַך, מיין גאָט! ווי איהר שטעהט צו, אננושקא, האָט קיין מורא ניט, אייערע דריי רובעל וועלען ניט פערפאַלען ווערען.

א נ נ ו ש ק א: דריי מיט א האַלבען רובעל. געדענקט איהר ניט, איהר זייט מיר א האַלבען רובעל שולדיג געבליבען, ווען איהר האָט מיך געשיקט קויפען אייך צוקער־קיכעלעך?

י ע ו ו ד אָ ק י א: איהר וועט קריגען גאַנצע פיער, אננושקא. נו, געהט! האָט איהר די בעט צורעכט געמאַכט?

א נ נ ו ש ק א: ווי דען? (זי געהט אָב.)

י ע ו ו ד אָ ק י א (זינגענדיג): ניין. דאָס איז דאָך ניט אויסצוהאַלטען. א וואַהרע רויבער־העלע איז דאָך דאָ — בע'גזל'־ענען דיך אין מיטען טאָג! דו שטעל זיך נור פאָר, אַליאַ... (זינגט) נור־וואָס רופט מיך דער פערוואַלטער פון הויז און זאָגט, אז מיר דאַרפען פון איצט אָן צאָהלען מיט צעהן רובעל א חודש טהייערער

פאַר דער קוואַרטיר. דאָס איז דאָך אַ שרעק! (זינגט) אַזאַ הונד! אַליעטשקאַ, ווילסטו מאַרמעלאַד? אַבריקאָסאָווע מאַרמעלאַד.

אָ ל ג אַ נ י ק. (ציהט אוים די האַנד ניט קוקענדיג): גיב נור. (ביידע עסען — אַ ווײַלע שווייגען.)

אָ ל ג אַ נ י ק.: דאָס איז ניט אַבריקאָסאָווע.

י ע ו ו ד אָ ק י אַ (מיט שרעק): וואָס רעדסטו! און ער האָט מיר געשוואָרען, אַז דאָס איז אַבריקאָסאָווע. וואַרט, אַליעטשקע. עס ניט, איך פּאַק דאָס איין און טראָג איהם אָב צוריק, און וועל איהם אַ וואָרף טהאָן אין זיין מיאוס׳ע צורה!

אָ ל ג אַ נ י ק.: מאַמאַשע... איך וויל ניט, אַז היינט זאָל דאָ אימיצער זיין.

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: וואָס איז דאָס שוין פאַר אַ נייעס?

אָ ל ג אַ נ י ק.: איך וויל ניט.

י ע ו ו ד אָ ק י אַ (סטראַשענדיג): אַליאַ! (זינגט אונטער) און וועגען דעם האָסטו געדאַרפט, מיין פריינד, פריהער אַ טראַכט טהאָן. איך וועל ניט ערלויבען, אַז איבער אַ קאַפּריז פון אַ וועלכער ניט איז מיידעלע זאָל איך געשטעלט ווערען אין אַ פערלעגענהייט. איך לויף אַרום אַ גאַנצען טאָג איבער׳ן שטאָדט, ניט געגעסען ניט געטרונקען. איהר האָט דאָ געשלאָפען, פריילין, און איך האָב נאָך אַ טראָפּען אין מיין מויל ניט געהאַט — ענדליך, ווען איך האָב שוין געפונען אַן אַנשטענדיגען מענשען, איז גאָר ניט, נאַ דיר!... ניין, טאָכטער׳ל מיינע, איך וועל ניט ערלויבען, אַז מען זאָל פון מיר חוזק מאַכען! אויב דו ווייסט ווי דאַנקבאַר צו זיין פאַר אַלעס וואָס איך אָפּפער פון דיינט־וועגען... (זינגט) איבריגענס, עס אַליעטשקאַ, עס די מאַרמעלאַדקעס, ער וועט דאָך שוין סיי ווי סיי קיין האַלבע קעסטעל ניט נעהמען צוריק. אַזאַ הונד!

אָ ל ג אַ נ י ק.: און ווער איז ער דאָס, אָט דער וואָס דאַרף קומען?

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: ניט מעהר בלויז ווי אַ פּאָלקאָווניק.

אָ ל ג אַ נ י ק.: אַ פּאָלקאָווניק?

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: יאַ, אַ פּאָלקאָווניק. אמת, ער איז בלויז

א דאָקטאָר, א מיליטער־ארצט, און אפילו שוין לאנג אָן אויסגע־דיענטער. אָבער לויט זיין ראנג איז ער פּאָלקאָווניק. און די הויפּט־זאַך איז, דו זאָלסט דאָס געדענקען און האַלטען זיך מיט איהם זעהר העפליך. וואָרום ער איז אַן ערנסטער מענש, ניט קיין צולאָזע־נער, און ער האָט זעהר ערנסטע אבזיכטען. פערשטעהסט? נו, ווי געפעלט דאָס דיר איצט? — הונדערט רובעל א מאָנאט און פּרע־זענטען!

אָ ל ג א נ י ק.: און יענער טויגעניכטס האָט זיך נאָך בע־קלאָגט, אַז פינף און זיבעציג רובעל איז צו טהייער.

י ע וו ד אָ ק י א: אַזאַ הונד! נו, זעהסטו שוין, אָליעטשקאַ, און דו (זינגט), און דו מאַכסט מיר נאָך פאָרווירפע.

אָ ל ג א נ י ק.: גוט, מאַמע. אָבער דו זאָלסט וויסען זיין, אַז אחוץ דעם וויל איך מעהר קיינעם ניט. איך וויל ניט זיין קיין...

י ע וו ד אָ ק י א: אָליא, ווי קענסטו גאָר אַזוינס טראַכטען? באשר די אומשטענדען האָבען אונז געצוואונגען, מיינסטו דען אַז עס וועט שוין אַזוי זיין אייביג!

אָ ל ג א נ י ק.: איך וויל ניט זיין קיין גאַסען־מיידעל!

י ע וו ד אָ ק י א: ווי ערלויבסטו זיך אַזאַ אויסדרוק, אָליא! יא, אָט וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגען: דאָ איז אָט דער סטו־דענט גלאַכאָווצעוו... זיי ניט מיט איהם צו שטרענג, אָליא. אָרעמער יונג, אַן עלענדער, א רחמנות; מיך פּערדריסט זעהר וואָס איך האָב זיך דאַן אַזוי צוהיצט...

אָ ל ג א נ י ק. (שרייט): זאָלסט ניט וואַגען ריידען וועגען איהם, הערסט! איך בעט דיך בעסער מיט גוטען, זאָלסט קיינמאָל וועגען איהם ניט ריידען! דאָס איז געמיין! דאָס איז עהרענלאָז!

י ע וו ד אָ ק י א: מיין גאָט, ווי דום דו ביזט. איך מיין דאָך דיין טובה, און דו שרייסט נאָך. דו האָסט דאָך איהם ליעב?

אָ ל ג א נ י ק (שרייט): מאַמע!....

י ע וו ד אָ ק י א: נו, הער שוין אויף, אָליעטשקאַ. גלויב מיר, דאָס זעהט אויס אַזוי אונאָרטיג. געוויס, דער יונג איז נעבעך עלענד, אָהן פריינד, ווערסטו איהם געבען אַזוי פיעל ליעבע — איך

וויים דאָך, אָליעטשקע, וואָס פאַר א גוט הארץ דו האָסט. נו, וואָס פאַר א שלעכטס איז דאָ דעריין? וועט דען זיין בעסער, אז דער אָרעמער יונג וועט צולאָזען ווערען, וועט זיך ארומשלעפּען, ווער וויים וואו, אזוי ווי זיי אַלע? דאָס איז דאָך א שרעק!

אָ ל ג א נ י ק.: ער וועט דאָס ניט וועלען אזוי, מאַמאַשאַ.

י ע ו ו ד אָ ק י א: נו, וועט ער זיין דער נאַר! דאָ איז א פּאָלקאָווניק, א.... אַן אנגעזעהענער מאַן, און וואָס איז ער, א איינגעל! איבעריגענס, איך וועל שוין אַליין מיט איהם ריידען.

אָ ל ג א נ י ק.: ניין, ניין, מאַמאַשאַ! זאָלסט זיך ניט אונטערשטעהן דאָס צו טהאָן! איך וועל דאָס דיר ניט ערלויבען!

י ע ו ו ד אָ ק י א: איז ווי דו ווילסט זיך, קינד מיינע. איהר זייט ביידע יונגע מענשען, טאָ וואָס זאָל איך זיך, אַלטער נאַר, מישען אין אייערע עסקים. דו קענסט דאָך איהם איינפאַך איינלאַדען פערברענגען מיט דיר א ווייַלע, און ער וועט דאָך שוין אַליין אַלעס פערשטעהן, ווען ער וועט דיך דערזעהן, מיין שעהן קינד. ווילסטו ניט אביסעל נאַליווקעלע, אָליאַ? נעהם א ביסעלע, מיין לעבען, זעהר זיסע נאַליווקע. (מאַכט זיך צורעכט אין שפּיגעל). און איך וועל א פאָהר טהאָן נאָך איהם.

אָ ל ג א נ י ק.: נאָך איהם? שוין אזוי גיך?

י ע ו ו ד אָ ק י א: געוויס. וואָס דען מיינסטו, איך וועל זיך ערניעדריגען איבער אזא שטיקעל איינגעל! אָבער דער איז אזא פיינער מאַן. דו וועסט באַלד אַליין זעהן. און האָב אין זינען, אָליעטשקאַ, אז ער איז געוועהנט געוואָרען צו לעגען זיך פריה שלאָפען, האָט ער מיר געזאָגט... פערשטעהסטו שוין, אָליאַ?

אָ ל ג א נ י ק.: צו מיר דאַרף באַלד קומען גלובאָווצעוו.

י ע ו ו ד אָ ק י א (דערשראָקען): אויף קיין פאַל ניט! מאָרגען אויב דו ווילסט, איז אַן אנדער זאַך, אָבער היינט בשום אופן ניט! דו בעטראַכט נור אין וואָס פאַר א לאַגע דו שטעלסט מיר אוועק!

אָ ל ג א נ י ק.: ניין, ער וועט קומען!

י ע ו ו ד אָ ק י א: אָילאַ!...

ֶאלגאניק.: ער וועט קומען, זאָג איך!

יעוודאָקיא: אפנים אז דו ווילסט איך זאָל מיט איהם אליין א רייד טהאָן? אדרבה, גוט! מיר האָט שוין דערעסען אָט דער שטיקעל אינגליאַק! דער גראָביאַן!...

אָלגאַניק.: ניין, ניין, ער וועט דאָך דאָ ניט לאַנג בלייבען.

יעוודאָקיא: זעה זשע! (קלינגט) אין א שטונדע ארום וועל איך זיין צוריק, אָליא. זאָלסטו ניט פערגעסען, אין א שטונדע ארום, הערסט!

אָלגאַניק.: גוט. איך וועל ניט פערגעסען. אייער היטעלע פעררוכט דאָך — זי איז אָן א זייט.

אנגושקא (קומט אריין): איהר האָט געקלונגען?

יעוודאָקיא: אַך, יא, מיין ליעבע. זייט אזוי גוט און לאַדעט אהער איין דעם סטודענט גלוכאָווצעוו.

אנגושקא: פון נומער 74?

יעוודאָקיא: יא, אין נומער „74". זאָגט, אז די פריילין האָט זעהר געבעטען. פערשטעהט איהר, די פריילין, ניט איך!

אָלגאַניק.: בעט, ער זאָל גלייך קומען, אנגושקא!

(אנגושקא געהט אָב. יעוודאָקיא, אַז אָנגעטהאָנענע, קושט אָלגאַ'ן אין שטערן.)

יעוודאָקיא: אויף וויעדערזעהן, מיין קינד. יא, איך האָב זיך גאָר פערגעסען. עס דאָ קיין זאַך ניט. איך וועל שוין ברענגען וואָס צו פערבייסען. ווייסטו, אָליעטשקא, מיר געפעלט גאָר ניט וואָס דו ביסט אין שווארצען... אָבער איבעריגענס, עס קען זיין אז אזוי איז טאַקע בעסער, זעהסט אויס בעשיידענער. נו, אדיע, מיין לעבען. (ארויסגעהענדיג שטויסט זי זיך אָן אין טהיר אויף גלוכאָווצעוו, וועלכער רוקט זיך אָב שטיל און לאָזט זי דורך.)

יעוודאָקיא: אַך, דאָס זייט איהר, מיין פריינד! געהט אריין, געהט אריין, ביטע. אָליעטשקא איז אין דער היים. איהר דארפט פערצייהען אזא אַלטעטשקער ווי איך, וואָס איך בין געוועזן

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

אזוי אויפגעבראכט דאן אין בולוואר. איך בין געווען זעהר נערוועז. פערצייהעט איהר?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: עס מאכט ניט, ביטע.

י ע ו ו ד אָ ק י א: אַך, די יוגענד איז אזוי גרויסמוטהיג! אויף ווידערזעהן, מיין פריינד. ענטשולדיגט, איך איל זיך זעהר. (צו אָלגאַ) אויף ווידערזעהן, קינד מיינס! (געהט אָב.)

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: גוטען אבענד, אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ.

אָ ל ג א נ י ק.: גוטען אבענד, ניקאָליי פעטראָוויטש.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: איהר האָט מיך געוואָלט זעהן?

אָ ל ג א נ י ק.: יא, זיצט, ביטע, זעצט זיך צו א ווײלע. (אַ קליינע פויזע.) איהר זייט זעהר מאָגער געוואָרען, ניקאָלאַי פעט־ראָוויטש.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: איך? ניין. פון וואָס האָב איך מאָגער צו ווערען? אָט איהר זייט, דוכט מיר, ווירקליך בלייכלעך געוואָרען. זייט איהר עפּעס ניט געזונד?

אָ ל ג א נ י ק.: קאָליא... (פויזע.)

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (הויבט זיך אויף): מעג איך אוועקגעהן?

אָ ל ג א נ י ק. (שטעהט אויך אויף): אַך, ניין, זיצט א ווײלע, איך בעט אייך. (זעצען זיך ביידע.)

אָ ל ג א נ י ק.: שוין אזוי לאנג ווי איך האָב אייך ניט געזעהן.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: אכט טעג.

אָ ל ג א נ י ק.: און מיר האָט אויסגעוויזען, אז מעהר!...

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: ניין, אכט טעג.

אָ ל ג א נ י ק.: און וואָס מאכט אנופרי ניקאָלאַיעוויטש?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: אָט אזוי, ער איז נאָר וואָס ביי מיר געווען. ער וועט ביי מיר מסתמא וואוינען איצט.

אָ ל ג א נ י ק.: ווירקליך? (פויזע.) געדענקט איהר די וואָראָביאָווע בערג, קאָליא!....

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (שאַרף): ניין. איך פערשטעה איבער־הויפּט ניט, אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ, פון וואָס האָבען מיר מיט אייך צו

ריידען. איך האָב זיך זעהר געוואונדערט, ווען איך האָב ערהאַלטען אייער צעטעלע. אַלעס איז דוכט זיך אַזוי קלאָהר...

אָ ל ג אַ נ י ק. (שטיל): ניין, ניט קלאָהר.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: איהר ליעבט דאָך מיך ניט...

אָ ל ג אַ נ י ק. (שטיל): ניין, איך ליעב.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (שפּרינגט אויף): יאַ? איהר ליעבט? דאַן פאַר וואָס זשע... פאַר וואָס זשע, אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ, פאַר וואָס טהוט איהר אַזעלכעס? ערקלעהרט מיר, איך בעט אייך.

אָ ל ג אַ נ י ק. (אונבעהילפיג): קאָליעטשקאַ!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: קאָליעטשקאַ! און ווי האָט איהר דעם אָפיצער גערופען, וואַסינקאַ, פּעטינקאַ? און ווי האָט איהר יענעם לומפּ גערופען, וועלכער איז ביי אייך געווען פאַרגעסטערען ביי־נאַכט? אויך קאָליעטשקאַ? עס זיינען דאָך פאַראַן אַזוי פיעל ניקאָלאַיעס... וואָס־זשע שווייגט איהר, הא?

אָ ל ג אַ נ י ק. (וויינט): וואָס זאָל איך זאָגען? האָב אויף מיר רחמנות! זעהסטו דען ניט ווי אונגליקליך איך בין! איך האָב דאָך קיין איין נאַכט מיינע אויגען ניט צוגעמאַכט!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: די אָפיצערען האָבען געשטערט?

אָ ל ג אַ נ י ק.: דו בעליידיגסט מיך, קאָליאַ.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: קען מען דען אייך בעליידיגען?

אָ ל ג אַ נ י ק. (אין כעס): ניקאָלאַי פּעטראָוויטש!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: וואָס פערלאַנגט איהר, אָלגאַ ניקאָ־לאַיעוונאַ?

אָ ל ג אַ נ י ק. (שטיל): דו האַסט מיך?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: קענט איהר דען ערוואַרטען עפּעס אַנ־דערעס? איך וואָלט אייך געבעטען, איהר זאָלט מיר ערלויבען אַוועקצוגעהן. אויף מיר וואַרטען מיינע קאַמעראַדען.

אָ ל ג אַ נ י ק. (וויינענדיג): און דו... און דו האַסט מיך. מיין גאָט! און קיינער, קיינער... קיין איין זעעלע אויף דער גאַנצער וועלט... זעהט ניט, אַז איך בין דאָך נאָך גאָר אַ מיידעלע... איך בין דאָך ערשט קוים אַכצעהן יאָהר... און קיינער האָט גאָר קיין מיטלייד

ניט? גאָט מיינער! און קיינער דארף מיך ניט? אַ, נור איינגעהמען סיידען... קארבאָל... און.... פער׳סם׳ען... פער׳סם׳ען... זיך.

גלובאָווצעוו: אָלגא ניקאָלאיעווגא! אָליא!

אָלגא ניק. (וויינט): אָט האָסטו קאמעראדען... אנופרי וועט וואוינען מיט דיר... און... איך מיט וועמען? מיין גאָט, מיט וועמען? בין איך דען שולדיג, אַז מען האָט מיר געמאַכט פאַר אַזעלכער? דאָן, אויף די וואָראָביאָווע בערג, אַלע זינגען, אַלע לאַכען, אַלע זיינען פרעהליך, אַלע זיינען אַזעלכע גוטע, און איך איינע בין ווי אַ פער... פערלאָרענע... שעהם זיך אפילו גלייך אין די אויגען צו קוקען! דארף מען גאָר מיט מיר קיין מיטלייד ניט האָבען? אַ, גאָט...

גלובאָווצעוו: מיר טהוט וועה דאָס הארץ פאַר דיר, איך האָב אויף דיר זעהר, זעהר רחמנות. אָבער... בעטראַכט איהר נור אַליין, וואָס זשע קען איך טהאָן?... איהר האָט דאָך אַליין אַזוי געוואָלט, איהר זייט דאָך אַליין אַוועק.

אָלגא ניק.: זי האָט מיך אַוועקגעפיהרט.

גלובאָווצעוו (בייז): פאַר וואָס האָט איהר ערלויבט זי זאָל אייך אַוועקפיהרען?

אָלגא ניק.: איך... איך... האָב מורא געהאַט.

גלובאָווצעוו: אָט... אָט דאָס איז דאָך מיט אייך — האָט מורא געהאַט! אָט די מורא, דיעזער שרעק, מאַכט דאָך אייך פאַר אַ שקלאַפין, פאַר אַ שפּיעלזוערק, פאַר אַ געזונקענער פרוי... פאַר... פאַר!..

אָלגא ניק.: איז מיר דען גוט דערפון, קאָליא? יא, עס איז אמת, איך האָב מורא, איך בין אַ פייגלינג, מיר פעהלט מוטה, ניטאָ ביי מיר די העלדישקייט, ווי ביי אַנדערע. אָבער פון וואַנען? איך בין דאָך נאָך אַזוי יונג! וואַרט, לאָמיך לעבען, איך וועל אפשר אויך בעקומען מוטה, איך וועל אפשר אויפהערען מורא האָבען און וועל ווערען אַן עהרליכע. שטויס מיך ניט אָב, קאָליעטשקא!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: פאַר וואָס זשע האָסטו דאָן מיר פריי־ער ניט געזאָגט, אַז דו ביזט אויף געהאַלט?

אָ ל ג אַ נ י ק.: איך... איך האָב זיך וועגען דעם פערגעסען. מיר איז געווען אַזוי גוט מיט דיר, איך האָב דיך אַזוי געליעבט, אַז איך האָב אין גאַנצען פערגעסען אַ וועלכע איך בין; אַלעס, אַלעס פערגעסען...

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: און מאָרגען וועט ווידער קומען אַ וועלכער ניט איז... קויפער, און איהר וועט ווידער...

אָ ל ג אַ נ י ק. (היציג): ניין, קאָליאַ, איך שווער דיר! איך וועל אַרבייטען. לאָז מיך נור קומען צו זיך, אַביסעל געזינדער ווערען. שטויס מיך ניט אָב. האָב אויף מיר רחמנות!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: ליגען! פאַלש! פאַלש!

אָ ל ג אַ נ י ק.: איך שווער עס דיר, קאָליאַ! (שטעלט זיך אויף די קניע פאַר איהם) זיי גוט צו מיר, זיי צו מיר צערטליך ווי אַמאָל, רוף מיך... אָיל־אָיל...

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: ניין, ניט אויף די קניע! מען דאַרף ניט! איך בעט אייך, שטעהט ניט אויף די קניע פאַר מיר! איך בעט אייך, אָלגאַ ניקאָלאַיעווּנאַ! אַך, מיין גאָט, אָליאַ! אָיל־אָיל!

אָ ל ג אַ נ י ק. (ניט אויפשטעהענדיג): אָט האָסטו גערופען... ליעבער מיינער, טהייערער מיינער! איך ליעב דאָך דיך אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאַרק!...

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: שטעה אויף, אָליאַ. איך וועל ניט ריידען, ביז וואַנען דו וועסט ניט אויפשטעהן!

אָ ל ג אַ נ י ק.: זיי ניט בייז, ליעבינקער. דו ביזט דאָך אַזאַ איידעלער, אַזאַ גרויסמוטהיגער, ווי קענסטו בייז זיין אויף אַ קליין מיידעלע?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: שטעה אויף, שטעה אויף! איך קען דאָס ניט זעהן.

אָ ל ג אַ נ י ק.: נו, לאָמיר זיך זעצען, קאָליעטשקאַ, דאָ אויפ׳ן דיוואַן.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: ניין, אַיל־אַיל, איך וועל בעסער ארומגעהן.

אָ ל ג אַ נ י ק: נו, געה זיך ארום, נור זיי ניט בייז, קאַליעטשקאַ.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: און דו ליעבסט מיך ווירקליך?

אָ ל ג אַ נ י ק.: ווי קענסטו דעריין צווייפלען? זעה ווי אויסגעמאַטערט איך בין: ביי מיר איז דאָך קיין טראָפּען בלוט אין פּנים ניטאָ. איך האָב היינט אין דער פריה אַ קוק געטהאָן אויף זיך אין שפּיגעל, און איך האָב אזוי רחמנות געקראָגען אויף זיך אליין, אז איך האָב זיך צואוויינט. אַ רחמנות אויף מיין יוגענד, אויף מיין שעהנקייט. (וויינט שטיל.)

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: יא יוגענד... אָט זאָגסטו, איך בין מאָגער געוואָרען — ווייסטו אז איך בין פאַר דער וואָך שיער פון זינען אראָב? אזוי פּלוצלינג, אזוי אונערוואַרטעט, אזוי מיט איין מאָל — איך קען ניט פערשטעהן ווארום? פאַר וואָס?... און וואָס האָב איך דען אזוינס געטהאָן, אז איך זאָל אזוי שרעקליך בע־שטראָפט ווערען?

אָ ל ג אַ נ י ק.: הער אויף, קאַליאַ! דו האָסט קיין זאַך ניט געטהאָן, דו ביזט אזוי איידעל. איך בין דאָס אין אלעם שולדיג.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: ניין, אָיל־אָיל. איך האָב עפּעס יא גע־טהאָן, איך פיהל דאָס. און ווייסטו וואָס? דאָס, וואָס איך האָב וועגען קיין זאַך ניט געטראַכט. איך האָב אפשר ווירקליך געדאַרפט אַ טראַכט טהאָן פריהער, אַ פרעג טהאָן זיך אליין, און ניט אזוי ווי אַ דומע קאַלב — דערזעהן גראָז, שוין דערפרעהט זיך און אָנגע־הויבען שפּרינגען... געוויס האָב איך געדאַרפט מיט מעהר בע־וואוסטזיין אַ טראַכט טהאָן וועגען דיין אויפפיהרונג, בעזונדערס נאָך, ווען מען טרעט אריין אין ערנסטע פערבינדונגען מיט אַ פרויענצימער. אָבער דו פערשטעהסט אָיל־אָיל: איך האָב דאָך גאָר ניט בעטראַכט, אז אונזערע בעציהונגען ווערען אַן ערנסטע פערבינדונג.

אָ ל ג אַ נ י ק.: און איך האָב דען געטראַכט וועגען וואָס

ניט איז? און קען מען דען קלעהרען וועגען עפּעס, ווען מען ליעבט?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: נו, דו — דו ביזט אַ פּרויענצימער, ד. ה. אַ יונג מיידעלע, אויב מען זאָל נעהמען אין אַנבעטראַכט דיינע יאָהרען — אָבער איך? ווייסטו ווי אַנופּרי רופט מיך? שפּאַנישער עזעל! און ווען מיר האָבען אָנגעהויבען צוזאַמען בע־טראַכטען די גאַנצע אַנגעלעגענהייט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער אַליין איז אויך אַזאַ שפּאַנישער עזעל. ווייסטו, די דריטע נאַכט שוין, ווי מיר האַלטען אין איין דיסקוטירען וועגען דיעזער פּאַסירונג.

אָ ל ג אַ נ י ק.: און ער איז געגען מיר, אַנופּרי ניקאָלאַיע־וויטש?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: ער איז געגען דיר, ער איז געגען מיר, און היינט איז ער שוין געגען זיך אַליין אויך. (קרימט נאָך אַנופּרי׳ס רייד) דו, קאָליאַ, זאָגט ער, ביזט אַ נאַר, נו, און איך בין אויך אַ נאַר, קאָליאַ. דו וועסט שוין קיין שטילע פּאַמיליע ניט האָבען — אָבער ווילסטו וויסען פאַר וואָס? קוק זיך איין אין אַן ענציקלאָפּע־דישען ווערטער־בוך, שטעהט דאָרט: ע ז ע ל!

אָ ל ג אַ נ י ק.: ניין, אַנופּרי איז זעהר אַ גוטער מענש, איך האָב איהם זעהר ליעב דערפאַר. זעץ זיך לעבען מיר, קאָליעטשקאַ.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: צו וואָס? (זעצט זיך).

אָ ל ג אַ נ י ק. (נעהמט איהם אַרום צערטליך, שטיל): גע־דענקסטו די וואַראַביאָווע בערג?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (אומאַרעמט זי): איל־איל, וועסטו טאַקע מיט אַן אמת אַרבייטען?

אָ ל ג א נ י ק.: יאַ, איך וועל, מיין לעבען. דו זאָלסט מיר נור גלויבען, זאָלסט מיך ניט יאָגען. לאָז מיך וועניגסטענס אַ ביסעלע קומען צו זיך.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: דו האָסט דאָך אָבער געזאָגט, אַז דו קענסט קיין זאַך ניט, ווייסט קיין אַרבייט ניט?

אָ ל ג א נ י ק.: דו וועסט מיך לערנען, דו ביזט אַזאַ קלו־גער, דו וועסט מיר אַלעם אויסלערנען.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: און דו וועסט פּאָלגען? (שטויסט זי

פלוצלינג אָב און וויל זיך בעפרייען פון איהרע אומאַרמונגען.) ניין, אָיל־אָיל, מען דאַרף ניט! לאָז מיך! איך בין שוין ווייטער צומישט, איך פערשטעה קיין זאַך ניט. וואו־זשע איז דער אמת, אָיל־אָיל? וואו איז דער פערפלוכטער אמת?

אָ ל ג אַ   נ י ק. (אומעטיג): ניטאָ קיין אמת אויף דער וועלט, קאָליעטשקאַ. (צערטעלט און קושט איהם.) ניטאָ, קאָליעטשקאַ.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: א, אונזין! עס איז פאַראַן! (קושט זי.) פאַראַן, אָיל־אָיל.

אָ ל ג אַ   נ י ק.: ניטאָ, קאָליעטשקאַ, ניטאָ! (קושט איהם.)

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: א, לאָז מיך!

אָ ל ג אַ   נ י ק.: ניין.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: לאָז מיך.

אָ ל ג אַ   נ י ק.: ניין. ניין. ניין. ניין. (קושט איהם.)

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (שפּרינגט אויף): ניין — אונמעגליך. אָיל־אָיל, לאָז מיך אָב, איך געה פון זינען אַראָב.

אָ ל ג אַ   נ י ק. (דעריאָגט איהם און אומאַרעמט איהם): וואוהין־זשע געהסטו? ניין, ניין, נעהם מיך אַרום! איך ליעב דיך! איך ליעב דיך.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (נעהמט זי אַרום און קוקט איהר גלייך אין די אויגען): אָיל־אָיל, מיין צויבער, דאָס איז דאָך אמת, האַ? אמת, אַז דו ליעבסט מיך? אמת, אַז איך קוק דאָס דיר אַריין אין די אויגען? אַז דו ביזט ווידער מיט מיר, מיין גליק, מיין חן, מיין לעבען!

אָ ל ג אַ   נ י ק.: אמת, אמת! דאָס איז אַלעס אמת, מיין ליעבינקער! (אַ קלאַפּ אין טהיר.)

אָ ל ג אַ   נ י ק. (רייסט זיך אַרויס פון איהם): לאָז מיך, לאָז! דאָס איז די מאַמע, געה בעסער אַוועק! מיר וועלען דערנאָך, דערנאָך זעהן זיך.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: פאַר וואָס זשע זאָל איך אַוועקגעהן? זי האָט דאָך זיך אַליין ענטשולדיגט פאַר מיר, און... (שרייט) אַריין! אַריין!...

י ע ו ו ד אָ ק י אַ (קומט אַריין און וואַרפט אַ פּעראַכטענדען בליק אויפ׳ן סטודענט): אָליאַ!... און איהר זייט נאָך אַלץ דאָ הערר גלוכאָווצעוו?

אָ ל ג אַ נ י ק.: ער וועט גלייך אַוועק. קאָליאַ, ליעבינקער, הער מיך... פאָלג מיך. (פיהרט איהם צום טהיר.) גלייך, מאַמע, איך וועל איהם נור בעגלייטען צו זיין צימער.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (רייסט זיך אַרויס): ניט נויטיג, איך בעט אייך, בעמיהט זיך ניט. איך קען אַליין. (געהט אַרויס מיט אימפּעט.)

אָ ל ג אַ נ י ק. (פערברעכט די הענד): ער איז אַוועק! קאָליאַ, קאָליעטשקאַ, אָ, קעהר זיך אום!... (פאַלט אין שטוהל און שלוכצעט.)

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: אָליאַ! וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ דראַמאַ? וואָס נאָך!

אָ ל ג אַ נ י ק.: פערלאָרען... אַלעס פערלאָרען... איך וועל איהם שוין מעהר ניט זעהן, מיין לעבען, מיין ליעבע. קיינער האָט אויף מיר קיין מיטלייד ניט, קיינער ניט.

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: אָליאַ!... איהר זאָלט זיך מיר גלייך איינוואַשען, פריילין, און פערקאַמען זיך. וואָס נאָך! דראַמעס גאָר דאָ פערפיהרען? אַזאַ אָבגעריסענער אינגליאַק! אַ סטודענטיק!... דו הערסט וואָס איך היים? אויב דו וועסט מיר גלייך ניט געהן איינוואַשען זיך און צורעכט מאַכען די האָר... דאַן... אָליאַ!...

אָ ל ג אַ נ י ק. (גראָב): וואָס שרייסטו! זעהסט דאָך אַז איך געה. (געהט אַוועק וויינענדיג צום שלאָפצימער און גיט אַ שטויס פערבייגעהענדיג די מוטער מיט׳ן אַקסעל.)

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: שנעלער, שנעלער, אָליעטשקאַ. ער וועט דאָך דאָ גלייך זיין, ער איז נור אַריין אויף אַ מינוט אין פאַריק־מאַכערסקע.

אָ ל ג אַ נ י ק.: דו האָסט שוין ווייטער צושלעפּט מיינע האָר־נאָדלען. וויפיעל מאָל האָב איך דיר געזאָגט: קויף זיך אַליין האָר־נאָדלען און פּוץ זיך אויס, וויפיעל דיין האַרץ געלוסט. (מיט פעראַכטונג) אויך מיר!

י ע ו ו ד אָ ק י א: זעה, זעה, מען טאָר שוין גאָר איהרע אַ האָר־נאָדעל ניט אָנריהרען! וואָלסט בעסער די קליידלעך אויפראַ־מען און ניט צואווארפען אויף די שטוהלען! וואָס־זשע ווילסטו, איך זאָל געהן מיט צולאָזטע האָר ווי אַן אַפּעליע?

אָ ל ג א נ י ק.: מכשפה!

י ע ו ו ד אָ ק י א: וואָס איז דאָס? ווּעמען זידעלסטו דאָס, הא!

אָ ל ג א נ י ק.: מכשפה!

י ע ו ו ד אָ ק י א: פריילין! איך בעט אייך, איהר זאָלט בעסער מויל האַלטען! און דאָס רעדט אזוי מיין קינד, מיט אַן אינסטיטוט־ערציהונג! אַך, דו פּאַסקודסטווע, דו גאַסען־מיידעל!... דו...

אָ ל ג א נ י ק.: פאַר וואָס זשע האָט איהר מיך פערקויפט, מאַדאַם, הא? פאַר וואָס זשע האָט איהר פון מיר געמאַכט אַ גאַסען־מיידעל? פערפלוכטע מכשפה! טייפעל!

י ע ו ו ד אָ ק י א: קוק איהר נאָר אָן — „פערקויפט“! און ווער וועט דיך גאָר וועלען קויפען, פּאַסקודסטווע דו? אַזעלכע ווי דו שלעפּען זיך אַרום הונדערטער אויפ׳ן בולוואַר.

אָ ל ג א נ י ק.: מאַמע!

י ע ו ו ד אָ ק י א: וואָס איז, טאָכטער׳ל? נו, איך הער.

אָ ל ג א נ י ק.: מאַמע!...

(אין טהיר דערהערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּען.)

י ע ו ו ד אָ ק י א: אַליעטשקאַ, דער פּאָלקאָווניק. אייל זיך צו, מיין קינד!... ביטע, ביטע, אַריין, מאָסיע!...

פ אָ ן ־ ר א נ ק ע ן (קומט אַריין, ציווילנע געקליידעט): איז עס דאָ?

י ע ו ו ד אָ ק י א (אויפגעלעגט): סיל־וואו־פּלע! ביטע, ביטע. ווי גערן איך בין אויפצונעהמען אייך, פּאָלקאָווניק. איך האָף, אז אייער פּאַציענט איז אויסער געפאַהר. איך האָב אַזוי פיעל גוטעס דערצעהלט וועגען אייך מיין אַליעטשקען, און זי וואַרט

וואַרט מיט אונגעדולד, מיין נעביכקע. אַליאַ, קינד מיינס, ווייסטו ווער עס איז צו אונז געקומען?

פּאַ ן ־ ר אַ נ ק ע ן: איהר האָט מיר געזאָגט, ליעבע יעוודאָ־קיאַ גריגאָריעוונאַ...

י ע ו ו ד אָ ק י אַ (שלאָגט איבער): ניט גריגאָריעוונאַ — אַנטאָנאָוונאַ, פּאָלקאָווניק!

פּ אַ ן ־ ר אַ נ ק ע ן: יאַ... יעוודאָקיאַ אַנטאָנאָוונאַ, איהר האָט מיר געזאָגט, אַז איהר וואוינט אין נומער 54, און אין אמת'ן איז גאָר אייער נומער 52.

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: ווירקליך? וואָס פאַר אַ שרעקליכער טעות!

פּ אַ ן ־ ר אַ נ ק ע ן: יאַ, מען דאַרף זיין אַביסעל אויפמערק־זאַמער. און נאָך וואָס, איך בעט אייך, רופט מיך ניט פּאָלקאָווניק; רופט מיך בעסער איינפאַך, הערר פּאַן־ראַנקען... נו, און וואו איז דאָס אייער אָלגאַ?... איך ווייס אייגענטליך ניט ווי זי צו רופען.

י ע ו ו ד אָ ק י אַ (מיט אַ געבעט): רופט זי אַליאַ, הערר פּאַן־ראַנקען: זי איז דאָך ביי מיר נאָך גאָר אַ מיידעלע. אַליעטשקאַ, מען וואַרט אויף דיר. (אָלגאַ קומט אַרויס, שטאַרק אָנגעפּודערט, דער־לאַנגט שווייגענדיג די האַנד.)

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: ערלויבט מיר פאָרצושטעלען: מיין טאָכטער, אַליאַ. וואָס פאַר פּרעכטיגע פּערפיום — ווייסטו ניט וועלכע דאָס איז אַליעטשקאַ?

פּ אַ ן ־ ר אַ נ ק ע ן: פּאַ־דיספּאַן. — בין זעהר גליקליך מיט אייך צו בעקענען זיך, אָלגאַ...

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: אַליאַ, דאָס איז דער הערר פּאָלקאָווניק, אַליאַ!

אָ ל גאַ נ י ק.: איך בין אויך זעהר גערן.

פּ אַ ן ־ ר אַ נ ק ע ן: אויף וויפיעל איך קען זיך עראינערען, האָב איך געהאַט די עהרע צו דיענען מיט אייער פאָטער צוזאַמען אין איין רעגימענט.

יעוודאָקיאַ: יאַ, יאַ, הערר פאָן־ראַנקען! ער פלעגט מיר דערצעהלען אַזוי פיעל גוטעס פון אייך!

פאָן־ראַנקען: נו, דאָס האָט ניט געקענט זיין. איך בין דאַן ערשט אַריין אין דיענסט, און אייער מאַן האָט מיך ניט געקענט. אָבער איך געדענק איהם, יאַ... אַן אַנשטענדיגער מאַן געווען, נור דאָס שפּיעלען אין קאָרטען... נים וואהר, יעוודאָקיאַ גריגאָריעוונאַ?...

יעוודאָקיאַ: אַך דערמאָנט גאָר ניט, הערר פאָן־ראַנקען, אַ שרעק גאָר ווען איך דערמאָן זיך! אָליעטשקאַ, וואָס זשע שווייגסטו, מיין לעבען? פאַר וואָס שלאָגסטו אונזער גאַסט ניט פאָר אַ גלאָז טהעע? מען דאַרף ניט זיין צו שעהמעדיג, מיין קינד.

אָלגאַ ניק.: ווערט איהר טרינקען טהעע?

פאָן־ראַנקען: ניין, איך בין ניט קיין טהעע־טרינקער. נור אָט, אויב איהר ווערט מיר ערלויבען, וועל איך אַ בעט טהאָן אייער... היער איז געלד, יעוודאָקיאַ גריגאָריעוונאַ — פינף און צוואַנציג רובעל — איך האָף, אַז דאָס ווערט זיין גענוג?

יעוודאָקיאַ: אָ, געוויס, פאָלקאָווניק! איך... איך בין ווירקליך אין פערלעגענהייט...

פאָן־ראַנקען: נו־נו הערט אויף. נעהמט, איך בעט אייך. מיר וועלען זיך פיהרען גאַנץ בעשיידען, אָליאַ, ניט וואהר? זאָגט, וואָס איהר פערלאַנגט, איך בעט אייך, שעהמט זיך ניט.

אָלגאַ ניק.: בעשטעלט וואָס איהר ווילט, מיר איז ווירקליך גאַנץ גלייך.

יעוודאָקיאַ: מיין מיידעלע ליעבט ליקער, הערר פאָן־ראַנקען. זי האָט אַזוי ליעב זיסע זאַכען, יאַ, אָליאַ?

פאָן־ראַנקען: ליקער? נו, דאַן איז דאָך דאָס צו ווענינ געלד. (קרימט זיך.)

יעוודאָקיאַ: אַך, בערוהיגט זיך! מען קען נאַליווקע. אָליעטשקע, דו ליעבסט דאָך נאַליווקע?

פאָן־ראַנקען: ווי איהר פערשטעהט, מאַדאַם. נור צובייסען קויפט עפּעס וואָס איינפאַכער, איך ליעב ניט די דעליקאַט־

עסען, פון זיי ווערט בלויז דער מאָגען פערדאָרבען. זאָג איך ריכטיג, אָליאַ? אָט ברענגט אַ ראָסט־ביעף, אַ געבראָטען היהנדעל אָדער עטוואָס עהנליכעס...

אָ ל ג אַ נ י ק.: איקראַ נעהמט, מאַמאַשע.

פ אָ ן ־ ר אַ נ ק ע ן: געוויס מען קען אויך איקראַ, אָבוואָהל איך, אַלס אַרצט, וואָלט אייך דאָס קיינמאָל ניט געראַטהען פאַר אייער יונגען מאָגען.

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: פּיליכט סאַרדינען, אָליעטשקע?

פ אָ ן ־ ר אַ נ ק ע ן: נו, און עפּעס אַזוינס צום טרינקען, אָבוואָהל איך בין אין אַלגעמיין ניט קיין טרינקער, נור פון אַזאַ אַנגענעהמער געזעלשאַפט וועגען... ניט אַזוי דען, אָליאַ? כאַ־כאַ־כאַ, לאָמיר זיין אַזוי ווי קינדער! מיינט ניט אָליעטשקאַ, אַז איך בין אַזאַ שטרענגער, ווי איך זעה אויס און קען ניט פּרעהליך זיין. אָ, איך קען זעהר, זעהר פרעהליך זיין!

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: אַך, יאַ, אָליעטשקאַ: איך האָב זיך גאָר פערגעסען דיר צו זאָגען. אונזערע פריינד, פּאָלאָזאָווס, האָבען מיך היינט פערבעטען ביי זיי צו נעכטיגען. דאָס זיינען אונזערע זעהר גוטע בעקאַנטע, הערר פאָן־ראַנקען, און זעהר אַן אַנשטענדיגע פאַמיליע! דיר וועט דאָך דאָ ניט אומעטיג זיין אָהן מיר, קינדעלע מיינס?

פ אָ ן ־ ר אַ נ ק ע ן: איך האָף אַז ניט. האָב איך רעכט, אָליאַ?

אָ ל ג אַ נ י ק.: נו, געה, געה שוין, מאַמע; מען וועט דערנאָך פערשפּאַרען די קליטען.

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: אַך, מיין גאָט, איך האָב זיך גאָר פערגעסען וועגען דיעזע דומע איינריכטונגען.

פ אָ ן ־ ר אַ נ ק ע ן: פאַר וואָס עפּעס דומע? יעדערער מוז דאָך האָבען אַ צייט אָבצורוהען זיך, מאַדאַם.

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: איך געה. איך געה שוין — די מינוט!

אָ ל ג אַ נ י ק.: מאַך צורעכט דיין היטעלע, זי איז ביי דיר ווייטער אויף איין זייט, מאַמע. (יעוודאָקיאַ געהט אָב.)

פּאַן־ראַנקען: גיט מיר אייער האַנד, אַליאַ. ווי בעשיידען איהר זייט — זייט איהר אימער אַזוי?

אַלגאַ ניק.: אימער.

פּאַן־ראַנקען: איך האָב זעהר ליעב בעשיידענע. נור... נור געוועהנליך, ניט אין אַלע אומשטענדען איז נויטיג בעשיידענהייט. איבעריגענס, זעה איך אויך אין אייערע אויגען אַ בעהאַלטענעם אָבער זעהר לעבעדיגען פייער'ל — טרעף איך, אַלגאַ?

אַלגאַ ניק.: ווי רופט מען אייך?

פּאַן־ראַנקען: רופט מיך עדוארד, איינפאַך עדוארד.

אַלגאַ ניק.: וואָס פאַר אַ שעהנער נאָמען.

פּאַן־ראַנקען: ניט וואהר? יאַ, זעהר אַ שעהנער נאָמען. אָבער פאַר וואָס גיט איהר אפילו קיין שמייכעל ניט, אַליאַ? אויף יונגע ליפּעלעך אַ שמייכעל איז אַזוי ליעבליך. קענט איהר זינגען?

אַלגאַ ניק.: איך קען אַ ביסעלע.

פּאַן־ראַנקען: אָ, דאָס איז זעהר אַנגענעהם! איך האָב בעזונדערענס ליעב אין אַזאַ צייט אַז מען זאָל מיר זינגען. קענט איהר דעם ראָמאַנס... איבעריגענס וועלען מיר וועגען ראָמאַנסען ריידען דערנאָך. און פריהער פון אַלעס וועלען מיר אַ שמועס טהאָן וועגען אייניגע אינטימע, זעהר אינטימע אַנגעלעגענהייטען. איהר וועט דאָך מיר ערלויבען, יאַ? איך וועל זיין זעהר, זעהר פּאָרזיכטיג, מיין ליעבינקע מיידעלע, און וועל זיך חס וחלילה ניט ערלויבען... איהר רעדט דאָך פראַנצויז?

אַלגאַ ניק.: ניין, זעהר וועניג.

פּאַן־ראַנקען: אַך, ווי שאַדע, און איך האָב געאורטהיילט פון אייער מוטער'ס רייד, אַז איהר... איבעריגענס איז דאָס ניט וויכטיג. די רוסישע איז אויך אַ גוטע שפּראַך, ניט וואהר, אַליאַ?

אַלגאַ ניק.: איך ווייס ניט וועגען וואָס איהר ווילט ריידען. מיר האָט די מאַמע געזאָגט...

פּאַן־ראַנקען: אָ, אייער מוטער איז אַביסעל אַ צו

היציגע, א צו עקזאלטירטע פרוי, און איהר שטעלען זיך פאר זאכען ניט אזוי ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט — ניט וואהר, אליא?

אלגא ניק.: רעדט, איך בעט אייך, איך זאל פערשטעהן! איך פערשטעה ניט וואס איהר פערלאנגט.

פאן־ראנקען: איך וויל אייך ערקלעהרען, מיין קינד, אייגענטליך, דאס איהר דארפט פערשטעהן מיין לאגע... איהר ווייסט, איך בין אן ארצט, בין זעהר בעקאנט אלעמען, און אויסער דעם זיינען ביי מיר צוויי טעכטער,ביידע שוין כלות, און עס וואלט געווען זעהר אונאנגענעהם... איהר פערשטעהט דאך?

אלגא ניק.: ניין, איך פערשטעה גאר נישט. צו וואס רעדט איהר צו מיר וועגען אייערע טעכטער? וואס געהט דאס מיך דען אן?

פאן־ראנקען: יא, יא, איך פערשטעה אייך גאנץ גוט! אבער איינע פון זיי דארף די טעג חתונה האבען, און עס וואלט געווען זעהר אונאנגענעהם... איך בעט אייך, זייט מיט מיר גאנץ אפענהערציג, מיין קינד, און פערגעסט ניט, איהר קענט דאך מיר זאגען, איך מעג דאס פאדערען פון אייך אלס ארצט. פערשטאנען?

אלגא ניק.: וואס מאטערט איהר מיך? וואס דארף איך פערשטעהן? אז איך וויים ניט וואס איהר מיינט.

פאן־ראנקען: רעגט זיך ניט אויף, רעגט זיך ניט אויף — דאס איז זעהר אונגעזונד. איהר האט אפשר מורא צו זאגען פאר אייער מוטער? אבער איך גיב אייך מיין ווארט, אז דאס וועט בלייבען צווישען אונז, און איהר וועט בעקומען פונקט דאס זעלביגע אזוי ווי אלעס וואלט געווען אין ארדנונג. זאג איך ריכטיג, אליא?

אלגא ניק.: אבער וואס ווילט איהר, וואס דארפט איהר, זאגט דאך!

פאן־ראנקען: איך מיין, זאגט מיר געפעליגסט, איהר זייט ניט... (בויגט זיך אן און רוימט איהר איין א סוד)...

אָ ל ג אַ נ י ק. (טרייסעלט זיך אָב מיט די הענד) : ניין,ניין, ניין ! מיין גאָט, ווי עקעלהאַפט דאָס איז !...

פ אָ ן ־ ר אַ נ ק ע ן : אָבער דאָס געהט דאָך אום געזונד, מיין קינד און...

אָ ל ג אַ נ י ק. (פערשטאָפּט די אויערען) : ניין, ניין, ניין ! שווייגט, איך וויל אייך ניט הערען.

פ אָ ן ־ ר אַ נ ק ע ן (גרויסמוטהיג) : איך גלויב אייך, אַז איהר זאָגט ניין, גלויב איך. אָבער ווי נאַאיוו איהר זייט דאָס, אָליעטשקאַ ! וואָס איז דאָס, טרעהרען ? אַי־אַי־אַי ! מען דאַרף אויסטריקענען דיעזע טרעהרען. (קושט זי.) זאָג איך ריכטיג, אָליאַ ?

אָ ל ג אַ נ י ק. : אַך, וואָלט וועניגסטענס די מאַמע שוין קומען.

פ אָ ן ־ ר אַ נ ק ע ן : עסען ווילט זיך ? באַלד, באַלד וועלען מיר עסען, מיין מיידעלע. דאָרט וועלען זיין אַזעלכע געשמאַקינקע זאַכען... איקראַ, צ. ב. ש... ניט אַזוי, אָליאַ ? וואָלט איהר מיר פיליכט עפּעס געזונגען ביז אייער מוטער וועט קומען ?

אָ ל ג אַ נ י ק. : און וואָס וואָלט איהר וועלען זאָל איך זינגען ?

פ אָ ן ־ ר אַ נ ק ע ן (הויבט אויף די הענד) : נור ניט ציגאַנ־סקע ליעדער. שאַדע, וואָס איהר קענט ניט קיין דייטשע מוזיק. איבעריגענס, וואָס רייד איך אַלץ „אייך“, מיר וועלען דאָך זיין אויף „דו“, אָליאַ, ניט וואַהר ? (אומאַרעמט זי.)

אָ ל ג אַ נ י ק. : הערט אויף, די מאַמע וועט גלייך אַריין !

פ אָ ן ־ ר אַ נ ק ע ן : נו, די מאַמע !

אָ ל ג אַ נ י ק. : איהר ווילט דאָך, איך זאָל אייך זינגען.

פ אָ ן ־ ר אַ נ ק ע ן : איך וואָלט וועלען, פּרעכטיגע געטין, איהר זאָלט מיר זינגען אַ דייטשען ראָמאַנס, אַזאַ האַרציגען, אַן אומעטיגען...

אָ ל ג אַ נ י ק. : איך קען קיין דייטש ניט. ווילט איהר, וועל איך זינגען דעם ראָמאַנס — „קיין וואָרט, מיין פריינד, קיין זיפץ“ ?

פ אָ ן ־ ר אַ נ ק ע ן: אַ האַרציגער?

אָ ל ג אַ נ י ק.: זעהר אַ טרויעריגער, יאָ.

פ אָ ן ־ ר אַ נ ק ע ן: אַך, ביטע, ביטע, אָליאַ. (זעצט זיך בעקוועמער.) אַלזאָ...

אָ ל ג אַ נ י ק. (זינגט מיט טרערן): „קיין וואָרט, אָ, פריינד מיינער, קיין זיפץ — שווייגען וועלען מיר ביידזאַמען — עס שווייגט דאָך אויך איבער'ן מצבה־שטיין — טרויעריג אָנגעבויגען דער ווידע־בוים“...

י ע װ ד אָ ק י אַ (פאַלט אַריין אין הויז מיט דעם קרעמער־אינגעל מיט זעקלעך און פעקלעך): און אָט בין איך אויך דאָ. אַך, מיין פויגעלע — ווי זי האָט זיך צוזונגען!

פ אָ ן ־ ר אַ נ ק ע ן (הויבט אויף די הענד): אָט דאָס וועט זיין אַ סעודה! אָט דאָס וועט זיין אַ יום־טוב!...

(פ אָ ר ה אַ נ ג.)

פיערטער אַקט.

דערזעלבער צימער. אבענד. קיינער איז ניטאָ. עס צועפענט זיך מיט איינמאָל די טהיר און פון דעם בעלויכטענעם קאָרידאָר קומט אַריין, אַן אָנגעלאָדענע מיט פעקלעך, יעוודאָקיאַ. זי איז אין גאַנצען צושויבערט, די האָאר שלעבט פערקאַמט און קריכען אַרויס פון אונטער׳ן היטעלע; זי סאָפּעט און אָטהעמט שווער. נאָך איהר גלייך קומט אַריין אַ יונגער אָפיצער, ניט קיין הויכער, אַ דיקליכער, אַביסעל בעזויפען; אויך בעלאַדען מיט פיעל פעקלעך.

אָ פ י צ ע ר   ג ר י ג אָ ר י : מאַמאַשינקע, וואָס זשע איז דאָס אַזוינס? דאָס איז דאָך ווער־ווייסט וואָס, מאַמאַשינקע. איך הויב ניט אָן צו פערשטעהן. מאַמאַשינקע!

י ע ו ו ד אָ ק י אַ (צינדט אָן מיט ציטערענדע הענד דעם לאָמפּ): באַלד! באַלד! אַך, באַלד, גריגאָרי איוואַנאָוויטש. באַלד וועט אַלעס, אַלעס זיין. אַהער, אַהער אויפ׳ן דיוואַן לעגט אַוועק די פעקלעך!

ג ר י ג אָ ר י   א י ו ו. : ניין, מאַמאַשינקע, אויף מיין עהרען־וואָרט, דאָס טאָר דאָך אַזוי ניט זיין! איך האָב זיך צוגעקלייבען צו פיהלען אַזוי פרעהליך, און זי נעהמט און ענטלויפט גאָר אין מיטען דערינען. איך געה אַרויס פון מאַגאַזין און קוק זיך אַרום, ערשט הוטאַ — זי איז שוין ניטאָ. ניין, מאַמאַשינקע, דאָס איז ניט טאַקטיש. אייער אָלגאַ איז זעהר אַ פרעכטיגע מיידעלע, אָבער דאָס איז דאָך גאָר ניט טאַקטיש.

י ע ו ו ד אָ ק י אַ : אַך, זי איז דאָך אַזוי בעשיידען! זי וועט געווים גלייך קומען, גריגאָרי איוואַנאָוויטש, זי איז מסתמא בלויז אויף איין מינוטעלע אַוועק.

ג ר י ג אָ ר י: און איך האָב זיך שוין געוועזן פערטיג געמאַכט צו זיין אזוי אויפגעלעגט, פערברענגען אַזוי פרעהליך; איך שמאַכט נאָך געזעלשאַפט, נאָך ליכטיגקייט — און וואָס געפין איך? אַ פוסטען צימער, אַ צובראָכענעם דיוואַן, אויף וועלכען מען קען ניט זיצען אפילו. מאַמאַשינקע! איז דאָס רעכט אזוי?

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: טרינקט דערווייל אוים, גריגאָרי איוואַנאָוויטש, אַ גלעזעלע קאָניאַק. איך וועל זי גלייך ברענגען. איך וויים וואו זי איז.

ג ר י ג אָ ר י: איינער אַליין טרינקען קאָניאַק? קיינמאָל אין לעבען ניט! איהר בעליידיגט מיך, מאַמאַשינקע! איך קען טרינקען בלויז אין אַן אויסערוועהלטער געזעלשאַפט. אָבער וואָס פאַר אַן ענטוישונג, מאַמאַשינקע!

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: אַך, מיין געוויסען פּלאָגט מיך אזוי פאַר אייך. איך בין אַזוי ניעדערגעשלאָגען דערפון! וואָס פאַר אַ נאַרישע מיידעלע דאָס איז! (דענקט נאָך.) אָ, יאַ, וויסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען, גריגאָרי איוואַנאָוויטש: דאָ, אין די נומערען געפינט זיך אונזערער אַ גוטער בעקאַנטער, אַ סטודענט. ער איז אַזאַ וואוילער יונגער מענש...

ג ר י ג אָ ר י: ווי? וואָס רעדט איהר? אַ סטודענט? מאַמאַשינקע! פאַר וואָס זשע האָט איהר געשוויגען די גאַנצע צייט? איך וועל דאָך אייך אָבשיטען מיט גאָלד, מאַמאַשינקע! איך האָב דאָך אזוי ליעב סטודענטען; שוין אזוי לאַנג ווי איך שמאַכט נאָך געבילדעטע בעקאַנטשאַפט. און וואָס טהוט איהר? — אונטער'ן נאָז ביי אייך איז אַ סטודענט, און זי שווייגט! רופט דאָך איהם גלייך אהער, מאַמאַשינקע. אָבער טאַקע די מינוט...

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: אַך, ער איז אַזאַ שעהמעוודיגער: איך האָב מורא, ער וועט ניט געהן ווען איך וועל איהם רופען. אַט ווען איהר וואָלט זיך אַליין בעמיהען, גריגאָרי איוואַנאָוויטש...

ג ר י ג אָ ר י: וועלכער נומער איז דאָס?

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: נומער 74.

ג ר י ג אָ ר י: געה איך מאַמאַשינקע. מאַכט נור פערטיג דאָ

דערווייל וואָס אויסצוטרינקען און צובייסען. (ער געהט אַרויס. יעוודאָקיא מאַכט פערטיג צובייסען, גראַבעלט דערווייל אַרויס די ראָזינקעס פון די ברויט און שלינגט, ווי אויך אַנדערע זיסע זאַכען. איהר קאָפּ טרייסעלט זיך אַביסעל.)

י ע וו ד אָ ק י א (פּלוידערט פאַר זיך): פּאַסקודנע מיידעל דו! לויף פון איהר'ט וועגען, יא. איך בין שוין אָהן פיס געבליבען. די פיס זיינען דאָך ביי מיר ניט קיין געקויפטע. וואַרט, אַט וועל איך שטאַרבען, וועלען מיר זעהן וואָס דו וועסט דאַן טהאָן... אַזאַ גאָרנישט פון א מיידעלע!... האָט שוין איינעם פערנאַכלעסיגט, און איצט אַזוי מיט דעם צווייטען. און דער איז מיר אויך אַזאַ דומער יונג — „מאַמאַשינקע" — „מאַמאַשינקע"! אָ, ווען איך וואָלט געווען דיין מאַמאַשינקע, איך וואָלט שוין דיר געוויזען. הונד דו אַזעלכער! וואוהין זאָל איך דיר געהן זי זוכען, הא? וואָס זיינען מיינע פיס — געקויפטע?... פּאַסקודסטווע דו! און דער ליקער איז א גוטער... (זינגט אונטער'ן נאָז אויף פראַנצויזיש און צוהוסט זיך.) אָט צו וואָס דו האָסט געבראַכט די מאַמען, קען אפילו א זינג ניט טהאָן. נו, איז זאָל זיין אַז מען דאַרף ניט. אַזאַ נאַר ווי דאָס איז: „מאַמאַשינקע — מאַמאַשינקע"! וואָס בין איך דיר פאַר א מאַמאַשינקע? פאַר וואָס ביזטו ניט געבליבען הערען ווי איך זינג.... אפשר ניט ערגער פון דיין אָלינקען... יא, ווי מיעד איך בין. אַזעלכע סקאַטינעס, אַזעלכע הינד אַרום און אַרום. און יענער... אויך געוועזן אַ שעהנער מענש... הערר פּאָן־ראַנקען... גרויסער פּריץ... „איך לעג זיך פריה שלאָפען" — האָט זי אויסגעמאַטערט, אויסגע־מאַטערט, און פאַר אַלעם מיט אַלעמען צוגעוואָרפען אַ צעהן־רובעל־דיגע. הונד איינער! איך גיב דאָך דער דיענסטמיידעל מעהר. צום טייפעל געהט אַלע!...

(עס קומט אַריין אַביסעל בעזויפען גלוכאָוצעוו מיט אַנופרי; נאָך זיי געהט נאָך און שטופּט זיי אונטער גריגאָרי איוואַנאָוויטש.)

ג ר י ג אָ ר י: ביטע, ביטע, טרעט אַריין אין אונזער געצעלט. איך בין אַזוי גליקליך, מיינע העררן! איך בין משוגע פון גליק,

אַז איך האָב דאָ, אין רעכטען אַבגרונד, ענטדעקט אַזאַ קוואַל פון בילדונג! מאַמאַשינקע, ניט איינער, נור גאַנצע צוויי!

יעווּדאָקיאַ: אַך, הערר גלוכאָוועצוו, ווי גערן איך בין! וואָס מאַכט מען ביי אייך? האָט איהר עפּעס פון דער היים בריעף? גוט מאָרגען, גוט מאָרגען.

גלוכאָוועצוו: גוט מאָרגען אייך. קום אַנופריייטשיק, לאָמיר אַריין, וואָס איז ניט אַלץ־איינס, וואו צו טרינקען, דאָ— דאָרט?

אַנופרי (שטיל): נור ניט מאַכען קיין סקאַנדאַלען, קאַליאַ. וועסטו זיין רוהיג?

גלוכאָוועצוו: אָ, הער דו אויף דערמיט!

אַנופרי: זעה, קאַליאַ, אַז ניט, לאָמיר בעסער אַוועק פון דאַנען.

גלוכאָוועצוו: וואָס ווילסטו, וואָס בינדסטו זיך?

גריגאָרי: אַנופרי פּעטראָוויטש, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעווויטש, ביטע, ביטע. און איהר, מאַמאַשינקע, עפּעס לעבעדיגער!

אַנופרי: אָט ווען איהר זאָלט דאָס זאָגען פערקעהרט וואָלט אויסגעקומען ווי עס דאַרף צו זיין. ניט אַנופרי פּעטראָוויטש און ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש זאָנדערן אַנופרי ניקאָלאַיעוויטש און ניקאָלאַי פּעטראָוויטש. און אייך רופט מען, דוכט זיך, גריגאָרי איוואַנאָוויטש?

גריגאָרי (מיט וויציגען שטאָלץ): יאַ, פּאָדפּאָרוטשיק מיראָנאָוו, גריגאָרי איוואַנאָוויטש — האַבע אַלזאָ די עהרע פּאָרצושטעלען זיך. ניט לאַנג פון דער פּראָווינץ, פון די סאַמע געדערים פון אונוויסענ־הייט, און שמאַכט נאָך בילדונג, נאָך וויסענשאַפט, נאָך געזעל־שאַפט, נאָך ליכט!

אַנופרי: און קאָניאַק? איך זעה דאָ אַזוי פיעל קאָניאַק, אויב נאָר מיינע זעה־אַפּאַראַטען פערבלענדען מיך ניט. איבעריגענס, מיין שמעק־אַפּאַראַט בעשטעטיגט דאָס. יאַ, קאָניאַק.

גריגאָרי: מאַמאַשינקע, איהר הערט וואָס פאַר אַ שפּראַך! איז דאָס גאָר פאַר אייך צו פערשטעהן? אַך, מיינע הערין

סטודענטען, ווי גליקליך איך בין, וואָס איך האָב אייך בעגעגענט. איהר קענט זיך ניט פאָרשטעלען ווי איך האָב געביינקט נאָך אזא געבילדעטען געשפּרעך.

י ע ו ו ד אָ ק י א: איך וועל קומען באַלד צוריק, גריגאָרי איוואַנאָוויטש.

ג ר י ג אָ ר י: געוויס, געוויס. געהט מאַמאַשינקע... זאָגט איהר טאַקע, מאַמאַשע, וואָס האָט זי דאָ וואָס מורא צו האָבען? איך בין דאָך ניט קיין בער, ניט קיין העלפאַנט. ברענגט זי צו שלעפען, מאַמאַשינקע!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: ווענען איז דאָס, אַלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ?

ג ר י ג אָ ר י: יא — אַלינקען! אזא צויבערליכע מיידעלע. איך האָב געמיינט אז זי איז אַ קורסיסטקע, אויף מיין עהרען־וואָרט! דאַרפט איהר אפשר געלד אויף אַ איזוואָזטשיק (זוכט אין די קעשענעס) האַ? נאַט! אַ פּאַסקודנער וועטער. שנעל מיט אַן איזוואָזטשיק ברענגט זי, מאַמאַשינקע!

י ע ו ו ד אָ ק י א (חנ'דעלט זיך): אַך, גריגאָרי איוואַנאָוויטש, צו וואָס איז דאָס נאָך נויטיג! דאָס איז גאָר איבעריג.

ג ר י ג אָ ר י: דאָס איז אַ קליינינקייט, מאַמאַשינקע.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: נעהמט, אז מען גיט!

י ע ו ו ד אָ ק י א: אַזוי מיינט איהר, הערר גלוכאָווצעוו; ווען מען גיט, דאַרף מען אַלע מאָל נעהמען? נו, זעהר גוט, וועל איך נעהמען. אַ דאַנק אייך, מיין פריינד, פאַר דאָס געלד, און אייך, הערר גלוכאָווצעוו, פאַר אַן עצה. אַדיע, מיינע קינדערלעך, איך לויף שוין!

אַ נ ו פ ר י (שנעל): און איהר שיינט מיר צו זיין זעהר אַ גוטער מענש, גריגאָרי איוואַנאָוויטש.

ג ר י ג אָ ר י: איך? אַך, אַנופרי ניקאָלאַיעוויטש! פריינד מיינער, ליעבער, איינציגער פריינד. איך בין דאָך אַליין פון דער נאַטור אַ סטודענט. (ווייזט אויף זיין מונדיר.) דאָס איז דאָך אַ טעות פון בייזען שיקזאַל, דאָס שרעקליכע שפּיעל פון מענשען'ס גורל.

✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤✤

אנופרי: נו, זאָגט אַליין, וואָס פאַר אַ טראַגישע עהנליכ־קייט. איך בין דאָך פון דער נאַטור גאָר ניט קיין טרינקער...

גריגאָרי (בעגייסטערט): וואָס רעדט איהר!

אנופרי: איך שווער אייך ביי הערקולעס!

גריגאָרי: איז לאָמיר אויסטרינקען, אנופרי ניקאָ־לאַיעוויטש!

אנופרי: מיט פערגעניגען, גריגאָרי איוואַנאָוויטש! (קלאַפּען גלעזער און טרינקען.)

גריגאָרי: לחיים פאַר דער נאַטור.

אנופרי: פאַר דער נאַטור!

גריגאָרי: און וואָס איז מיט אייך, קאָלעגע? אַ גלעזעל שנאַפּס, האַ? אָט איז איקרא, האָב אַליין געקויפט אין אכאָטני ריאַד. וואָס פאַר אַ פּרעכטיגער פּלאַץ אייער אכאָטני ריאַד איז!

גלובאָוצעוו: איך וועל בעסער קאָניאַק, קאָניאַטשאָק.

אנופרי: קאָליאַ, אָבער קאָניאַטשאָק טרינקט מען ניט מיט אַ טהעע־גלאָז.

גלובאָוצעוו: לאָז — די נשמה ווייס אַליין איהר מאָס.

גריגאָרי: זעהר ריכטיג, וואונדערליך ריכטיג! איך האָב אַ קאַמעראַד, קען ער אויך אנדערש ניט טרינקען — גיב מיר, זאָגט ער, גרישאַ, אַ גלאָז. ווען די נשמה ברענט, זאָגט ער, וועסטו זי מיט אַ פינגערהוט ניט לעשען.

גלובאָוצעוו: ריכטיג!

גריגאָרי: איז לאָמיר אויסטרינקען, אנופרי ניקאָ־לאַיעוויטש.

אנופרי: מיט פערגעניגען, גריגאָרי איוואַנאָוויטש. איז שוין לאַנג ווי איהר זייט געקומען צו פאָהרען?

גריגאָרי: דריי טעג בלויז. און איך בין בעצויבערט! פערבלענדעט!! איבעראַשט!! בעגייסטערט!!! צורודערט!!! איהר, הערען סטודענטען, זייט שוין געוועהנט צו מאָסקווע, אָבער איך, — ווי איך האָב דאָ אַ קוק געטהאָן אויף דיעזער פּראַכט, אייה

דיזען גלאַנץ, אויף דיזער קולטור, אויף די גאַנצע פרוכט פון וויסענשאַפט, פון בילדונג, — האָט זיך ביי מיר אַ טרויער אָראָבגע־קייקעלט איבער'ן מאַרדע. און די מאָנומענטען?! מינין און פּאָזשאַרסקי — האַ?!...

אַנופרי: שוין בעזוכט עפּעס רעכטע פּלעצער?

גריגאָרי: געווען, געווען, אומעטום, ווי דען? דעם פּאַלאַץ פון די ראָמאַנאָווס געזעהן... ערלויבט נור... ערלויבט נור, (זוכט אין די קעשענעס.) דאָ איז ביי מיר אויף אַ פּאַפּירעל אָנגע־שריבען. ניין, ניט דאָס. אַך, צום טייוועל, וואו האָב איך עס אהינ־געטהאָן? אודאי דער מאַמאַשינקען אָוועקגעגעבען אָנשטאָט אַ דריי־רובעלדיגע.

אַנופרי: און דאָס, דעם בילעט פון קאָנקע, צו וואָס דאַרפט איהר, גריגאָרי איוואַנאָוויטש? פאַר אַ קאָלעקציאָן?

גריגאָרי: אָ, דאָס היט איך טהייער. דאָס וועט מען דאַרפען ווייזען אין דער היים... אַך, אָט האָב איך געפונען. (לעזט) טרעטיאַקאָווסקי'ס גאַלערעע... וואָס פאַר אַ פּראַכט! רעפּינ'ס בילדער! כראַם ספּאַסיטעליאַ! דער מוזעאום! היינט טהעאַטער אָמאָן!....

אַנופרי: אַהאַ — שוין ביי אָמאָשקען אויך געווען.

גריגאָרי: אָ, אַנופרי ניקאָלאַיעוויטש, איהר מאַכט פּיליכט שפּאַס פון מיר, און איך, מיין גאָט, איך בין אַזוי געריהרט פון דעם אַלעם, אַז איך האָב שוין אָט דריי נעכט מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. איך בעצייכען די צייט בלויז מיט דעם, וואָס אין דער פריה וואַש איך זיך איין און טרינק שנאַפּס, צו פאַרנאַכט הויב איך אָן צו טרינקען ליקער און שאַטאָ־מאַרגאָ. יעדען אין דער פריה ווען איך וואַש זיך איין און נעהם זיך פאַר די בראַנפען, רוף איך דאָס: אַ נייעם לעבען אָנגעפאַנגען. אַלזאָ, לחיים פאַר'ן נייעם לעבען.

אַנופרי: מיט פערגעניגען, גריגאָרי איוואַנאָוויטש. ווירק־ליך, איהר געפעלט מיר זעהר. ווי איך זעה, קען מען מיט אייך אַ זוף טהאָן אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין! דער אונגליק איז וואָס ניט

פיעלע קענען דאָס אָבשעצען. לויט מיין מיינונג הויבט מען ערשט אָן צו פיהלען דעם רעכטען געשמאַק פון טרינקען אויף דעם דריטען טאָג. די נשמה דאַרף זיין גוט צוגעגרייט אז זי זאָל אָנהויבען ריידען; ערשט אויף דעם דריטען טאָג שכור'ן צורעדט זי זיך. נאַ דיר, מיין לעבען; טרינק, מיין נשמה, אַ גלעזעלע און רייד.

ג ר י ג אָ ר י: אמת, אמת! אַך, ווי אמת'דיג דאָס איז! לאָמיר טרינקען, אנופרי ניקאָלאַיעוויטש, פאַר ברודערשאַפט!

א נ ו פ ר י: דאָס איז אפילו אַביסעל צו פריה, אָבער מען מעג טרינקען פאַר צוקינפטיגע ברודערשאַפט.... ניט אמת, קאָליאַ? וואָס האָסטו אויסגעטאַלעפּעטשעט אַ פּאָר אויגען? הער אויף! דו זעהסט מיר אויס ווי אַן אָבגעקאָכטער קרעבס.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: איך פרעה זיך.

א נ ו פ ר י: נו, פרעה זיך, כאַפּט דיך דער טייפעל! איך האָב פיינד מרה שחורה'ניקעס, קאָליאַ.

ג ר י ג אָ ר י: פערטיג, ברודער'ל, ביטע! (הויבען זיך אויף און טרינקען מיט בעגייסטערונג ברידערשאַפט, אַ האַנד איבער אַ האַנד, צוקושען זיך דריי מאָל, שפּייען אָב, זידלען זיך אויס און טרינקען ווייטער.)

ג ר י ג אָ ר י: אנופרי, פריינד דו מיינער, טהייערער!

א נ ו פ ר י: גריגאָרי, ברודער'ל, מלאך, הארץ מיינס!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (געפינט אין אַ ווינקעל דעם אָפיצער'ס קינזשאַל און פרובירט אויס): דאָס איז אייערע?

ג ר י ג אָ ר י: דאָס? יאַ. אָבער פאָרזיכטיג, קאָלעגע, דער קינזשאַל איז זעהר אָנגעשאַרפט.

א נ ו פ ר י: הער אויף, קאָליאַ. איך האָב פיינד ווען קינדער שפּיעלען זיך מיט צו־שאַרפע זאַכען.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: גריגאָרי איוואַנאָוויטש, ווייזט מיר ווי מען פעכט.

ג ר י ג אָ ר י: מיט פערגעניגען, קאָלעגע. (שטעלט זיך אין אַ פּאָזע, שאָקעלט זיך פון בעזויפענהייט און ווייזט ווי מען דאַרף פעכטען.)

א נ ו פ ר י: געזונד! ברודער! געזונד!

ג ר י ג אָ ר י (אַביסעל מיעד): איך האָב, ברודער אַנופּריי־טשיק, שוין דריי פּרייזען געוואונען, פאַר פּעכטען און פאַר שיסען. אָט זעהסטו דעם זייגער'ל, ברודער לעבען, דאָס איז אַ פּרייז. גוט, הא?

אַ נ ו פּ ר י: געזונד, ברודער! דו ניט מיין, גרישאַ, אַז איך ווייס ניט ווי מיט אַ שווערדעל צו בענעהן זיך. איך האָב אַ שווערדעל, און ווען איך וואוין אין אַ שטילע פאַמיליע, שטופּ איך מיט איהם די קויהלען אין סאַמאָוואר. דערפאַר האָט מען מיך שטענדיג ליעב אין שטילע פאַמיליען.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: און וואו האָט איהר זיך בעקאַנט מיט אַלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ?

ג ר י ג אָ ר י: מיט וועלכער ניקאָלאַיעוונאַ? אַך, מיט אַלינקען מיינט איהר? אָט דאָרטען טאַקע, קאָלעגע, אין גאָרטען אַמאָן. מיט דער מאַמאַשינקע האָבען זיי דאָרט נעכטען ארומשפּאַ־צירט. אַך, וואָס פאַר אַ בוקעט פון פרויען־בלומען מען זעהט דאָרט! וואָס פאַר אַ פּרעכטיגע, וואָס פאַר אַ ליכטיגע געזעלשאַפט! וואַרט, וואַרט... בין איך נעכטען געווען ביי די ציגאַנקעס?... וואַרט, ניין, ניט נעכטען. ביי מיר האָט זיך אַלעס צונויפגעפּלאָנטערט אין קאָפּ. נעכטען, יאָ, נעכטען...

אַ נ ו פּ ר י: צופּלאַצט האָט זי געמעגט ווערען אַזאַ מאַמאַ־שינקע, זי געפעלט מיר גאָר ניט.

ג ר י ג אָ ר י: אַ פּאַסקודסטווע, ברודער'ל אַנופּרי, רייד ניט, אַן אמת'ע פּאַסקודסטווע! אָבער דאָס מיידעלע איז שוין גאָר אַן אנדער זאַך; דאָס מיידעל איז אַ פּראַכט, גאָר ניט עהנליך צו דער מאַמאַשען — עס איז אפילו אַ רחמנות!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: אַ רחמנות?

אַ נ ו פּ ר י: רחמנות, קינדערלעך מיינע, איז זעהר אַ שעד־ליכער געפיהל. אַזוי האָט געזאָגט זאַראַטוסטראַ.

ג ר י ג אָ ר י: אמת, ברודער'ל, אמת. און ווער איז ער דאָס דער זאַראַטוסטראַ?....

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: אַ פילאָזאָף.

גריגאָרי: אַך, גוט! איך ליעב פילאָזאָפען! (אין דער שטיל.) אָט זאָגט מיר, קאָלעגע, ענטפערט מיר אַ וויכטיגע פראַגע פאַר דעם מענשענ'ס עקזיסטענץ. איז פאַראַן אַ גאָט, אָדער ניטאָ? ביי אונז אין רעגימענט זאָגען זיי.... (אַ קלאַפּ אין טהיר און עס קומען גלייך אַריין יעוודאָקיאַ מיט אָלגאַ.)

יעוודאָקיאַ (שווער אָטהעמענדיג): אָט זיינען מיר! זי איז דאָס געוועזן ביי אונזערע אַ פריינדין, נור אויף איין מינוטקעלע איז זי צו איהר אַריינגעגאַנגען. אָליענקאַ, מיין קינד, ביזט דאָך דאָ מיט אַלעמען בעקאַנט.

אָלגאַ ניק. (גיט זיך אַ וואָרף צום פּאָדערצימער): וואַרט דאָך, מאַמע, לאָמיך אויסטהאָן מיין מאַנטעל.

גריגאָרי (גיט זיך אַ וואָרף צום פּאָדערצימער): אָלינקאַ, פריינד מיינער, וואָס איז דאָס דיר אַזוינס פּלוצלינג אַרויף אויפ'ן זינען. דו זאָנדערבאַרע מיידעלע דו! וואָס איז? האָסט זיך דער־שראָקען? נו, נישקשה, טהו זיך אויס און קום אַריין שנעלער — וואָלסט זעהן וואָס פאַר אַ לייט דאָס זיינען! גרויסאַרטיגע לייט, ברידער לעבען! ערלויבט מיר נור פאָרצושטעלען אייך, מיינע הערין: דאָס איז אָליענקאַ.

(אָלגאַ, וועלכע האָט ניט ערוואַרט צו טרעפען דאָ די צוויי סטודענטען, גיט אַ טראָט צוריק אַן ערשראָקענע. די סטודענטען בעגריסען זי, און גלוכאָווצעוו קושט איהר האַנד.)

אָלגאַ ניק.: איך האָב ניט געוואוסט, אַז איהר זייט דאָ ביי אונז. מאַמע, פאַר וואָס האָסטו מיר גאָרנישט געזאָגט?

יעוודאָקיאַ: אַך, אָליאַ! איך האָב דאָך דאָס דיר געוואָלט מאַכען אַ קליינינקע איבערראַשונג.

גריגאָרי: ווי גליקליך איך בין, ווי גליקליך: אַזאַ ליב־טיגקייט! אַזאַ בילדונג! אַזאַ געזעלשאַפט! מיינע הערין, דעם טיש אין מיטען! און איהר, מאַמאַשינקע, אַביסעל לעבעדיגער! וואָס האָט איהר דאָרט די נאָז אַרונטערגעלאָזען! דאָ זיינען אַזעלכע לייט, אַזאַ שמחה! (שלעפּט דעם טיש.)

אַ נ ו פ ר י : וואַרט, וואַרט! די פֿלעשער פריהער אַראָבנעהמען, אַז ניט וועלען זיי זיך נאָך צובּרעכען.

ג ר י ג אָ ר י : און אַ סאַמאָוואַרטשיק. אָך, מאַמאַשינקע, אַ סאַמאָוואַרטשיק וואָלט איצט געווען אַקוראַט צום רומעל! אַנופּרייטשיק, טהעעלע מיט ראַם, האַ? אָך, ווי גוט דאָס איז, צו דערוואַרעמען זיך!...

י ע ו ו ד אָ ק י אַ : אַט דאָס רוף איך, אַ פּרעכטיגער כאַראַקטער ביי אַ מענשען! באַלד, באַלד וועט זיין אַ סאַמאָוואַרטשיק. איך געה גלייך הייסען אַריינטראָגען. (יעוודאָקיאַ געהט אַרויס, וועהרענד אַנופּרי מיט גריגאָרי מאַכען פֿערטיג דעם טיש. אָלגאַ מיט גלוכאָווצעוו ביים טהיר.)

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (צו אָלגאַ): נאָך וואָס זייט איהר אַהער געקומען?

אָ ל ג אַ נ י ק. (מיט געבעט): קאָליאַ! — מיין גאָט, דו ביזט שכּור?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו : נאָך וואָס זייט איהר אַהער געקומען?

אָ ל ג אַ נ י ק. : און צו וואָס זייט איהר אַהער געקומען? איך האָב מורא פֿאַר אייך!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו : איך? איך בין געקומען אייך זעהן — איך בין דאָך פֿערליעבּט. געדענקט איהר די וואָראָביאָווע בערג?

אָ ל ג אַ נ י ק. : מאַטער מיך ניט, קאָליאַ. איך האָב ניט געוואָלט. —

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו : און דערנאָך פֿון דעסטוועגען געקומען צו לויפֿען. פֿריהער ניט געוואָלט און דערנאָך יאָ געוואָלט, האַ?

ג ר י ג אָ ר י : פֿערטיג! ביטע, ביטע צום טיש. ניין, ניין, אַנופּרייטשיק, דו מוזט זיצען לעבען מיר, מיט דיר וועל איך זיך שוין ניט שיידען. און דו אָליענקאַ, אַהער צו מיין לינקער האַנד — וואָס? דערפֿראָרען געוואָרען, פֿויגעלע מיינס? הענדטעלעך זיינען ביי דיר אַזעלכע קאַלטינקע! נו, נישקשה, מיין פֿריינד, דו טרינק נור אויס אַ גלעזעלע און עס וועט גלייך אַריבּער. מיין גאָט, וואָס פֿאַר אַ פּראַכט זי איז!

א נ ו פ ר י: יא, גאָר אזוי ווי אין די פיינסטע הייזער.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: וועגן וועלכע הייזער רעדסטו דאָס, אנופרי?

א נ ו פ ר י: אַך, קאָליא. איך האָב מורא, אז קאָניאַק פֿער־שאַדט דיר זעהר. איך האָב געזאָגט, טרינק ניט פון גלאָז.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (שרייענד): וועגן וועלכע הייזער רעדסטו פרעג איך דאך דיך!

אָ ל ג א נ י ק.: אנופרי ניקאָלאַיעוויטש, גיט מיר עטליכע קאָנפעקטען.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: דערלאַנג איהר, אנופרי. אָלגא ניקאָ־לאַיעוונא ליעבט זיסע זאכען!

ג ר י ג אָ ר י: אַלע מיידלעך ליעבען זיסעס. עס, אָליעטשקא, עס קאָנפעקטען. עס איז פאַראַן גענוג, און אויב עס וועט ניט קלעקען, קען מען קויפען נאָך. פּרעכטיגע קאָנפעקטען ביי אייך אין מאָסקווע. איך האָב שוין געקויפט פינף פונט אויף אהיים, האָב איך זיי, דוכט זיך, ביי די ציגאַנקעס איבערגעלאָזען.

י ע ו ו ד אָ ק י א (אַריינקומענדיג): און אָט ברענגט מען א סאַמאָוואַר! אַך, און פאַר מיר א פלעצעלע האָט איהר ניט איבער־געלאָזען: דאָס איז ניט שעהן, יונגע מענשען. פאַר אַלטע דאַרף מען דרך־ארץ האָבען.

ג ר י ג אָ ר י: אָ, וואָס רעדט איהר, מאַמאַשינקע! אהער, אהער. ווי קען מען דען זיין אָהן אייך! גיט זיך א ביסעלע א רוק, קאָלעגע.

י ע ו ד אָ ק י א: וואָס פאַר אַן אנגענעהמע נאַכבאַרשאַפט, הערר גלוכאָווצעוו.

אָ ל ג א נ י ק. (שטיל): גריגאָרי איוואַנאָוויטש, גיט איהר, זייט אזוי גוט, א גלעזעלע קאָניאַק. זי איז פערפרוירען געוואָרען. דרויסען איז אזא מיאוס'ער וועטער.

ג ר י ג אָ ר י: געוויס! געוויס! — מאַמאַשינקע, קאָניאַ־קעלע! פין־סאַמפּאַן!

גלוכאָווצעוו: מען זאָגט אַז אין געזעלשאַפט פּאַסט ניט צו סוד'ען זיך.

אַנופּרי: אַך, קאַליאַ. ווי דו האָסט זיך אויסגעלערענט איידעלע מאַניערען. איך ראַטה דיר שוין קויפען לאַקירטע שיכלעך און עפּענען אַ טאַנץ־שוהלע.

יעוודאָקיאַ: אַ, הערר גלוכאָווצעוו פּאַסט זיך גאָר ניט פאַר אַ טאַנץ־לעהרער. טאַנץ־לעהרער זיינען פריהליכע, לעבעדיגע, און הערר גלוכאָווצעוו איז זעהר אַ מרה־שחורה'דיגער יונגער מענש.

גריגאָרי: מרה־שחורה? וואָס פאַר אַ מרה־שחורה, ווען דאָ איז אַזאַ פרייד, מאַמאַשינקע! אַ נשמה מיט אַ נשמה רעדט, און פויגעלעך זינגען אין הימעל. איהר דאַרפט שטאָלצירען, מאַמאַשינקע, וואָס איהר געפינט זיך אין אַזאַ געזעלשאַפט, וואו עס הערשט דאָס ליכט פון פערשטאַנד און... און די מילך פון בילדונג. (מיט טרעהרען.) מאַמאַשינקע, פיהלסטו וואָס דאָס איז אַ טוזשורקע, אַ סטודענטישע טוזשורקע! נו, פאַר דיין געזונד, אַנופּרייטשיק. גיב, לאָמיך דיך קושען! (דער דינער אין אַ פערשמירטען פּידזשאַק טראָגט אַריין דעם סאַמאָוואַר.)

אַלגאַניק: אויף יענעם טישעל שטעלט אַוועק, פּיאָטר!

גריגאָרי: פּיאָטר, פּעטרושאַ, ברודער'ל, נאַ, טרינק אַ גלעזעלע.

פּיאָטר (ערנסט): אונז איז פערבאָטען.

אַנופּרי: אַ, פּיאָטר, מאַך זיך אַזוי ווי דו וואָלסט מעגען,

גריגאָרי: נו, פּעטרושאַ, ברודער; מאַך זיך ווי דו וואָלסט מעגען, פּעטרושאַ.

פּיאָטר (קעהרט זיך אָב אין אַ זייט און טרינקט אויס): דאַנקען מיר אייך. (געהט אָב.)

יעוודאָקיאַ (מיט הנ'דלער): גיט מיר אַ שטיקעלע סאָקאָלאַדקעלע, איך האָב אַזוי ליעב סאָקאָלאַדקעלעך.

אַנופּרי: וואָס פאַר אַ פּרעכטיגע, קינדעטשקע! נאַ, הערצעלע, סאָקאָלאַדקעלע.

י ע ו ו ד אָ ק אַ י אַ (מיט חנ׳דלער) : מעלסי, מעלסי. (כאַפּט מיט דורשט עסען און טרינקען, גיסט אין זיך ליקער, נאַליווקע.)

ג ר י ג אָ ר י (זינגט) : שנעל ווי די כוואַליעס, זיינען די טעג פון אונזער לעבען.

אַ נ ו פּ ר י : אָ, דו פאַלשעוועסט אזוי ווי אונזער בלאָבקע, גרישאַ! ווייז איהם, קאָליאַ, ווי מען דאַרף דאָס זינגען. נו, געגוג דיר שוין, ברודער, צו זיצען אַזוי אָנגעבלאָזען! דאָס לעבען איז קורץ, און שנאַפּס איז נאָך פאַראַן אַזוי פיעל.

ג ר י ג אָ ר י : זינג, קאָלעגע! איך האָב דאָך אפשר צוואַנ־ציג יאָהר געוואַרט אויף אַזאַ גליקליכער מינוט! אָך, סטודענטישע ליעדער, מיין גאָט, מיין גאָט, קיינער וועט דאָך ניט גלויבען אין דער היים ווען איך וועל אָנהויבען דערצעהלען. טהו זשע מיר אָן די עהרע, קאָלעגע, האַ? (צו אַנופרי) וואָס? ער זינגט טאַקע גוט, אַנופרייטשיק?

אַ נ ו פ ר י : יאַ. ער זינגט גוט. נו, הויב אָן, קאָליאַ!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (הויך) : אַנופרי, געדענקסטו די וואָראָ־ביאָווע בערג?

אַ נ ו פּ ר י : ווען איך זאָל געדענקען אַלע פּלעצער, וואו איך האָב אַ טרעהר פערגאָסען, וואָלט מיין פאַנטאַזיע שוין לאַנג צואַ־ווייקט געוואָרען. נו, געגוג צו מאַכען זיך נאַריש. זינג. (הויבט אַליין אָן:) שנעל ווי די כוואַליעס — —

ג ר י ג אָ ר י : זיינען די טעג פון אונזער לעבען.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (קוקט דורכדרינגענד אויף אָלגאַ) : וואָס אַ טאָג אַלץ ווייטער, אַלץ נעהנטער צום קבר.

צ ו ז אַ מ ע ן (אין כאָר) : גיס זשע אָן, מיין חבר, דעם לחיים־כוס, ווער ווייס מיט אונז וואָס טרעפען וועט פאָראויס.

ג ר י ג אָ ר י : וועלכע ווערטער, מאַמאַשינקע! איהר הערט זיך נור צו (זינגט) : דעם לחיים־כוס....

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (דערלאַנגט אַ גלעזעל אָלגאַ׳ן) : לאָמיר אויסטרינקען צוזאַמען!

אָ ל ג אַ נ י ק. : איך וויל ניט טרינקען.

גלוכאָווצעוו: אומזיסט! אין אייער לאַגע קען מען אָהן דעם ניט אויסקומען.

אנופרי (הויבט אָן): וועסטו שטאַרבען, וועט מען בעגראָבען....

גריגאָרי (כאַפּט אונטער): ווי ניט געווען אויף דער וועלט...

גלוכאָווצעוו (קוקענדיג אויף אָלגאַ שטרענג): וועסט מעהר שוין ניט אויפשטעהן צו שמחות פון דיינע פריינד...

צוזאַמען (אין כאָר): גיס זשע אָן, מיין חבר, דעם לחיים־כוס, גאָט וויים, גאָט וויים וואָס ווייטער פּאַסירען וועט מיט אונז.

יעוודאָקיאַ: פאַר וואָס זשע זינגסטו ניט, אָליענקאַ? זי האָט דאָך אַזאַ שעהנע שטימע, גריגאָרי איוואַנאָוויטש. איך האָב דאָך אַזוי געטרוימט אריינצוגעבען זי אין קאָנסערוואַטאָריע!

אָלגאַ ניק.: ווישט אָב דאָס מויל, מאַמע; איהר זייט אין גאַנצען פערשמירט פון שאָקאָלאַד.

גריגאָרי: אָליענקאַ, פאַר וואָס זשע זינגסטו ניט, האַ? און פאַר וואָס טרינקסטו גאָר נישט? דאָס טויג ניט! מאַמאַשינקע, זאָגט איהר, אַז דאָס איז ניט טאַקטיש. דאָ איז אַזאַ געזעלשאַפט!... טרינק דאָך אָליענקאַ, טרינק די זיסינקע.

אָלגאַ ניק.: איך וויל ניט. איך האָב קאָפּ־שמערצען.

גלוכאָווצעוו: טרינק!

גריגאָרי: נו, פאַר וואָס רעדט איהר אַזוי, קאָלעגע? זי וועט שוין טרינקען. טרינק אָליעטשקע.

גלוכאָווצעוו: טרינק! אַלע פּראָסטיטוטקעס טרינקען.

יעוודאָקיאַ: וואָס הייסט? וואָס ערלויבט איהר זיך, הערר גלוכאָווצעוו?

אנופרי: הער אויף, קאַליאַ. אז ניט, געה איך גלייך אוועק.

גלוכאָווצעוו (קלאַפּט מיט׳ן פויסט אין טיש): טרינק פּראָסטיטוטקע!

א נ ו פ ר י (כאַפּט איהם אָן פאַר'ן האַנד): הער אויף, קאַליא! זאָלסט ניט סמעיען! דו ביזט פון זינען אראָב!

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: אזא אינגעל! אזא גראָביאַן! איך וועל ניט ערלויבען, אַז מען זאָל מיין טאָכטער בעליידיגען.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: דו שווייג, פּאַסקודסטווע!

אָ ל ג אַ נ י ק.: שווייג, מאַמע, שווייג — קאַליא! קאַליעטשקאַ, קום צו זיך!

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: איך וועל אָבער ניט ערלויבען! האָט זיך אַריינגעריסען אין הויז און בעליידיגט. הערר אָפיצער, וואָלט איהר זיך וועניגסטענס איינשטעלען פאַר אַ פּרויענצימער.

א נ ו פ ר י (האַלט איהם צו): זייַ אויף אַן אָרט, גרישאַ!

ג ר י ג אָ ר י: ערלויב נור, אַנופרי! לאָז מיך! — הערט, קאָלעגע, דאָס איז ניט גוט אַזוי. דאָס איז ניט סטודענטיש. פאַר וואָס זאָלט איהר בעליידיגען אַ פּרויענצימער? דאָס איז ניט טאַקטיש. איהר טראָגט אַ מונדיר, יונגער מענש!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו (אויפשטעהענדיג): און ווער ביזטו?

אָ ל ג אַ נ י ק.: קאַליא!

א נ ו פ ר י: זייַ דאָך, גרישאַ, זייַ אויף אַן אָרט!

ג ר י ג אָ ר י (שטעהט אויף): ווער? איך? דאָס הייסט, ווי? וואָס ווילט איהר דערמיט זאָגען? און ווער האָט אייך געגעבען דאָס רעכט צו „דו"-צען?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: און ווער ביזטו? רייד!

ג ר י ג אָ ר י: איך בעט אייך אַנטשווייגען צו ווערען!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: דו ביזט — אַ פּאַדליעץ!

ג ר י ג אָ ר י: וואָס? (רייסט זיך צו גלוכאָווצעוו, אָבער אָלגאַ און אַנופרי האַלטען איהם אָב.) זאָג נאָך אַמאָל! — לאָזט מיך!

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: פּאַדליעץ! הערסטו שוין? דו רעדסט וועגען עהרע, וועגען רחמנות, און אַליין קויפסטו מיידלעך?

ג ר י ג אָ ר י (געשטיקט פון בעס): וואָס? וואָס? וואָס? לאָזט מיך, זאָג איך אייך! די הענד נעהמט אַוועק!

(טומעל. געפּילדער. יעוודאָקיאַ קווימשעט: „אַרויס! אַרויס!"
און וואַרפט זיך צו גלוכאָווצעוו'ן. ער שטויסט זי אָב און זי פאַלט
אויפ'ן דיוואַן.)

יעוודאָקיא: אָוי, ער האָט מיך דער'הרג'עט! ראַטע־וועט! דער'הרג'עט!...

גריגאָרי (רייסט זיך אויס): לאָזט מיך, זאָג איך אייך! אַ־אַ־אַ, טייפעל. נו, איצט לאָמיר אָקאָרשט ריידען. וואָס האָט איהר זיך ערלויבט צו זאָגען?

גלוכאָווצעוו: אָט וואָס! (גיט אַ שפּרונג צום ווינקעל און כאַפּט דעם קינזשאַל.) נו, קום אַהער!

אַנופרי: קאָליאַ, וואַרף דאָס אַוועק! הער אויף, קאָליאַ!

אָלגאַ ניק. (וואַרפט זיך צו גלוכאָווצעוו'ן): קאָליעטשקאַ! בעדענק זיך! בעדענק זיך, קאָליעטשקאַ! וואָס איז מיט דיר?

גלוכאָווצעוו (פּאָכעט מיט'ן קינזשאַל איבער'ן קאָפּ): טרעט אָב! איך צוהאַק!

יעוודאָקיא: ראַטעוועט! ראַטעוועט! ער האָט מיך ערמאָרדעט!....

אַנופרי: שווייג דאָרט, דו קליאַטשע!

גריגאָרי (זוכט אין טאַש, פּלאָפּלענדיג): אַהאַ, איז אָט וואָס! פערשפּאַרט? נו, וואַרט זשע, דו! וואַרט....

גלוכאָווצעוו (צו אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ וועלכע האָט זיך איהם אָנגעטשעפּעט אָן די פּיס): זיי מיר ניט אין וועג,הערסטו? אָט יענעם דאַרף איך! לאָז, אז ניט צוהאַק איך!

גריגאָרי (ציהט אַרויס אַ רעוואָלווער): אַהאַ, אָט איז דאָס. (ציעלט זיך מיט'ן רעוואָלוער אין גלוכאָווצעוו'ן): נו, ווי רופט מען אייך דאָרט... פריילין, אייער קעפּעלע נעהמט אַוועק, אז ניט קען איך פאַלש ציעלען.

אָלגאַ ניק. (כמעט היסטעריש): ניין, ניין! ניין! דער־שיסט מיך, דערשיסט!

אַנופרי: קאָלעגע, איהר זייט פון זינען אַראָב.

(אַנופרי כאַפּט אַרום דעם אָפיצער אין וואַרפט איהם אַניעדער

אויף די דיעלען. אַ קאַמפּף. אין דער זעלבער צייט געלינגט אָלגאַ'ן אַרומנעהמען גלובאָווצעוו'ן און אָבנעהמען פון איהם דעם קינזשאַל.)

ג ל ו ב אָ ו ו צ ע ו ו (זינקט אין שטוהל און פערדעקט אונבע־הילפיג דאָס געזיכט מיט די הענד): אָליאַ, אָליאַ, וואָס האָסטו געמאַכט פון מיר?

אַ נ ו פ ר י (אָהן אָטהעם): דעם רעוואָלווער, דעם רעוואָלווער! (האַלט אין דער הויך דעם רעוואָלווער.) דעם רעוואָלווער נעהמט צו! שנעל, אַלטע מכשפה!

ג ר י ג אָ ר י (צאַפּעלט זיך): ניין, ווארט, לאָזט מיך.

אַ נ ו פ ר י: אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ, נעהמט איהם, גיכער!

אָ ל ג אַ נ י ק.: גלייך! גלייך! (כאַפּט דעם רעוואָלווער און לויפט מיט איהם אין שלאָפצימער.)

ג ל ו ב אָ ו ו צ ע ו ו (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ פערצווייפעלט): אָליאַ... אָליאַ....

י ע ו ו ד אָ ק י אַ: אָך! אָך! אָך!

אַ נ ו פ ר י: נו, גענוג, גרישאַ. אויסגעוועלגערט זיך אַביסעל, און גענוג. שטעה אויף ברודער'ל!

ג ר י ג אָ ר י (ווילד): דאָס.. דאָס איז דאָך אַן אַטאַקע!... דעם רעוואָלווער גיב.

אַ נ ו פ ר י (אומאַרעמט איהם): נו, גרישאַ, נו ליעבינקער. גיב אַ שפּיי אויף דער גאַנצער געשיכטע. דאָס איז קיין אַטאַקע. דער אינגעל איז איינפאַך בעזויפען. אָט זיצט ער, זעהסט דאָך, אַ צוקראָכענער.

ג ר י ג אָ ר י: ניין, אָבער וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער?

אַ נ ו פ ר י: רעכט? ביי אַ שכור'ען רעכט? זיי דאָך גרויס־מוטהיג, גרישינקע! ער איז דאָך נאָך גאָר אַ אינגעל!

י ע ו ו ד אָ ק י אַ (קומט צו זיך): אַרוים! הערר גלובאָווצעוו, איך בעט אייך, איהר זאָלט פערלאָזען אונזער הויז. (צואווינט זיך.) מיין גאָט, פאַר וואָס? פאַר וואָס?... ווער האָט אייך געגעבען דאָס רעכט אויף אונז, אונגליקליכע? אָליאַ, אָליענקאַ! (וויינט.)

ג ר י ג אָ ר י: ניין, אנופרי. ער דאַרף איבערבעטען. איך קען דאָס אזוי ניט לאָזען... איבערבעטען, ענטשולדיגען זיך...

א נ ו פ ר י: נו, אויך אַ וויכטיגע זאַך — ער וועט זיך ענט־שולדיגען, וואָס איז דאָרט אזוי וויכטיג? מיינסט, גרישאַ, אַז ער געדענקט וואָס ער האָט געטהאָן, וואָס ער האָט געפּלוידערט? קאָילקאַ, בעט איבער!

ג ר י ג אָ ר י: יאָ, איך פאָדער אַן ענטשולדיגונג.

אָ ל ג אַ נ י ק.: לאָזט נאָר, ער וועט, ער וועט זיך ענטשול־דיגען, לאָזט! קאָליעטשקאַ, לעבען מיינער! טהייערער מיינער!

א נ ו פ ר י (געהט אונטער צו יעוודאָקיאַ): אָט וואָס, מאַמאַשע, איהר טראָגט זיך בעסער אָב פון דאַנען. און אָלינקע'ן נעהמט אויך צו. אַז ניט קען נאָך וויעדער וואָס ארויסקומען. און איך בין שוין מיעד, אזוי ווי איך וואָלט קאָמאַנדעוועו אַ מאַנעוורע אַ גאַנצע.

י ע ו ו ד אָ ק י אַ (וויינענדיג): וואוהין זאָל איך געהן? וויעדער אויף דער גאַס? איך האָב שוין אזוי אויך קיין פּיס ניט. וואוהין טרייבט איהר מיך?

א נ ו פ ר י: געהט אַוועק צו אונז אין נומער, אָבער שטילינ־קערהייד, אַז קאָילקאַ זאָל ניט בעמערקען.

ג ר י ג אָ ר י: אנופרי ניקאָלאַיעוויטש, איך וואַרט דאָך.

א נ ו פ ר י: איל זיך ניט גרישאַ. לאָז איהם קומען צו זיך. טרינק דערווייל אוים אַ גלעזעלע.

ג ר י ג אָ ר י: דו ביזט אַן אַדעלמאַן, אנופרי, פערשטעהסטו דאָך, אַז איך קען עס אזוי ניט לאָזען.

א נ ו פ ר י: איך פערשטעה, גרישאַ, איך פערשטעה. ווי זאָל איך אַזאַ זאַך ניט פערשטעהן! אָט וואָס, אָלינקאַ. איהר נעהמט אַקאָרשט אייער מאַמאַשינקע'ן און היידאַ צו אונז אין נומער. ביי אונז זיינען דאָרט צוויי בעטען. נעכטיגט איבער דאָרט, און מיר דאָ.

אָ ל ג אַ נ י ק.: אָ, ניין, איך קען איהם דאָ אַליין ניט לאָזען, איך קען פון איהם ניט אַוועק. איך האָב מורא פאַר דיעזען אַפּיצער.

א נ ו פ ר י: פערשטעהט איהר דען ניט, אַז דאָס איז אַלעס

איבער אייך, איבער אייך און איבער אייך! געהט דאָך אַוועק! און איך וועל איהם דאָ אַזוי פערוויעגען, אַז ער וועט אפילו אויף אייך פערגעסען.

אָ ל ג אַ נ י ק. : ליעבינקער! (שלעפּט די מוטער.) קום, מאַמע, קום!

י ע ו ו ד אָ ק י אַ (וויינענדיג): וואוהין וועל איך געהן? (געהט שאָקלענדיג זיך, ניט זעהענדיג דעם וועג. אָלגאַ פיהרט זי און פערבייגעהענדיג גיט זי אַ קוס אַנופרי׳ס האַנד. אָב.)

אַ נ ו פ ר י: וואָס איז מיט אייך, אָלגאַ ניקאָלאַיעווגאַ!

ג ר י ג אָ ר י (כמעט וויינענדיג): ניין, דו זאָג אַליין, אַנופריי־טשיק, וואָס האָט ער צו מיר, האַ? וואָס האָב איך איהם געטהאָן, האַ?.... איך בין געקומען קיין מאָסקווע, האָב איך געמיינט: גוטע מענשען, סטודענטען...

אַ נ ו פ ר י: וואַרט, גרישאַ, באַלד, באַלד! — קאָליאַ, הער, אויב דו וועסט גלייך ניט בעטען אום ענטשולדיגונג מיין בעסטען פריינד, גריגאָרי איוואַנאָוויטש, ביזטו אַ שווין און וויטער גאָר־נישט, און אוים חבר. פערשטעהסטו?

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: וואָס דאַרף ער? וואָס וויל ער?

אַ נ ו פ ר י: דו דאַרפסט זיך ענטשולדיגען. ביזט שכור און האָסט איהם בעליידיגט.

ג ל ו כ אָ ו ו צ ע ו ו: נו, בין איך שכור. נו, האָב איך בעליי־דיגט. נו, ענטשולדיג איך זיך! איהר האָט מיר אַלע דערעסען!

אַ נ ו פ ר י: ער האָט זיך ענטשולדיגט, גרישאַ, האָסטו געהערט?

ג ר י ג אָ ר י: געהערט. נו, און זאָל ער געהן צום טייפעל! אַ אינגעל! האָט אויסגעטרונקען אַ פּאָאר גלעזלעך און שוין אַ פּאַרטיגער. ווען ניט דו, ברודער לעבען, וואָלט איך איהם דאָך דער־שאָסען, ווי אַ הונד, אָט האָסטו דיר.

אַ נ ו פ ר י: עך, גרישאַ, גרישאַ, מיר זיינען דאָך אַלע מענ־שען, און אפילו אַ הונד דאַרף מען אַ טראַכט טהאָן איידער מען דערשיסט. גלויב מיר, איהר זייט ביידע, ווי ער, אַזוי דו, וואוילע,

זעהר וואוילע מענשען. נור דאָ איז איינפאַך: דער בייזער שיקזאַל און די גרויזאַמע פערבינדונג פון אומשטענדען. (שטיל) דו פערשטעהסט ניט, ער איז דאָך פערליעבט אין איהר, אין דאָס מיידעלע.

גריגאָרי: אַזוי. אָט איז אַ נאַר! פאַר וואָס זשע האָט ער דאָס מיר גלייך ניט געזאָגט — זעהר נויטיג דאַרף איך זיין אָלינקע'ן. בין איך דען צוליעב דעם געקומען אַהער? אָ, נור דו אַליין פערשטעהסט מיך, אַנופרייטשיק — גיב מיר אַ קוש, ברודער'ל!

אַנופרי: מיט פערגעניגען, גרישאַ. דו ביזט בנאמנות א בעסערער מענש איידער דו אַליין פערשטעהסט אפילו. נו, קאָילקאַ, געה קאָניאַק טרינקען!

גלוכאָווצעוו: וואו?

אַנופרי: וואו? אָט דאָ אונטער דיין נאָז. אַי ברודער, דו ביזט שוין גאָר פערזויערט געוואָרען.

גריגאָרי: הערט קאָלעגע, איך שווער אייך, אַז איך האָב דאָך פון קיין זאַך ניט געוואוסט.

אַנופרי: האָסטו געהערט, קאָילקאַ. נו, געה דאָך צוקוש זיך מיט איהם.

גריגאָרי: געוויס, אויב נור פון טיעפען האַרצען, בין איך אַלע מאָל פאַרטיג.

אַנופרי: וואָס פאַר אַ פראַגע, געוויס פון טיעפען האַרצען. אַך, קינדער מיינע! איהר ווייסט ניט ווי ליעב איך האָב שטילקייט, רוהע און אָרדנונג. האַרמאָניע אין די הימלען און קאָניאַק מיט צוקער און ציטראָן אויף דער ערד.

גריגאָרי: דו ביסט דאָך אַן אמת'ער פּאָעט, אַנופרייטשיק! דו שרייבסט אודאי פּאָעזיע. לעז אונז פאָר עפּעס אַזעלכעס, פּאָעטישעס.... האַ?

גלוכאָווצעוו (צוגעהענדיג): וואו איז קאָניאַק?

אַנופרי: איך וועל ניט געבען, וואו דו וועסט זיך ניט צוקושען. וואָס זשאַלעוועסטו? די ליפּען וועלען אָבדאַרען, וואָס?

גלוכאָווצעוו: נו, רעכט, נו. דו זיי אויף מיר ניט

בייז, קאַמעראַד. גלויב מיר, איך שווער דיר, אַז עס איז מיר זעהר, זעהר ביטער אויפ'ן האַרצען. נו, לאָמיר זיך צוקושען.

ג ר י ג אָ ר י: און דו ביזט אויף מיר מעהר ניט ברוגז? (נעהמען זיך אַרום און קושען זיך.)

אַ נ ו פ ר י: אָט אַזוי אָ! פאָרוועַרטס, ברידערלעך! אַך, ווי אַנגענעהם וועט דאָס איצט זיין אויסצוטרינקען אַ גלעזעלע — דאָס געהט דאָך צו אַזוי בלויז אין ראָמאַנען. און וואָס איז דען אַ ראָמאַן? אַ ראָמאַן איז דאָך בלויז בעלעטריסטיק, און דאָ, ברודער גרישאַ, איז דאָך די הייליגע ווירקליכקייט! אַלזאָ — אַ קנאַק!

(אין טהיר ווייזט זיך אונטערטהעניג אָלגאַ; אַנופרי מאַכט צייכענס מיט'ן האַנד, זי זאָל אַוועק; זי פערשווינדט.)

אַ נ ו פ ר י: צום טייפעל! מאָרגען נעהם איך מיין העקעל מיט'ן פעקעל און קלייב זיך אַריבער ערגעץ אין אַ שטילער פאַמיליע... אָט זיינען די אַנאָנסען פון אַזעלכע קוואַרטירען. (שלעפּט אַרויס שטיקלעך צייטונג פון קעשענע.) איך ווייס נור ניט, גרישינקאַ, וועלכע אויסצוקלייבען. דאָ איז פאַראַן איין קוואַרטיר ביי אַ לעהרער פון דייטשער שפּראַך. ווי מיינסטו מיט דער דייטשער שפּראַך קען מען רוהיג לעבען? איך מיין אַז רוהיג. אַן ערנסטע, אַ וויסענשאַפטליכע שפּראַך...

ג ר י ג אָ ר י: און איך וועל דאָס דיך אַזוי אַוועקלאָזען מיינסטו! מאָרגען, ווי איך וואַש זיך נור איין געהען מיר צוזאַמען צערקוועס בעקוקען. דו וועסט מיר ווייזען.

אַ נ ו פ ר י: פון מיינטוועגען!... צערקוועס? זאָל זיין צערקוועס.

ג ר י ג אָ ר י: אַך, איך ווער דאָך משוגע פון גליק! ליעבע מיינע, טהייערע קאַמעראַדען. לאָמיר גאָר שמועסען וועגען גאָט.

אַ נ ו פ ר י: ניין, גרישאַ, לאָמיר בעסער וואָס זינגען.

ג ר י ג אָ ר י: זינגען? איז לאָמיר זינגען. (הויבט אָן דירי-זשירען מיט די הענד און זינגען.) שנעל ווי די כוואַליעס.... (גלוכאָוו-צעוו לעגט אַוועק דעם קאָפּ אויף'ן טיש און שלוכצעט.) זיינען די טעג פון אונזער לעבען...

ג ל ו ב א ו ו צ ע ו ו (מיט ביינקשאַפט): מיין גאָט! אפילו זינגען קענסטו ניט מיט הארץ!

א נ ו פ ר י (כאַפּט אונטער): וואָס א טאָג אלץ ווייטער, אלץ נעהנטער צום קבר...

(אין טהיר ווייזט זיך אָלגאַ, אַ בלייכע, מיט צועפענטע אויגען אויף דעם וויינענדען גלוכאָווצעוו; ציהט זיך צו איהם.)

ג ר י ג אָ ר י און א נ ו פ ר י (צוזאַמען): גיס זשע אָן, מיין חבר, דעם לחיים־כוס, גאָט ווייס וואָס מאָרגען פאַסירען וועט מיט אונז...

אָ ל ג א נ י ק. (וואַרפט זיך אויף די קניע פאַר גלוכאָווצעוו'ן שלוכצענדיג): ליעבער מיינער! לעבען מיינער! טהייערער מיינער! (פּוייפט ביטער.)

ג ר י ג אָ ר י (דיריזשירענדיג): שטאַרבסטו וועט מען בע־גראָבען, זאָ ניט געוועזן אויף דער וועלט...

א נ ו פ ר י: דו וועסט שוין מעהר ניט אויפשטעהן צו שמחות פון דיינע פריינד...

(פ אָ ר ה א נ ג פ א ל ט ל א נ ג ז א ם.)